STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04471

FARRUNDIKTE LEGENDE

Leibl Kupershmid

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליבל קופערשמידט

פֿאררונדיקטע לעגענדע

דראַמאַטישע פּאָעמע

פאַרלאַג „אַליין"
תל־אביב, 1966

©
נדפס בישראל, 1966
Printed in Israel, 1966

דפוס „אורלי", תל־אביב, רח' יסוד המעלה 27, טלפון 32062

פערזאָנען

ירמיהו הנביא
חלקיהו, זיין פאָטער
רוחמה, זיין מוטער
זבדי, אַ פויער
פועה, זיין פרוי
תמר, זייער טאָכטער
זבולון, אַ וואַסערטרעגער
וואַנדער־הענדלער
פרעמדער אורח
שיר־אל, אַ פריסטערין און טענצערין אינעם עשתורת־טעמפּל
אַכאַבאַראַ, אַ שקלאַפן־הענדלער און מלווה
לוסיל, ווירטשאַפטלערין ביי אַכאַבאַראַ
גערשנום
סאַראַסי
פינון
חובות־אויפמאַנער ביי אַכאַבאַראַ
אַקאַנאַר, שקלאַפן־הענדלער
שראצר
שפן הסופר
עוזיאל רופא
עגיפּטישע טענצערין
אַ נעגער
רויבער פון אדום
חשבון־גאון

נשמות פון חדר־יינגלעך און אַנדערע געשטאַלטן

פרעלוד

די נשמות רינגלען זיך אַרום און טראָגן זיך אין זייער צויבער־קרייז אַוועק
און שוועבן מיט מיר צוריק צום ערשטן פונקט פון אונדזער דערנער־וועג.
ווי זייגער־ווייזערלעך אויף בלעטלעך, באַציפּערטע מיט ברידער־גריבער,
אין ריטעם שוויגנדיקן אין שטיל־געהעמטן פיבער.
זיי טראָגן זיך אַריבער אויף יענער לויכטנדיקער זייט
צום ראַנד פון אונדזער בראשית־צער און יאושן און — פרייד.
צום אורליכט־ערשטיקן, צעפליגלטן און גיכן;
און אורטרוימען אויף דער בשורה פון משיחן
וואָס וועט אַלע גלותן אַריבערקאָלערן אינעם צוגעזאָגטן לאַנד.
אויפגעלייזט זייער גאולה־טרוים האָט — פאַרצערנדיקער בראַנד.
שוועבן זיי אַוועק און קומען צוריק מיט זייער נישט דערלויכטנדיקן ליכט.
און דעם נאָענטן, פרעמדן אורח, זיי נעמען מיט מיט זיך.
ווער איז ער? אַ כבד־פּה, וועמענס זילב ווערט אין זיין כאָרכל־קעל
אויף טויזנט אָפּשפּריצן צעריסן און צעטיילט.
און דאָס מעשהלע האָט זיין טאַטע אים דערציילט —
אין אַ סאָד אין אַ גלות־סלאַווישן תשעה־באב באַנאַכט,
און אין המשך פונעם סיפור האָבן אַלע נפשות פון דער שכחה אויפגעוואַכט
פון ווייטע פינצטערקייטן אויפגעלויכטן
און אויפגעבליט פון ווייטן וויאַנען,
און איך האָב זיי געזען נעבן זיך און פון זייער שטילקייט
גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען.
נאָר דער טאַטע געשמועסט מיט זיי האָט סתרי־תורה נאָך אין חדר,
און אין די נעכט פון תשעה־באָבן געפינצטערט ביים שטענדער
אומגעוואָרפענעם אין זייערע שוואַרצע אָבל־קליידער.
אַזוי אַז ווען דער בראַנד־אָקעאַן האָט אים פאַרשלונגען אין זיין כוואַליע.
מניה־וביה האָט ער זיך געפונען שוין אין זייער ליכטיקער פמליה.
קומען זיי איצט זאַלבענאַנד צו מיר — נישט בלויז אין די נעכט פון תשעה־באָב,
נאָר אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, סיי אויף דער וואָר און סיי אין שלאָף.
זיי זענען אַלע שוין: יזכור־בענקשאַפטן, וואָס לעשן זיך און צינדן זיך און גליען.
זיי זענען אַלע שוין: פון ספרי־תורהס אָפּגעפלאַקערטע די אותיות, וואָס פליען.

איך פלאָנטער זיך אין זייער פאַרווירונג אי היימישלעך, אי פרעמד,
זיי וואַרפן זייער ווייַ אויף מיר אַרויף ווי אויף אַ נאַקעטן — אַ העמד —
מיט אַן ענגן האַלדז־קראַגן, וואָס יאָגט די אַפּלען מיר אַרויס
פאַרקיילעכדיקט פאַרגלייסטע.
הינטער אונדז — אַ כמאַריקער געזעמל פון יאָמערדיקע גייסטער
מיט זייער צער זיי שלאָגן מיך און אין מיינע שלייפן האַמערן.
ביי מיר זיי זוכן לעבן, כדי דערין זייער אום־ממשות אַנצוקלאַמערן.
קליידן זיי זיך אַן אין אונדזער לעבעדיקער פּיין
און לאָזן אונדז שוין מער קיין רגע נישט אַליין.
מאַכן מיר אַ רעש מיט אונדזער אָפּגעזעגנטן פליגל־פּאַך
כאַפּן זיך די שדים אויף און לויפן צעפּלאָשעטע אונדז נאָך.
בעטן מיר אין וואָגל־פלי און זענען שטיל צו גאָט מתפּלל,
שפּייען זיי אין אונדזער מחזורל אויף די קורצע פּסוקימלעך פון הלל.
שדים דאַרפן: שרפה־פּיין און טויטע ווייען
און הייליקייט, כדי דערויף אַרויפצושפּייען.
מיט אונדזער אַנגסט און בענקשאַפטן אויף מעסער־שטעך צעקריגט —
שרייבן זיי אַ הימן צו אַשמדאי מיטן בלאָ פון אַ זויג־קינדס גסיסה־בליק.
אויסגערינען אין די קרבנדיקע נע־ונדן,
געטריבענע דור־איך דור־אויס פון מצורהדיקע נבוזרדנס.

— — — — — — — — — — —

ווייכן גייסטער לויטערע, פליען אָפּ אין שרעק פאַר זיי
און בלייבן מיט זייער צער און ווייַ
אויף יענער זייט פון אונדזער עבר שטיין
פּשוט: נישטאָ קיין צוריקוועג וווּ צו גיין.
און זיי לייענען פונעם מעשה־ביכל ביים ברענענדיקן מקדש־ליכט
אינעם פרעמדן אורחס הענט וואָס זיי ציען נאָך נאָך זיך.
און דערמאָנען אַלע די, וואָס האָבן ביז זייער לעצטער גסיסה־פּיין
זייער קדושה וטהרה נישט געלאָזט מחלל זיין...

ערשטער אַקט

ע ר ש ט ב י ל ד

(אַ גרויסער זאַל, אין דער מיט אַ לאַנגער, נידעריקער טיש פון רוי האָלץ, אַרומגעשטעלט מיט נידעריקע שטיינער אַנשטאָט שטולן. קעגנאיבער דעם צושויער־זאַל — אַ בראָנזענע מנורה אויף אַ נידעריקן הילצערנעם אַלמער. אינעם רעכטן פליגל פון דער בינע אַ קאַמין, פון וועלכן עס קרייזלט אַרויס אַ קוים באַמערקבאַר דין רויכעלע. איבערן קאַמין, אַ טונקל־גרויליכער פלעדערוויש. לינקס — אַ קליינע שטיינערנע קאַרן־מיל; דערנעבן — אַ לענגלעכער טונקל־גרינער קופערט. נעבן טיש שפּילט זיך אַ ווייס, קליין קעצעלע, מיט אַ ווייס קנוילעכל פּלאַקס).

רוחמה (קניט אויפן דיל, אַריבערגעבויגן איבער דעם מילכל, און דרייט דעם שווערלעכן שטיין. זי ווישט דאָס פּנים מיטן ברייטן העלבלויען אַרבל און זינגט שטילערהייט)

אויף מיין שטערן איך פיל גאָטס וואַרעמען אָטעם.
איך בין זיין טאָכטער פון די געקליבענע שבטים,
ער ציט אונדז אַרויס פון די טיגלען פון טומאה
און לייטערט מיט ליבע אונדזער האַרץ און נשמה.
זיין רחמים וואַכט ביי אונדזערע שוועלן,
זאָל זיין גאָב, דאָס טעגלעכע ברויט, אונדז נישט פעלן.
יעדער שאָרך פון אַ בלעטעלע זינגט אונדז זיין פּראַכט,
ער צינדט נשמהלעך אָן אין אונדזער מוטער־טראַכט,
ער שיקט אַרויס זיין מנורה יעדן אינדערפרי
און שיקט די ברכה אין אונדזער מי.
מיט אונדזערע מענטשלעכע ליידן — ער ליידט
און פרייט זיך מיט אונדזער פרייד.

(די טיר עפנט זיך מיט אַ האַמעטנער שווערער סקריפּעריי. אַ ייִנגל מיט שטיפערישע שוואַרצע אויגן, אין אַ גראָבלעך ווייס לייוונטן העמד, גייט אַריבער דער שוועל. ער דריקט אין דער פויסט פון דער רעכטער האַנט דעם האַלדז פון אַ צאַפּלדיקער, זיך קרויזלדיקער שלאַנג. דאָס באַשעפעניש וואַרפט פונעם פּיסק שנעל מיניעדיקע גרינע שאַרפן, ווי קליינע קלינגלעך פון אַ לענגלעך שערל. קליינע פויזע. רוחמה טוט זיך אַ ריס פונעם אָרט און כאַפּט דעם מילשטיין. י ר מ י ה ו דריקט צו דעם קאָפּ פון שלאַנג צום

דיל. און רוחמה דריקט אייפעריק צו דעם מילשטיין אויפן קאָפּ פון שלאַנג. דאָס באַשעפעניש מאַכט עטלעכע קאָנוואָלסיוועַ באַוועגונגען און בלייבט ליגן פאַרגליווערט. קליינע פויזע. זי רייסט אין פיבער־שרעק דאָס העמדל פון יינגלס לייב, טאַפּט אים אַרום, שאַרצט אים אַרויף די אויגן־דעקלעך און קוקט אַנגסטיק אין זיי אַריין)

רוחמה

וואָס איז מיט דיר, ירמיהו?
וואָס פאַראַ שפּיל איז דאָס מיט גיפטיקע שלאַנגען?

ירמיהו

זי האָט זיך צוגעשלייכט צו תמרס פיס, בעת זי איז איינגעשלאָפן אינעם גערטנדל, כ'האָב די מחבלטע אָנגעכאַפּט ממש אין דער לעצטער רגע.

רוחמה

פילסט אינערגעץ נישט קיין ווייטיק?

ירמיהו

דער גיפט פון אַ שלאַנג טוט נישט וויי,
נאָר דער גוף בלאָזט זיך אָן
און מען שטאַרבט.

רוחמה (פאַרשטעלט אים דאָס מויל מיט דער לינקער האַנט)

אל תפתח פה לשטן,
בייס דיר אָפּ די צונג,
דו שקאָצישער ווילקענער.

ירמיהו

כ'האָב פאַר שרעק שיער נישט געוואָלט אַנטלויפן,
נאָר גאָט האָט נעכטן אין חלום מיך געוואָרנט,
אַז כ'זאָל פון פּחד נישט ווערן קיין רוצח.

רוחמה

האָסט געראַטעוועט אַ מענטשנס לעבן
און געשטעלט דיין מאַמעס לעבן אויף דער וואָגשאָל.

ירמיהו

די תורה לערנט: ואהבת לרעך כמוך,
נמצא: אַז ווען תמר שטאַרבט
בין איך אַליין דאָך דער געשטאָרבענער.

רוחמה

דאָס האָט אין בית־מדרש דער רבי דיך געלערנט?

ירמיהו

ניין.

רוחמה

פון וואַנען זשע ווייסטו דאָס ?

ירמיהו

פון דיר, מאַמע.

רוחמה

פון מיר ?

ירמיהו

אַט ביסטו אויך נישט אַנטלאָפן
ווען דו האָסט די שלאַנג געזען ביי מיר אין האַנט,
און פאַר שלאַנגען האָבן ווייבער דווקא מורא.

רוחמה

דו ביסט דאָך מיין קינד.

ירמיהו

און זי איז דאָך — איך אַליין. (פאַרהאַקט זיך)

רוחמה (מיט אַ שמייכל)

האָסט זי ליב ? (אַ שווייגן)
ווי פאַר אַ זיבן־יאָריק יינגל
ביסטו מיר צופיל חכם.

(קליינע פויזע. רוחמה נעמט דעם פלעדערוויש פונעם קאַמין, שטויבט אָפּ די ווינקלען, בייגט זיך אַריבער אין דער טונקעלער פאַרטיפונג, נעמט אַ הילצערן לעפעלע זאַלץ און שיט אַריין אינעם זידנדיקן טיגל. זי שעפּט אָן אַ לעפל עסן, פאַרזוכט און פאַרהוסט זיך. ירמיהו לויפט צו צו איר און נעמט זי ביי אַ האַנט. זי בייגט זיך איבער, פּאַטשט אים שמייכלדיק און שטופּט אים לייכט אָפּ פון זיך. זי נעמט פונעם קאַמין־ווענטל אַרויס אַ ציגל און וואַרפט אַריין צוויי דינע שיטלעך האָלץ. קליינע פויזע)

ירמיהו (זעצט זיך אין אַ שאָטנדיקן ווינקל און רעדט מיט אַ שטילער, פאַרחלומטער שטים)

גאָט איז צו מיר אין חלום געקומען
און מיט הענט פון אַ טאַטן דעם קאָפּ אַרומגענומען,
אויפגעהויבן מיך, דעם שלאָפנדיקן, פון דער ערד.
און איך האָב זיין פאַרכטיקע שטימע געהערט.
עפּעס האָט ער מיך געוואָרנט
און עפּעס באַפוילן,
עפּעס וואָס פאַר מיר אַנטפּלעקט
און — עפּעס — וואָס פאַרהוילן.
און פונקט, ווי די מאַמע, מיר דערלאַנגט

אַ לעפּעלע רפואה,
האָט ער אין מיין קעל אַריינגעטריפט,
טראָפּנס ביטערע נבואה.
און ס׳האָט זיין וואָרט מיין קעל געטריקנט:
וועסט גיין אַהין ווו כ׳וועל דיך שיקן
און פונאַנדערטראָגן
די האַרבע ביטערניש פון מיינע רייד.
גורט זיך אָן מיט קראַפט,
זיי גרייט,
מיטן פּנים פון אַ קינד,
מיט אַ האַרץ דורכגעווייטיקט
פון אַ גראָען גרייז.
וועסט זיין מיין דראָונג און מיין בשורה־טרייסט,
און — זיין אַליין. (קליינע פּויזע)
האָב איך אינעם קישן שטיל געוויינט
און געבעטן:
דערבאַרעמדיקער גאָט!
איך בין אַ קינד,
שרעקעוודיק און קליין.
האָט ער אינעם מויל מיך געקושט
און די שרעק פון פּנים אָפּגעווישט.

רוחמה (איינגעבויגן אין דער טונקלקייט פון הינטער דער קאַפּע)
מיט וועמען רעדסטו דאָרטן, זונעלע?

(קורצע פּויזע. אויף דער שוועל בלייבן שטיין פּועה מיט איר קליינער טאָכטער ת מ ר, וואָס האַלט זיך אָן אין דער מוטערס קלייד)

ברוכות הבאות.

פּועה
איך בין געקומען דיר דאַנקען
פאַרן געראַטעוועטן לעבן פון מיין טאָכטער.

(תמר לויפט אַרויס, פירט אַריין אַ וויס שעפּסעלע און דערלאַנגט עס ירמיהון. רוחמה שמייכלט מיט גליקזעליקייט)

פּועה (צו ירמיהו)
אַ מתנה פאַר דיר, ירמיהלע.

ירמיהו (שטופּט לייכט דאָס שעפּסעלע פון זיך)
פאַר אַ מצווה טאָר מען נישט נעמען קיין פאַרגעלטונג.
(תמר שפּרינגט אויף אין שטוינונג)

פועה

העלפט אויף העלפט —

ביי איך וועט בלייבן דאָס שעפּסל,

און דעם „מעע" וועלן מיר אַהיים נעמען יעדן פאַרנאַכט.

ירמיהו

איך קאָן נישט,

איך טאָר נישט נעמען קיין מתנות.

(תמר בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ; די קינדערשע אַקסלען נעמען ביי איר ציטערן. רוחמה לויפט צו און שטופּט ברוטאַל אָפּ ירמיהון, דאָס יינגל קוקט אָן די מוטער מיט וויי און הכנעה. קליינע פּויזע)

רוחמה

האָסט זי מציל געווען אויף דעם,

כדי דו זאָלסט איר פאַרשאַפן צער? (זי וויזט שטרענג מיט אַ פינגער צו דער טיר)

אַרויס פון שטוב

די אותו רגע! (ירמיהו קוקט אָן די מוטער און גייט צו דער טיר מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ)

רוף פון פעלד אהיים דעם טאַטן

אויף מיטאָג־מאָלצייט (ירמיהו גייט. רוחמה גלעט תמרן איבערן קאָפּ, שאַרט אָפּ די לאָקן פון אירע אויגן. פון הינטערן פענצטער הערט זיך אַ מעלאָדישער גלעקל־געקלאַנג.

מענערישע שטים (אין עקסטאַז)

פריש וואַסער!

קוואַליק לעבעדיק וואַסער!

אַ גן־עדן טרונק פונעם יוצר המאורות,

פריש ווי די ווערטער פון דער הייליקער תורה!

וואַסער, וואַסער!

פועה (צו תמרן)

בלייב דאָ אַ רגעלע —

איך לויף אַריינעמען אַ קובל וואַסער. (לויפט אַרויס. רוחמה זעצט תמרן אויפן טיש, שמירט אָן אַ פּיתה מיט האָניק און דערלאַנגט איר)

תמר

אָבער איך בין נישט הונגעריק.

רוחמה

דו מאַך נאָר אַ ברכה

וועסט שוין קריגן אַפּעטיט

א יינגלערישע שטים (זינגעוודיק פון דרויסן)

וואַסער!
קיל, מחיהדיק, קלאָר און ריין —
נאָר וואָס אַרויסגעשלאָגן פון משה רבנו׳ס שטיין —
פאַרן ווידערשפּעניקן,
גאָסטפּאַרכטיקן כלל־ישראל.
איר האָט אַזוינס נישט געטרונקען קיינמאָל!
נישט קיין וואַסער — רפואה־טראָפּנס זיסע,
אַז קיין כותי זאָל דער טעם נישט וויסן!
מאַנספּערשוינען און נשים צדקניות,
קומט און פאַרלירט נישט קיין צייט!
איר זאָלט נישט וויסן פון פּורעניות,
אַז שעפּן זאָלט איר פון גאָטס לעבעדיקע קוואַלן — פרייד!

מענערישע שטים

מאַכט אַ „שהכל" —
וועט איר פון מיר אַן „אמן" הערן.
זאָל דאָס וואַסער אונדז נישט פעלן,
זאָל טרוקן זיין די שונאים אין די קעלן,
און אין פרעמדע ים׳ען דערטרונקען ווערן.

יינגלערישע שטים

וואַסער!
משיבת־נפש
פאַר ליים־גרעבער אין די טאָלן;
פאַר די, וואָס אַקערן און מאָלן,
וואָס זייען און וואָס דרעשן,
פאַר די, וואָס צינדן יום־טוב־פייערן
און שׂרפות וואָס פאַרלעשן,
וואָס רייסן אַראַנזשן פון די בוימער.
קול מוואַסער מוואַסער ואומר!

מענערישע שטים

פאַר דינסטן און גביר׳טעס,
פאַר שאָף און פאַר לעמער!
פינף פּרוטות פאַר אַן׳עמער! (קליינע פּויזע).

רוחמה (צו תמרן)

זיץ אַ רגעלע
כ׳קום באַלד צוריק!
(כאַפּט צוויי הילצערנע שקאַפּיקלעך און פאַרנעמט זיך אַרויסצולויפן)

תמר

איך וועל העלפן.

(תמר כאַפּט אַ קריגעלע, לויפט אַרויס צוזאַמען מיט רוחמה. פון הינטערן פענצטער הערט זיך אַ פריילעך, רוישיקער געפּליעסק פון וואַסער און — אַ לעבהאַפטע פּלוידעריי פון פרויען)

סצענע־אומבייט

(אינדרויסן, פאַרן אײַנגאַנג אין רוחמה׳ס הויז. רינגלט אַ פרויען געזעמל אַרום זבולונס וואַסער־פאַס אויף רעדער. צוגעשפּאַנט צו אַנ׳אייזעלע)

אַ פרוי

פיל אָן מיינע עמערס, ר׳ זבולון.

כ׳האָב געלאָזט דאָס קינד אין שטוב אַליין;

זבולון

דיין קינד איז אין שטוב נישט אַליין;

דער אויבערשטער שטייט איבער זיין וויגל

און איבער אַלע קינדער־וויגעלעך

פון די מאַמעס, וואָס שטייען דאָ אין תור.

אַ קליין מיידעלע

גיס אָן מיין קריגעלע, ר׳ זבולון!

כ׳האָב געלאָזט די באָבע אין שטוב אַליין.

זבולון

דערלאַנג דאָס קריגעלע.

(דאָס מיידעלע דערלאַנגט אים דאָס קריגעלע. זבולון שלעפּט אַרויס דעם שפּונט און גיסט אָן דאָס קריגעלע).

וויפל ביסטו אַלט?

מיידעלע

זעקס און זיבציק יאָר. (געלעכטער)

אַ פרוי

גלייכע זעקס און זיבעציק?

מיידעלע

זעקס גלייכע

און זיבציק געבויגענע.

אַ פרוי

רעדסט מיט משלים, מיידעלע,

האָסט נישט אַמאָל אַ נביא אין דער משפּחה?

מיידעלע

וואָס איז דאָס אַזוינס אַ נביא?

אָ, איך ווייס שוין.

דאָס איז חלקיהוס יינגעלע.

(זבולון דערלאַנגט איר דאָס קריגעלע וואַסער).

אַ פרוי

וווזשע האָסטו די זיבציק איינגעבויגענע יאָרן?

מיידעלע

זי זיצט אין שטוב און גייט מיר אַ יאַקעלע —

די באבע מיינע.

(דאָס מיידעלע גראַבלט פון איר טעשעלע אַרויס דריי קליינע מטבעות און דערלאַנגט זיי דעם וואַסער־פירער. ער שטופט צוריק איר הענטל)

זבולון

וועסט אם ירצה השם באַצאָלן מיט אַ לאָגעלע וויין

ווען דו וועסט גיין צו דער חופה.

מיידעלע

דו וועסט נאָך אויסגיסן אַ סך וואַסער,

ביז דו וועסט אַריינגיסן צו מיין חופה אַ כוס'לע וויין.

יינגעלע (קומט אָנצולויפן און נעמט די מוטער ביי דער האַנט)

די קריגן אין דער היים זענען דאָך פול.

וואָס דאַרפסטו נאָך וואַסער?

(ער הערט זיך אויפמערקזאַם צו צום שטילן פליוסק פונעם פעסעלע, באַלעקט זיך און ווישט מיט די הענט די ליפן).

לאָזט מיך טוען אַ טרונק, ר' זבולון!

זבולון

כ'וועל דיר געבן אַ טרונק,

נאָר בתנאי,

אַז ווען דו וועסט הערן דעם קלאַנג פון תורה,

זאָל דיך אויך אָנצינדן אַ דורשט.

(קליינע מיידעלעך לויפן דורך, שטעלן זיך אָפּ און הערן זיך איין אינעם פליעסק פון וואַסער)

מיידעלע

גיב מיר אַ טרונק, ר' זבולון! (זבולון אַנטלויפט)

אַ פרוי

ר' זבולון, פילט מיר אָן די קריגן.

ווו אַנטלויפט איר?

זבולון (אַנטלויפנדיק)

זאָל דאָס מיידל־וואַרג אַנטרינקען זיך,
וועט זיי ווערן זיס אין די גומענס —
מים גנובים ימתקו.

סצענע־אומבייט

(די פריערדיקע שטוב. רוחמה קומט אַריין מיט די פולע עמערס, און תמר — מיטן קריגעלע. זיי שטעלן דאָס וואַסער אַוועק אין אַ שאָטנדיקן ווינקל. רוחמה דעקט די כלים צו מיט פּאַלמע־בלעטער. תמר פאַרנעמט זיך אַוועקצוגיין)

רוחמה

אַנטלויפסט שוין, תמרל?

תמר **דער אַלטער רבי קומט אין דער צייט מיט מיר לערנען**
די פּסוקים פון קריאת־שמע, שלום!

(תמר דערנענטערט זיך צו דער טיר)

רוחמה

שלום,
קום אַריין מאָרגן.
אַביסל זיך אַ שפּיל טאָן...
מיטן שעפּסעלע.
אַ גרוס פאַרן טאַטן מיט דער מאַמען.

(תמר, מיט אַ פאַרטראַכטן בליק אויף רוחמה, עפנט די טיר און שטעלט אַ טריט אויף דער שוועל)

און דו תמרל,
זיי אַ פאַרשטענדיק מיידעלע,
און וויין נישט ביי יעדער קליי:ניקייט,
שפּאָר אַ ביסעלע די טרערן —
האָסט נאָך אַ לאַנג לעבן פאַר זיך...

(די טיר פאַרמאַכט זיך פאַמעלעך מיט אַ שטילן סקריפּ. קליינע פויזע. ירמיהו פּראַלט אַריין אין שטוב מיט פריילעכער פאַרסאַפּעטקייט)

ווו האָסטו דעם טאַטן?

ירמיהו

ער האָט היינט אַ „לייענען" מיט די אַלטע ליים־גרעבער אינעם פּאַליש פונעם בית־מדרש; האָט ער מיך געבעטן, אַז איך זאָל דיך איבערבעטן — ער וועט היינט קומען אַ ביסל שפּעטער.

(דאָס קעצערע שטעלט זיך נעבן רוחמה, טוליעט זיך צו אירע פיס, הויבט אויף די פּאָדער־פּיסעלעך און מיאַוקעט רוחמנותדיק)

רוחמה

נעם, ירמיהלע, גיס איר אָן אַ שעלעכל מילך.

(ירמיהו גייט צו צום קאַמין גיסט אָן אַ ליים־טעצעלע מילך, שטעלט עס אַוועק אויפן דיל. ער שלעפּט צו דאָס קעצל און שטעלט עס אַנידער לעבן טעצעלע. דאָס קעצעלע מאַכט מיאַ־ע־ע...)

ירמיהו

דאָס קעצעלע זאָגט: מ א י ן י ב ו א ע ז ר י.

רוחמה

אפשר זאָגט עס: מ א ש פ ו ת י ר ו ם א ב י ו ן?

(די טיר עפנט זיך, אויף דער שוועל בלייבט שטיין אַ מאַרק־הענדלער. פון זיין אַקסל הענגט אַראָפּ אויף אַ שטריק אַ טונקל קעסטל)

הענדלער (זינגעוודיק)

בענדער, זילבער־קייטעלעך, אויערינגלעך,

אינגבער־שטענגעלעך, מור־פּולווער, קנמון. (קליינע פּויזע)

ראָזער פּנים־שטויב, בלומען־פּוך, קאַרמין־פּאָמאַד פאַר ליפּן

און שוואַרצער טוש פאַר ברעמען (קליינע פּויזע. ער כאַפּט אַ פאַר־גאַפּטן קוק אין רוחמה׳ס געזיכט, רעדט ווייטער שטיל און באַנגליך)

נו...

גאָט האָט דיך באַשאָנקען מיט שיינקייט־סגולות,

מיינע זאַלבן האָבן שוין דאָ נישט וואָס צוצוגעבן.

(קליינע פּויזע. אַראָפּשטעלנדיק דאָס קעסטל אויפן רונדן שטיין נעבן טיש)

אָבער פּטור בלא כלום איז נישט שייך.

אַ פינגערל, אַ שיך־קלאַמערל, אַ נאָז־רינגל.

(קוקט זיך איין אין רוחמה׳ס פּנים)

רוחמה (שמייכלענדיק און שטרענג)

וואָס קוקט איר אַזוי, ר׳ ייד?

איר לייענט אפשר פון מיין פּנים אַרויס

דעם צענטן לאוו פון די עשרת הדברות?

הענדלער

א־יי־ך מ־יי־ן ק־ע־ג־ן אַ־נ׳ע־יי־ן ה ר ע

איידלשטיינער פון תחפּנחס,

באַזעצט מיט בורשטין.

רוחמה

(קלויבט פונעם קעסטעלע אַרויס אַ שנירל קרעלן און מעסט עס אָן אויפן האַלדז)

ירמיהו, קום אַהער.

(ירמיהו פאַרהעקלט דאָס קייטעלע. רוחמה גלייכט זיך אויס)

הענדלער (ציט פונעם קעסטעלע אַרויס אַ לענגלעך, זילבער־שפּיגעלע)

אַ זילבער שפּיגעלע פון צדון.

(רוחמה ווייזט דעם ייד מיט אַ פינגער אויפן טיש; ער לייגט אַנידער דאָס שפּיגעלע אויפן טיש, זי נעמט עס, שפּיגלט זיך אָן שמייכלדיק. דערווייטערט זיך און זעצט זיך

ברוך שחלק מיופיו לבשר־ודם.

רוחמה (איבערווישנדיק דאָס שפּיגעלע מיטן אַרבל)

דאָס שפּיגעלע ווייזט אַ ביסל מטושטש.

הענדלער

עס האָט דיך אָנגקוקט, איז עס בלינד געוואָרן.

(קליינע פּויזע. דער ייד לייגט פון קעסטעלע אַרויס פאַרשידענע קליינע, פינקלדיקע ציר־חפצים)

אַ האָר־קלאַמער באַצירט מיט ישפה־שפּליטערן.

אַ שטערן־בראָש פון תרשיש,

איך פאַרקויף אויך אויף לענגערע תשלומים.

(ירמיהו קומט צו און קוקט זיך איין אינעם ייד, וואָס רעדט ווייטער, עטוואָס אויסגעניכטערט)

זיידענע טליתים־קטנים.

ירמיהו

דאָס איז שוין, ר׳ ייד, די גאַנצע סחורה?

הענדלער

אַ, „דריש" אויף אַז־ישיר,

„שיר השירים" אויף אַ מילך־פּאַרמעטל

מיט פליגל־אותיה׳לעך

אין אַ שיידל פון לבנון־פּימסנהאָלץ.

ירמיהו (שטיל)

אַזאַ קליין קעסטל

און אַזאַ סך סחורה? (קליינע פּויזע. הייטערער)

נו, און תורה?

און מעשים טובים?

הענדלער
אַזאַ גרויסע סחורה
קוועטשט זיך נישט אַריין אין אַזאַ קליין קעסטל,
און איך פיר דאָס נישט אַרום צום פאַרקויפן.

(רוחמה ציט פון די קלייד־פאַלדן אַרויס אַ קליין טאַרבעלע, נעמט אַרויס עטלעכע דראָבנע מטבעות און לייגט אַרויף אויפן טיש. דער הענדלער פאַרטיפט זיך אין ציילן. רוחמה נעמט די געקויפטע חפצים, גייט אַוועק אויף עטלעכע טריט און לייגט זיי אַריין אין אַ פּאַלירט וואַנט־שענקעלע. דער הענדלער פאַרוואַרפט דאָס קעסטל אויפן אַקסל, דרייט זיך אויס מיטן פּנים אין דער ריכטונג פון דער טיר, טוט זיך אַ שאַרפן קער און שטעלט אָן זיין בליק אויף ירמיהון)

וועגן וואָסערע סחורה האָסטו געפרעגט?
אַהאַ, וועגן מצוות און מעשים טובים.
ווי קומט צו אַזאַ קליין יינגל
אַזוינע גרויסע שאלות?
(קליינע פּויזע. ער הויבט אויף ירמיהון, קוקט אים אין די אויגן און לאָזט אים פּאַמעלעך אַראָפּ)

איך האַנדל מיט שפּיגעלעך ווייסע,
אָבער דיינע ברענענדיקע שוואַרצע שפּיגעלעך
וועסטו אין אַ פּאָר יאָר אַרום
מוזן אָפּגעבן אַ מיידל,
און פאַר אַ צולאָג —
צוצאָלן איר דאָס גאַנצע לייב און לעבן דיינס.
(דרייט זיך ווידער אויס מיטן פּנים צו דער טיר, גייט אָפּ צוויי טריט און דרייט אויס דאָס פּנים צו רוחמהן)
שלום עליכם,
און גאָט זאָל העלפן, אַז דיין מאַנס שפּיגעלע־ אין דיר זאָלן
אים פאַרבלענדן, אַז ער זאָל זיך קיין אָרט נישט געפינען
ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

(קליינע פּויזע. הענדלער דרייט זיך ווידער אויס, הייבט אָן נערוועז באַוועגן מיט די פינגער און טאַפּן מיט דער לינקער האַנט ביי דער שלייף. ער שטעלט צוריק דאָס קעסטל אויפן טיש, ציט אַראָפּ פונעם האַלדז אַ קרענצל הילצערנע דינע טעוועלעך אויף אַ שנירל און חשבנט מיט אַ גריפל אין דער לופט):

צען מיט דריי זיבנטל,
אויף דריי לבנות מיט צוויי און אַ האַלבן מולד,

אַ האַלב יאָר מיט זיבן טעג געטיילט אויף...
אַכט מיט צוויי ניינטל בעקע׳ס אויף אַ טאָג,
מיט אַ צולאָג צען מיט ניין צוועלפער
אויף יעדן צירונג־שטיק —
איבער אַ האַלבן שקל...

(קליינע פויזע. מיט אַ האַסטיקן באַוועג אין דער ריכטונג פון ירמיהו)

קום נאָר אַהער, יינגעלע. (ירמיהו גייט צו)
צי, כ׳בעט דיך, אַראָפּ די סאַנדאַלעכלעך.

ירמיהו (קוקט אים אָן מיט חדוש. ציט אַראָפּ די סאַנדאַלעכלעך)
דער טאַטע האָט זיי דען ביי דיר געבאָרגט?

מאַרק־הענדלער דרך־ארץ;
האָסט פאַרגעסן דעם „והדרת פני זקן״?

רוחמה (אין פאַראיבל)
וואָס איז דאָס פאַרא חפציות, ר׳ ייד?

הענדלער (זעצט ירמיהון אַרויף אויפן טיש, חשבנט אויף די אייגענע און ירמייהוס פינגער פון די הענט און פיס)
...איינס מיט אַכט זיבעטל חלקים
פינף צוויי און אַ האַלב זעקסטל,
דריי און צוואַנציק גאַנצע בעל חובות,
זיבצן דריי ניינטל
מיט צוויי אַכט אונדרייסיקסטל.

(פלאָנטערט דעם יינגלס פינגער פון די פיס און הענט, נעמט צו הילף די אייגענע פינגער און בלייבט שטיין פאַרווירט)

זאָג נאָר יינגעלע;
מער ווי צוואַנציק פינגער פאַרמאָגסטו נישט?

ירמיהו
צוזאַמען ניט דער נאָז און צוויי אויגן, באַטרעפט דאָס:
די עשרת הדברות מיט די דרייצן מידות פון אויבערשטן.

הענדלער
האָסטו, יינגעלע, אַ צונגעלע,
ווי אַ מעסערל פון אַ רופא,
אָדער אַ מוהל. (גייט צו דער טיר און קושט די מזוזה)
שלום! (גייט אַוועק. קליינע פויזע)

ירמיהו (קוקט אים נאָך, פלוצים טוט ער זיך אַ שטעל אויף איינעם פון די שטייגער אַרום טיש און רופט אויס אַ פריילעכער)
דער טאַטע גייט!

(רוחמה גלייכט זיך אויס, גלייכט אויס אויף זיך דאָס קלייד, לויפט צו צום וואַנט־שענקעלע, נעמט אַרויס דאָס ניי־געקויפטע שפּיגעלע און קוקט זיך אײַן דערין. זי גיסט אָן אַ קריגל וואַסער, נעמט דאָס קריגל אין איין האַנט און אַן ערדערן טעפּל אין דער צווייטער. און גייט צו צו דער טיר.

חלקיהו מיט אַ לאָפּאַטע און טוריה אויפן אַקסל בלייבט שטיין אויף דער שוועל. ירמיהו לויפט צו צום פאָטער, נעמט די פעלד־מכשירים און לויפט מיט זיי אַרויס. רוחמה גיסט פונעם קריגל וואַסער אויף זיין איינגעבויגענעם קאַרק, אויפן קאָפּ און פּנים און שאַרצט אַראָפּ פון אים דאָס העמד. ער וואַשט מיט תענוג די אָפּגעדעקטער האַריקע ברוסט, האַלדז און געזיכט און כאַפּט יעדער רגע אַ פאַר־זשמורעטן, עקסטאַטישן בליק אויף רוחמה. זיינע אויגן לויכטן אויף מיט באַגייסטערונג. רוחמה וויל אַנידערשטעלן דאָס קריגל אויפן דיל. ער כאַפּט אַן אירע הענט)

רוחמה **איך וועל דיר ברענגען אַ האַנטוך אָפּצווישן.**

חלקיהו (גלייכט זיך אויס, די וואַסער־טראָפּנס אויף זיין ברוינעם געזיכט, אַרומגערעמט מיט אַ שוואַרצן דינעם אָנוווקס, לויכטן מיט שפּילעווי־דיק ליכט. זינגט באַהאַרצט)

אשת־חייל מי ימצא ורחוק מפנינים מכרא,
גאָט האָט מיין לייב אָנפאַרטרויט
אין צאַרטע הענט, אין זיכערע
הענט, פלינקע: צו העפטן, שטריקן און וועבן,
און וועבן אויס אַ צאַרט זיידענעם געוועב
פאַר מיין אָרעם לייב און לעבן.
הענט:
אַלע מאַטערנישן ווערן אין זייער ליכט פאַרברענט.
ווען אין דרויסן דריוולט זיך אַרויס די נאַכט,
ווערט מיין זעל געקושט
פון דער זון —
דיין גליאיק מויל וואָס לאַכט.
אַ גביר׳טע פון שפע־רייכטימער ביסטו.
און איך בין אַ פרעמדער וואַגלער אויף דער וועלט,
וואָס דו שענקסט די חסדים שטראַליקע צעהעלט —
אַ געגעדיקע, נישט פאַרדינטע נדבה צו.
פאַלש איז דער שימער פון גאָלד און איידלשטיינער;
אמתדיק איז בלויז
דיין דערבאַרעמקייט צו מיר באַשערטע מיינע.

רוחמה

זינגסט מיר ליבע־לידער
ווי אַ יינגל פון זיבעצן יאָר.

חלקיהו

דיך ליכט זילבערט אַרויס פון מיינע האָר,
מיר גייט דער זיבנאונצוואַנציקסטער געבוירן־טאָג אַצינד.
נאָר דיין צויבער מאַכט מיך הילפלאָז ווי אַ קינד.
אַ קינד, וואָס בריט זיך אָפּ די הענט
אינעם ברענגראָז אין אַנ׳אָראַנזש־סאָד.
און ווייטיקדיק ער פרייט זיך
מיטן בלימלס געפונענעם, נסתר׳דיקן סוד.
און מיט דעם מיניעַנדיקן פאַרבן־בייט
פאַרשטאָכן אין אַ טראָפּן טוי.
אַ קינד, וואָס לויפט איבער
פון דער ליבשאַפט פון דער מאַמע
צו דער ווייטיקלעכער ליבשאַפט פון אַ פרוי.
אַלע שיינקייטן פון דער וועלט
זענען פאַלש און ליגן;
אמת בלויז — ביסטו,
גאָטס בלאָער, סודותדיקער ניגון.

רוחמה ברענגט אַ האַנטעך, העלפט אים אַרומווישן דאָס לייב און טוט אים אָן אַ קלאָר לייוונט־העמד. הלקיהו זעצט זיך צום טיש. רוחמה שטעלט אַרויף אַ הילצערנע טאַץ מיט פּירות, איילבירטן און אַ קליין קריגעלע זאַפט. זי טראָגט צו פונעם קאַמין אַ טעפּל הייס געקעכץ און צעגיסט איבער דריי טעלער)

רוחמה

עס!

(הלקיהו מירמלט אַ ברכה, נעמט דעם לעפל צום מויל און גיסט עס צוריק אינעם טעלער)

דאָס עסן שמעקט דיר נישט?

חלקיהו (עסט אויף אַ לעפל געקעכץ. קוקט פרעגנדיק אויף רוחמהן)

אַז דו זעצט זיך נישט צום טיש,
ווו קאָן איך עסן?
און אַז דאָס יינגל איז נישטאָ —
וועמען גייט איין אַן עסן? (קליינע פויזע)

רוחמה (עפנט די טיר, שרייט אַרויס:)

ירמיה׳לע! ירמיה׳לע!

(ירמיהו פראַלט אַריין אַ צעהיצטער, די מוטער כאַפּט איס אָן ביי די אַקסלען, ווישט איס אַרוס מיטן האַנטוך דאָס פּנים, זעצט איס צוס טיש נעבן זיך. ירמיהו נעמט דעם לעפל צום מויל) ,

חלקיהו

און אַ בר...

(ער הויבט אויף אויפן יינגל די אויגן, בעת ער פאַרענדיקט שוין די ברכה איבערן עסן. דאָס הויזגעזינט עסט שווייגנדיק. אויפן שוועל בלייבט שטיין אַ הויכער ייד אין די פּערציקער יאָרן, מיט אַ צעפלאַכ־טענער שוואַרצער באָרד, אַנגעטאָן אַ גראָבלעך רויט גלאַנציקן צערי־סענעם בגד. די אויגן זענען שוואַרץ אין טיף איינגעגראָבן אין די לעכער, אויפן אַקסל פאַרוואָרפן אַ גראָ זעקל, קוקט אָן שווייגנדיק די שטוב־מענטשן)

חלקיהו (אויפהויבנדיק זיך פונעם טיש)

ברוך־הבא בשם ד׳!

זעצט זיך מיט אונדז צום טיש

און האַלט מיט אונדזער סעודה, ר׳ ייד.

ירמיהו (אויפהויבנדיק זיך, שטיל, אין פאַרחידושטקייט)

מי זה בא מאדום חמוץ בגדים מבצרה...

מדוע אדום ללבושך?*

(ירמיהו שפרינגט אַפּער פונעם טיש, כאַפּט דאָס קריגל וואַסער מיט דעם ערדענעם שיסעלע, לויפט צו צום אורח און בויגט איין דאָס קריגל איבער זיינע הענט. דער פרעמדער רירט זיך נישט פון אָרט)

חלקיהו

וואַשט זיך די הענט לויטן דין

און זעצט זיך צום טיש. (אורח לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ)

(ירמיהו כאַפּט אַ בענקעלע, שטעלט אַוועק נעבן פרעמדנס פיס, שטעלט זיך אַרויף און שרייט איס אַריין אין אויער)

ר׳ ייד!

ר׳ אורח!

איר הערט וואָס מען רעדט צו איך? (אַ שוויגן)

איר זענט טויב?

אַ פרעמד גרווילנדיק קול

יודע!!!

---

* ישעיהו, זייט 595, קאַפּ. ס״ג.

(פרעמדער ייד פאַרשטיפּט זיך די אויערן, בלייבט עטלעכע מינוט ווי פאַרשטיינט און פּלוצלינג טוט ער זיך אַ וואַקל און פאַלט אַ גע־בראָכענער אין דרייען. חלקיהו און רוחמה לויפן צו, הויבן אים אויף און זעצן אים אַנידער אויף איינעם פון די שטיינער ביים טיש. ירמיהו ציט אים אַראָפּ דעם צעריסענעם אויבער־בגד. אויף דעם פאַרחלשטנס צעקנאָדערטן העמד אויף דער ברוסט לויכט אויף מיט אַן אומהיימלעכער העלקייט אַ געלער מגן דוד. די שנעל זיך מיניען־דיקע ליכט פונעם עמבלעם ציטערט, באַלייכט ירמיהוס געזיכט, דעם יינגלס אויגן עפענען זיך ברייט. אין איין רגע נעמט ירמיהוס פנים און קערפּער אָן דעם אויסזען פונעם פרעמדן ייד. דער פרעמדער עפנט די אויגן קוקט זיך ווילד אַרום. הויבט זיך שווער אויף. ער וואַקלט זיך צו צו דער טיר, זעצט זיך אויפן דיל).

פ אַ ר ה אַ נ ג

צ ווי י ט ב י ל ד

(דאָס זעלבע צימער. ביים טיש, באַלויכטן מיט גרעלן שיין פון זון־אונטערגאַנג, זיצט חלקיהו אַן איבערגעבויגענער איבער אַ פּאַרמעט־מגילה. אויף די ווענט באַוועגן זיך דינע שאָטנס פון די דרויסנדיקע פאַרבייגייער. רוחמה פאַרענדיקט איר רוימערייי ביים קאַמין. גייט אַרויס רעכטס דורך אַ שאָטנדיק זייטיק טירל. אינדערמיט פונעם חדר שפּילט זיך דאָס קעצעלע מיטן שעפּסל, חלקיהו רייסט איבער דאָס לייענען און קוקט זיך פאַרגאַפט צו. עס הערט זיך אַ חוצפּהדיק קלאַפּן אין טיר. חלקיהו לויפט צו צום קאַמין, כאַפּט דאָס קריגל וואַסער מיט דער ערדערנער שיסל, די טיר עפנט זיך מיט אַ סקריי־פּענדיקן רעש. גערעָנוס, אַ שווערפעלטיקער און זייער, מיט קנייטשן אַרום די אויגן, בלייבט שטיין אויף דער שוועל)

חלקיהו

שלום־עליכם אַ ייד!

(לויפט צו צום אַריינגעקומענעם און הויבט אויף דאָס קריגל וואַסער איבער יענעמס הענט, דער פרעמדער שטופּט אָפּ אומגעדולדיק דאָס קריגל און לויפט צו צום טיש, אַנשטויסנדיק זיך אין די שפּילנדקע הויז־בעלי חי. חלקיהו בלייבט שטיין אַ פאַרווירטער מיטן אויפגע־הויבענעם קריגל. גערעָנוס, מיט אַ שאַרפער, חוצפּהדיקער באַווע־גונג, זעצט זיך צום טיש, שלעפּט פון די פאַלדן פון זיין גראָען טוניק

אַרויס אַ בינטל הילצערנע טעוועלעך מיט אַ גריפעל און פאַרצייכנט עפּעס אין איינער פון די טעוועלעך. קליינע פויזע)

גערענוס

איך בין דער חוב־מאָנער פונעם מלווה אכאבארא. געקומען איינמאָנען דעם חלק ריבית און דעם ריבית פונעם ריבית פאַר די לעצטע דריי יאָר מיט פינף און אַ האַלבן מולד (קליינע פויזע).

חלקיהו

ס'איז היי־יאָר אַן אומגערעטעניש.
די גערשטן האָבן אויסגעטריקנט, און די אָראַנזשן האָבן די ווערעמ־לעך צעפרעסן. איך האָב מיט פינף חדשים צוריק אַ בקשה אַרײַנגע־טראָגן אין דער לשכה וועגן צוואַרטן ביזן אַראָפּנעמען ד ווינטער־גערעטעניש.

גערענוס (פאַרטיפט זיך אין איינער פון די טעוועלעך, רעדט מיט אַ רויער, רויקער שטים וואָס קלינגט מיט אומגעדולד, איראָניע און דראָונג)

פינף הונדערט דינאַרן.
זיבנהונדערט אַכט און נײַנציק מיט אַ זעקסטל „בקע”,
מיט אַן אויפוואָרף פון זיבן און אַ האַלבן נײַנער־חלק
אויף צוויי און אַ פערטל יאָר מיט דריי און אַ האַלבן מולד.
צוויי מיט דריי זיבעטל חלקים אַ צוואָרף צו יעדן דינאַר
אַ חודשלעכן קנס פאַר נישט צאָלן צו דער צייט.

(קריצט עפּעס מיט אַ גריפעל אין איינעם פון די טעוועלעך, דרייט דערביי מיט דער צונג אַרום די ליפּן. קורצע פויזע)

חלקיהו

איך בעט צוצוואַרטן נאָך אַ קורצער צייט, איך וועל זיך באַמיען מיט אַלע כוחות אַרײַנצוטראָגן אַ חלק פונעם ריבית.

גערענוס (מיט אומגעדולד)

די גערשטן אָפּגעטריקנט,
די שאָף האָבן זיך אַליין די וואָל אָפּגעשוירן;
אויפן פאַשע־פעלד איז דער רעגן־וואָלקן אַוועקגעשוומען אין אַ זייט,
די איילבירטן זענען שלעפּעריק
און פוילן זיך צו וואַקסן,
די קיעלעך לאָזן זיך ביי די אייטערלעך נישט ציען;
נאָר די חוב־מצבה'לעך בליען,
פאַר אונדזער טובה־וועגן
אָן טוי און אָן רעגן.

(חלקיהו וויל עפּעס זאָגן, געראַנוס שלאָגט אים איבער מיט אַ שאַר־פער האַנט־באַוועגונג)

עס וועט זיין:
אָראַנזשן, וואָל און איילבירטן
אוּן לקט, שכחה, פּאה.
עס וועט וואַקסן,
ס׳וועט בליען,
עס וועט זיך שערן
און פּרוכפּערן און שוואַנגערן
און שרייען ביים געבוירן ווערן —
אַ חוב פאַלט אויף דער בראַכשטיל
פון אַ חוב׳עלע,
און די הייבאַס ציט אַרויס אַ חבלנדל. (קליינע פּויזע).

חלקיהו

דערלויב מיר — און איך וועל נאָכן זון־אונטערגאַנג אַפּאַרבעטן אויף אַכאַבאַראַס פעלדער.

געראַנוס

זון־אונטערגאַנג...
וועסט אַרבעטן, אַדוני,
נאָך פאַרן זון־אויפגאַנג —
ביזן זון־אונטערגאַנג,
אויף די אייגענע פעלדער...
אַז פונקען וועלן פליען...
און פאַר אַ צוגאָב,
צוהילף,
די עזר כנגדו.
די יפיפיה...

(ער ציט אַרויף די טעוועלעך אויף אַ שנירל, פאַרשטעקט זיי אין די פאַלדן פונעם טוניק און פאַרנעמט זיך אַוועקצוגיין. עפנט די טיר)

מען וועט שניידן און שערן און דרעשן
און מאָלן און באַקן...

(שטעלט אַרויף אַ פוס אויף דער שוועל, ירמיהו · פּראַלט אַריין, שטויסט זיך אָן אין געראַנוסן. חלקיהו פאַרביילט די פויסטן, טוט זיך האַסטיק אַ ריס פונעם אָרט, לויפט צו, כאַפּט אָן געראַנוסן, דערלאַנגט אים אַ קלאַפּ אינעם פּנים און קאַפּעט אים אַרויס אויף יענער זייט שוועל)

גערַאָנום

ראַטעוועט!

אַחינו בני ישראל!

ערשטע שטים (פון דרויסן)

טומאהדיקער גבעוני.

אַהער געקומען אין זאַק־בגדים

און פאַרשימלטע ברויטן.

צווייטע שטים

איצט שעפּט ער מיט עמערס

אונדזער בלוט און האַרעוואַניע.

דריטע שטים

און ווי מיט העק אין האַלץ —

ער שווינגט זיינע גריפּעלן אַריין

אין אונדזער לייב.

גערַאָנום (פון דרויסן)

מי אני ומה חיי?

ערשטע שטים

אַזאַ פאַרפּעצטע טאַרבע

און קוועטשט אַריין אין זיך

אַלע פּויערים, גערטנער, פאַרבער,

סטאָליער, שמידן און גאַרבער

פון גאַנצן לאַנד יהודה.

צווייטע שטים

אַזאַ דינער חזיר־שנוק

און, מיט איין צי,

ער שנויצט אין זיך אַריין

אַלע מאַרכן, אַלע מילכן

באַנאַנד מיט אַלע מאָגערע און פעטע קי.

(חלקיהו און ירמיהו, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צום דרויסנדיקן געשפּרעך מאַכן צו די טיר. ירמיהו גייט אַרויס. חלקיהו זעצט זיך פאַמעלעך צום טיש, נעמט דעם קאָפּ אַריין אין די הענט, כאַפּט אַ בליק אינעם אָפענעם פאַרמעט און רעדט מיט אַ בעטנדיקע שטים:

און דאָס איז דאָס געזאַנג פון דוד דעם פרומען.

גאָטס רחמים וואַכט

איבער אונדזערע תחומ׳ען.

אויב ער איז מיין פּאַסטוך,

וועט מיר גאָרנישט נישט פעלן.
אויף לאַנגען אויף שטילע —
ער פאַרוויגט אונדז אין רו
און דעקט אונדז מיט זיין הימל —
ווי מיט אַ קאָלדרע צו —
מיט שטערן־פוך וויכן
און זעגלט מיט אונדזז אויף רויקע טייכן.
כ׳בין אין דיר — ווי אַ שאָף
אין זיין פאַסטוך פאַרטרויט,
אַפילו אינעם שאָטן פון טויט,
מיט חושך פאַרדעקט —
איך גיב זיך דיר איבער אָן שרעק,
אַפילו אין רגעס פון גרויליקסטן וויי —
אין דיינע פיסטריט איך גיי.
ביסט מיין ליכט,
מיין האָר און פאַרטיידיקער.
גרייטסט צו מיין טיש
קעגנאיבער מיינע באַליידיקער,
אין מיין בלאָנדזשען — איך זע
דיין האַנט אויסגעשטרעקט,
פון מיין ערשטיקע רגע
ביזן סוף פון די טעג. (קליינע פויזע. עס קומט אַריין תמר מיט אַ פּע קעלע היי אין די הענט)

חלקיהו
וועמען זוכסטו מיידעלע ?

תמר **כ׳האָב געברענגט פאַשע פאַרן שעפּסעלע.**

חלקיהו
אַהאַ,
דאָס ביסטו פועה׳ס טעכטערל —
די וויינערין ?

(ער הויבט אויף דאָס זיצנדיקע שעפּסעלע, פירט עס צו צו תמר׳ן. זי נעמט עס צערטלעך קאָרמען. קליינע פויזע)

תמר **ווו איז ירמיהו ?**

(זי גלעט דאָס שעפּסעלע, טוליעט עס צו זיך, רעדט מיט שפּילעוו־דיקער צערטלעכקייט)
זע נאָר, ווי דו זעסט אויס.

חלקיהו

דו הייסט, דוכט זיך, תמר.

תמר צדיק כתמר יפרח.

חלקיהו

כארז בלבנון ישגה.

(ירמיהו קומט אַריין, כאַפּט אַ צעטומלטן בליק אויף תמר׳ן. זי ציפּט אָפּ אַ זשמעניע היי, שטופּט עס צו צו ירמיהוס מויל, פּלאַצט אויס אין אַ שטיפעדרישן געלעכטער און לויפט אַרויס. ירמיהו באַגלייט זי מיט אַ פאַרשעמטן, וואַרעמען בליק. קליינע פויזע. עס הערט זיך אַ רעש הינטער דער טיר. ירמיהו לויפט צו. אויף דער שוועל בלייבט שטיין פינון. ירמיהו לויפט צו צום קאַמין און נעמט פון דאָרט דאָס קריגל מיט דער שיסל. לויפט צו צו דער טיר און פאַרהויבט דאָס קריגל איבער פינונס הענט)

חלקיהו

שלום דיר אונטערן שאָטן פון מיין באַלקן.

פינון עליכם ועל בניכם,

עפּעס איז מיר דאָ צו שטיל;

און איך זוך שמחות ביי יידן.

(חלקיהו׳ס פּנים באַדעקט זיך מיט אַ שוואַכן שאָטן)

אַ ברית־מילה, אַ פדיון־הבן.

אַ בר־מצווה, אַ קנס־מאַל.

(נעמט פּלוצלינג זיך איינקוקן אין ירמיהוס פּנימ׳ל. רעדט ווייטער צו חלקיהו)

דייך יינגל?

חלקיהו

אינגאַנצן —

פון די פּאות ביזן קליינעם נעגעלע פונעם פוס. (קליינע פויזע)

פינון פונוואַנען, יינגעלע, האָסטו גענומען אַזוינע שוואַרצע פייערלעך אין די אויגן?

ירמיהו

ווען די מאַמע האָט מיך אַרויסגעוואָרפן אויף דער וועלט

בין איך געווען טויט.

האָט דער טאַטע אָנגעצונדן צוויי ליכטלעך ביי מיין צעקאָפּנס,

און די מאַמע האָט אין מיינע אַפּלען אַריינגעוויינט.

ווען די טרערן זענען אַראָפּגעפלויגן, האָבן זיי זיך אַ שפּיגל

געטאָן אין די פלעמלעך און זיך אָנגעצונדן,

האָט דאָס מיך אַ ברי געטאָן —
בין איך אַרויס מיט אַ געוויין.

פינון דערפאַר לויכטן זיי.
נו, איך פאַרשטיי.
אָבער,
פאַר וואָס איז אַרום די פלעמלעך אַזוי שוואַרץ ?

ירמיהו
אַן אָנגעצונדענער חפץ מאַכט שוואַרץ דאָס אָרט אַרום זיך.

(חלקיהוס געזיכט לויכט שמייכלדיק אויף)

פינון כ׳וועל דיך נאָך עפּעס פרעגן.

ירמיהו
אַז איך פרעג אין פּסח דעם טאַטן די פיר קשיה׳ס, דויערט עס
אפשר צוויי שעה ביז ער ענטפערט מיר.
און ער האָט גרייט פאַר מיר, אויפן פאַרמעט, פאַרטיקע תירוצים
פון דער הגדה.
חוץ לזה —
ענטפערט ער מיר מיט — ארבע־כוסות,
און די מאַמע שיט נאָך צו אַנ׳ענטפער.

פינון וואָסער ענטפער ?

ירמיהו
קניידלעך.
און אַז איר וועט אָנהויבן מיט קשיו׳ת
וווּ וועל איך מניה וביה נעמען אַ הגדה
מיט עסנדיקע און טרינקענדיקע תירוצים ?

(פינון און חלקיהו צעלאַכן זיך. די טיר עפנט זיך, עס פּראַלט אַריין
אַ געזעמל יינגלעך און מיידלעך. ירמיהו גיסט זיי וואַסער אויף די
הענט)

א יינגל (צו ירמיהו)
דער רבי רופט דיך צו קריאת־שמע־לייענען צו זכריהו דעם שטריק־
פלעכטער.

פינון כ׳האָב דען נישט געוווּסט ?;
דאָ וווּ איך שטעל אַריין אַ פוס
מוז זיך אויסקאָכן אַ היימלעכקייט.

א יינגל
ביי אונדז.

פינון וועמענס טאַטע ביסטו ?

ייִנגל דער מאַמעס. (געלעכטער).

איך הייס בן־אור

נאָך דער מאַמענ׳ס טאַטן. (נעמט אָן ירמיהו ביי דער האַנט)

קום ירמיהו;

דאָס ברודערל דאַרף הערן אונדזער תפילה.

איידער די מאַמע זויגט עס אָן.

עס רייסט זיך און מאַכט געוואַלדן.

ירמיהו וואָס איז מיט אים דערמער?

צווייט ייִנגל

עס וויל געמהלט ווערן.

דריט ייִנגל

ער וויינט, ווייל מען נעמט אים נישט מיט

אויף קריאת־שמע־לייענען.

פערט ייִנגל

ער וויל שוין לייגן תפילין.

פינפט ייִנגל

ער וויל ברענגען ביכורים אין בית־מקדש אַריין.(אַ קורצע פויזע).

פינון איך וועל אייך אויסלערנען אַ ליד.

נאָר פריער וויל איך,

אַז יעדער פון אייך זאָל דערציילן

פון וואָס זיין טאַטע איז זיך מפרנס.

ייִנגל מיין טאַטע איז אַנ׳אייל־שלעגער.

פינון וויאַזוי שלאָגט ער דעם אייל?

ייִנגל ווי דער רבי די תלמידים,

וואָס ווילן זיינע פירושים נישט הערן —

ער שלאָגט פון אונדז פסוקים אַרויס,

און דער טאַטע פון די בוטנים — טרערן.

פינון (צו אַ צווייט ייִנגל)

און דיין טאַטע?

צווייט ייִנגל

ער איז — אַ ברונעם־גרעבער;

ער נעמט אַ גרודע שטילע ערד,

(טיף אין באָדן פאַרזונקען)

און אַ סוד אין זיך פאַרהיט,

טוט דער שויפל אים אַ שניט

מיט זיין שאַרף, געשליפן ריינער.

נעמט דאָס גריבל וויינען
מיט וואַסער אויף צו טרינקען.

דריט ייִנגל

מייַן טאַטע האָט אפשר הונדערט פּאַכן.
ער מאַכט לאַלקעלעך, וואָס לאַכן.
אַ ייִד מיט גאָלדענע הענט,
נישטאָ אַזוינס,
וואָס ער וואָלט נישט געקענט.
פלעכטן פון צווייגעלעך
שטייגעלעך פאַר פייגעלעך.
ער האָט;
אַ שוואַכקייט
מיט זיינע קינדערלעך אַ טענצל גיין
און — צו אַ שאַרף כוסה׳לע ווין;
ער מאַכט פאַר דער מאַמע
געשטריקטע קליידעלעך
און יאַקעלעך פאַר זיינע
אָפּגעציטערטע מיידעלעך.
און פאַר זיינע ייִנגעלעך — שיכעלעך,
ער קאָן באַקן מאָן־קיכעלעך —
און קאָכן געפילטע ציקערלעך.
ער האָט זיינע סודות־פּירושים
אויף דער סדרה פון דער וואָך,
ער האָט סודות פון נייע מלאכות
וואָס ער דערציילט נישט קיינעם.
נאָר אים — האָט די מאַמע
מיט אַלע זיינע סגולות אינאיינעם.

פערט ייִנגל

מייַן טאַטע איז אַ לוי,
הייסן הייסט ער חיים,
ער זינגט אויף שמחת בית השואבה
אין בית־מקדש אין ירושלים.

מיידעלע

איך האָב מיר אַ גוטן גאָט,
אַ גוטע מאַמע
און אַ ליבן פאָטער —
און פון יעדן הייליקן געבאָט
איז אַ מיידל פּטור;

נאָר איך בין דאָס שענסטע מיידעלע
אין דער משפחה.
דער טאַטע קושט מיך אין געזיכט,
און איבער מיינע טרערן
די מאַמע מאַכט אַ ברכה,
ווי איבער די אָנגעצונדענע שבת־ליכט.

(קליינע פויזע. פֿרעמדער אורח שאַרט זיך אומבאַמערקט אַריין, בלייבט שטיין, ווי פֿאַרהילט אין אַ שאָטן. ער נעמט דאָס פּנים אַריין אין די הענט. ירמיהו קוקט שטום צו אים אַריבער איבער די קינדערס קעפּ)

פינפטע יינגל
מיין טאַטע איז אַ גאַרבער,
שפּאַרט פון אים אַ ריח אַ האַרבער,
און האָט פאַר מיר קיינמאָל נישט קיין צייט.
נאָר — טוט ער אַ נעם צום מויל די פלייט
שפּאַרט אַרום אים אַ המון
און ס׳שמעקט זיין ניגון
מיטן ריח פון אַפּרסמון.

(קינדער נעמען זיך אָן, שליסן איין פינון און חלקיהו אין זייער ראָד, זינגען)
חברימלעך, וואָס ווײַנען און זינגען און לאַכן,
קינדער פון טאַטעס —
פאַרעסקט אין הונדערטער פאַכן.
פאַרבער און גאַרבער
און שניטער פון זאַנגען.
און גרעבער און שמידן מיט האַמער און צוואַנגען,
אייל־שלעגער און שוסטער
און גערטנער און שפּינער.
זאָל רוען אויף אייך די גנאַד פון דער שכינה.
שיק אונדז אַ ברכה אין די שאָף אין די רינדער,
אין די מאַמעס און טאַטעס
און אין אונדז, זייערע קינדער.
און ווי דער פויער היט אָפּ
זיין בייט און זיין ביימל,
זאָל זיין וואַכונג פון אונדז
זיך נישט אָפּטאָן קיינמאָל.

שטראָף אונדז מיט רחמים,
ווי אַ פּאָטער זיין קינד,
וואָס ווייסט נישט דעם זין
פון באַגאַנגענע זינד.

פינון און חלקהו

שטראָף אונדז מיט רחמים
ווי אַ פּאָטער זיין קינד,
וואָס ווייסט נישט דעם זין
פון באַגאַנגענער זינד.

(רוחמה קומט שטיל אַריין דורכן שאָטנדיקן ווינקל־טירל. נעמט פונעם אַלקערל אַרויס אַ בלאַנק קריגעלע און קליינע הילצערנע בעכער־לעך. גיסט אין זיי פּרוכט־זאַפט און טיילט פונאַנדער צווישן די קינדער. קליינע פּויזע. די טיר עפנט זיך, עס קומט מיט רעש אַריין משולם מלמד — אַ ייד אין די פופציקער יאָרן. ער פּאַרהייבט מיט יינגלשער רירעוודיקייט דעם קאַנטשיק און שרייט מיט אַן־אָנ־שטעלן פון רוגזה)

שועלים קטנים מחבלים כרמים,
זאָל אַ געשאכעניש אויף אייך נישט קומען.
איר דערגייט ממזרים מיר די יאָרן,
ווו זענט איר מיר פאַרדלט געוואָרן —
הינטער מיינע הענט אַנטקומען?
כ׳וועל איבערציילן אייך די ביינער.
אָוועקגעשיקט אייך אויף קריאת־שמע־לייענען,
ווהין האָט אייך דער רוח גענומען?

(די קינדער הויבן אָן לויפן, מיט איינגעקאָרטשעטע קעפּ צווישן די אַקסלען, פון הינטערן פאַרהויבענעם קאַנטשיק און לאָזן זיך אַרויס אין דרויסן. ירמיהו לויפט דורך. דער קאַנטשיק פאַלט אַרויס פון משולמס הענט. משולם קוקט זיך צו צו די אַנטלויפנדיקע קינדער, זעצט זיך שווער אַוועק ביים טיש, ווישט מיט אַ פאַלע דאָס פאַר־שוויצטע פּנים, און וויקלט באַוועגעוודיק איין האַנט אין דער צווייטער)

חלקיהו (מיט אַ שמץ פון אומרו)

וואָס איז אייך, ר׳ משולם?
איר זייט, חלילה, קראַנק?

משולם

אַ שוואַכקייט איז מיינע הענט באַפאַלן
ווען אייער יינגל איז פאַרבייגעגאַנגען.

פינון אַ מיחוש,
אַ פּשוטע זאַך.

משולם
אַז ער טוט אויף מיר אַ קוק,
דוכט זיך מיר, אַז
איך בין דאָס חדר־ייִנגל,
און ער — דער מלמד.

חלקיהו
ער לאַבוסעוועט מער פון צוויי אַנדערע קינדער.
מען דאַרף אים דווקא נישט קשה צושטעלן אַ בענקעלע...

משולם
חלילה־וחס.
אַ לאַבוז און אַ שטיפער;
נאָר נעמט ער לערנען אַ פּרשה פון דער תורה,
שפּאַרט אַ ליכט אַזאַ
פון זיינע אויגן טיפע —
שוואַרץ פייער אויף ווייס פייער.
די תלמידים בויגן דעמאָלט איין די קעפּ.
ס׳איז עפּעס — שרעק,
און עפּעס וואָס אַזוינס,
דער היפּוך פון דער שרעק.
מיין האַרץ פליט דעמלט מיט די קליינע קינדער
ערגעץ, ערגעץ ווייט אַוועק,
זיינע פסוקים טוען ווי
און די אויגן זיינע,
סאַראַ עצבות שלאָגט פון זיי.

חלקיהו
אַ רבי דאַרף פאַר קינדער
זיינע חולשות אויסבאַהאַלטן.
„חושך שבטו שונא בנו"

משולם
גרינג צו זאָגן: אויסבאַהאַלטן,
און „שבט" מיינט נישט שטענדיק:
אַ שמייסנדיקע רוט;
פונקט ווי „חטא"
מיינט נישט שטענדיק —
„זינד" בפועל ממש.
און שלאָגן איז נישט שטענדיק

דער אָנגעצילטער וועג.
אַ קדושה בלייבט אין חדר
פֿאַרבאָרגן און אַנטפּלעקט
פֿון דיין יינגלס אויגן
און זיין דביקותדיקע שטים,
און — ווי ליב די קינדער האָבן אים.

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט

ע ר ש ט ב י ל ד

(ביי אַכאַבאַראַ אין אוצר־קאַמער. אַ מאַסיווער שטיינערנער האַל, טריב און פאַרבלאָז, מיט צוויי פאַרקראַטעוועטע אַנפאַרמיקע לעכער אין דער לינקער זייט וואַנט נאָענט צום סופית; אַש־גראָע פאַליצעס אַרום די ווענט באַליגט מיט שטויסן הילצערנע טעוועלעך. מאַרמאַר־פליטן און געלע פאַרמעטן פון פאַרשידענער גרויס. אַלץ איז פאַרגאָסן מיט טריבער, ספק־ליכט, ספק שאָטן. אין מיט קאַמער: אַ מאַסיווער מאַרמאַרנער טיש — אָנגעוואָרפן מיט די אייגענע ציפער־טאָוועלעך און פאַרמעטן. אויפן טיש סטאַרטשען אַרויס פון דער אָנגעהויפטקייט עטלעכע סטאַטועטקעס פון נאַקעטע מיידלעך, און אַ גרעסערע בראָנ־זענע סטאַטוע פון דער געטין עשתורת. אַכאַבאַראַ, אַ נידעריקער, עטוואָס געבויגענער, מיט אַ שיטער שוואַרץ גרוילעך בערדל. לויפט איבער פון איין פאַליצע צו דער צווייטער, מישט איבער די פאַרשידענע פאַרמעטן, פערגאַמינען און ציפער־טאָוועלעך, כאַפּט אַ בליק אין איינס פון זיי און לויפט באַלד איבער צו אַ צווייטן פאַרמעט. טרייסלט מיט דער רעכטער האַנט אין דער לופט מיט אַנטוישונג. לויפט איבער צו אַווינקל־פאַך, ציט פון אַ שטויביקער קופע אַרויס אַ פאַרמעט און פאַרטיפט זיך דערין אַ לענגערע ווייל. ער גייט מיט דעם פאַרמעט צו אַ קעגנאַיבערדיקן ווינקל, קלאַפּט און וואַרפט האַסטיק איבער שורות הילצערנע רעדלעך אויף אַ מאַסיוון רעכן־מכשיר, בויגט איין און גלייכט אויס די פינגער:

דריי הונדערט טויזנט ניין הונדערט זיבנאַכציק דרכמונים, פינהונדערט מאָל זיבציק טויזנט דינאַרן, זיבן און ניינציק מאָל אַכט און ניינציק טויזנט בקע, פינף און זיבציק און אַ האַלב מאָל צען הונדערט טויזנט איטאַלקישע איסר'ן, צוויי און אַ פערטל מאָל אַכט און זיבציק הונדערט טויזנטער שקלים און אַכט און ניינציק זוזים.

פאַרטראַכט זיך אַ לענגערע ווייל. לויפט צו צו אַ זייטן־פאַך, הויבט צענויף מיטביידע הענט אַ שטויס פאַרמעטן און פערגאַמינען, קוקט זיך אַרום, שפּרייזט פּאַמעלעך צו צו אַ שאַטנדיקן שמאָלן וואַנט־פאַס, באַטאַפּט מיט נערוועזע פינגער די פלאַך, צייכנט אַ האַלב־רונד און נעמט מיטן שפּיץ פונעם סאַנדאַל קאַפּען מיט ריטמישער געמאַסטנקייט אין דער לייסט פונעם דיל, האַרט ביי דער וואַנט.

עס הערט זיך אַ דיסקרעטער טויבלעכער געסקריפּ. אין דער וואַנט עפנט זיך אַ פֿינצטערער, גרעסערער קוואַדראַט. אַ שמאָלע פֿיין געשניצטע האַנט פֿון אַן איידעלער גלעבלעכער קאָליר טוט אַ באַוועג זיך אין דער עפענונג, אַכאַבאַראַ דערלאַנגט אים דעם שטוים פֿאַר־מעטן, וואָס ווערט ווי איינגעשלונגען אין דער שוואַרצקייט, לענגערע פּויזע. די האַנט דערלאַנגט צוריק אַרויס דריי לענגלעכע געדיכט־באַציפערטע פּערגאַמין־בייגעלעך. אַכאַבאַראַ טוט זשעדנע אַ ריס די פּערגאַמינען פֿון דער האַנט, לויפֿט צו צום טיש און פֿאַרטיפֿט זיך אין זייער אינהאַלט. במשך עטלעכע מינוטן, לויפֿט צוריק צו דער עפענונג, און דערלאַנגט די פּערגאַמינען)

אכאבארא (מיט אַ באַפעלערישער שטים)
— בקיצור!

(נאָך עטלעכע מינוטן דערלאַנגט די האַנט צוריק אַרויס צוויי געדיכט באַשריבענע פּערגאַמין־בייגעלעך. אַכאַבאַראַ כאַפּט זיי, לויפֿט צו צום טיש און פֿאַרטיפֿט זיך אין זיי. ער פֿאַרזשמורעט די אויגן. מאַכט צורעכט דאָס פֿלאַם־קנויטל אינעם אייל־לעמפּל. פֿאַרטיפֿט זיך ווידער און לויפֿט צוריק צו דער עפענונג. פֿון דער פֿינצטערניש בויגט זיך אַרויס דער אויבערשטער טייל קערפּער פֿון אַ מיטליאַריקן מאַן מיט אַן אויסזען פֿון אַ געלערנטן)

אכאבארא (וואַרפֿט אים צוריק די צוויי פּערגאַמינען און שרייט)
אַט וועל איך דיר באַלד דינגען אַ מלמד פֿאַר חשבונות. צעבאַלעוועטער בן נעות המרדות.

(יענער נעמט צוריק די פּערגאַמינען און ווערט ווי איינגעזאַפּט אין דער פֿינצטערניש. נאָך עטלעכע מינוטן דערלאַנגט ער אין אַכאַבאַראַס האַנט אַ קליינעם געדיכט־באַשריבענעם פּערגאַמין. אַכאַבאַראַ לויפֿט איבער מיט די קורצזיכטיקע אויגן איבערן בלעטעלע, שפּרייזט אַוועק, פֿאַרשווינדט אויף עטלעכע מינוט און קומט צוריק מיט אַ צעקנייטשטן טלית, מיט אַ בראָנזענער גרויסער טאַץ מיט פֿאַרשידענע מאכלים און אַ קריגל געטראַנק. ער גיט דאָס איבער דעם מאַן אינעם שאָטן־קוואַדראַט, וואָס שליסט זיך פֿאַמעלעך מיט אַ דינער געכאַרכלעריי. אַכאַבאַראַ גייט צו צו אַ זייטן־ווינקל, שאַרט אַראָפּ אַ שטויביקן הויפֿן פֿאַרמעטן. עס זעט זיך אַרויס אַ מאַסיווער, מיט בראָנז און אייזן געשמידטער קופֿערט. ער עפֿנט די שווערע טיר־דעק, בייגט זיך אַריין אינעווייניק פֿון וואַנען ער וואַרפֿט אויפֿן דיל אַראָפּ פֿולע זשמעניעס גאָלדענע און זילבערנע מטבעות פֿון פֿאַרשידענער גרויס און פֿאַרנעם, און פֿולפֿאַרביקע פֿינקלדיקע

צירונג. אַכאַבאַראַ צעקאַפּעט דאָס צירונג מיט אַ שפּיץ פונעם סאַנדאַל. נעמט אַרויס איינצלנע שטיקלעך, לויפט צו צום טיש און באַטראַכט זיי זשעדנע ביי דער קאַרגער ליכט־שיין פונעם אייל־קאַניצל. עס הערט זיך אַנ׳איינגעהאַלטן קלאַפּן אין טיר. אכאבארא שפרינגט אויף, מורמלט מיט ציטערדיקע ליפּן פרעמדקלאַנגיקע, אָפּגעריסענע זילבן, לייגט אַרויף ביידע הענט אויפן קאָפּ פון דער עשתורת־סטאַטועטקע, צעפירט די הענט איבערן טיש ווי אַ בויגן, שאַרט, אַ צעטומלטער, צענויף די צירונג־קופּע און וואַרפט זי נערוועז צוריק אַריין אינעם קופערט. דאָס קלאַפּן אין דער טיר חזרט זיך איבער, ער וואַרפט די שווערע דעק אריבער דעם קופערט, לויפט צו צום טיש און בויגט איין דעם קאָפּ פאַר דער עשתרות־סטאַטועטקע — מורמלט):

איך גיס אויס פאַר דיר מיין געבעט;
באַשירעם מיינע אוצרות פון שאַלקהאַפטע רויבער און גזלנים, און מיך דייך טרייען אָרעמען קנעכט — פון אויפגערייצטע שקלאַפן, וואָס דורשטן נאָך נקמה.

(כאַפּט פון אונטערן טיש אַ שווערן, גראָבן לייוונט, וואָס קרייזלט, ביים פאַנאַנדערשפּרייטן, פון זיך אַרויס אַ געדיכטן גראָען שטויב, ער פאַרוואַרפט עס אויפן קופער, שאַרט אַרויף די פריערדיקע פאַרמעטן. קוקט זיך אַרום אַ רגע, כאַפּט אַ דינעם בראָנזענעם פרענט און באַהאַלט אים אין די פאַלדן פונעם טוניק. דאָס קלאַפּן אין דער טיר ווערט העפטיקער

אַ שטים (פון יענער זייט טיר)
אַדון אכאבארא!
אַדוני!
(דער אויסדרוק פון שרעק ווערט געמילדערט. ער ווישט מיט דער האַנט איבערן שטערן און רעדט מיט אַ פאַלשער, פייערלעכער שטים)

ווער וואַגט דאָס צו שטערן די פרומע פאַרנאַכט־תפילה פון אַנ׳איינזאַמען גאָטספאַרכטיקן ייד?

אַ שטים (פון יענער זייט טיר)
ס׳איז איך,
דייך קנעכט, געראַנוס.

אכאבארא (מיט געהעמטן צאָרן)
אַ בליץ פון צפון זאָל אויסברענען דיר די גניבישע קוק־לעכער, פאַרבלאָטיקטער גבעוני!

(עפנט באַזאכט די סקריפּענדיקע טיר, גערשאָנוס בלייבט שטיין אויף דער שוועל. די מלבושים הענגען אויף אים שלאבריק און מיט צע־פליקטע צוויטן, דאָס פּנים איז צעקאַליעטשעט און צעקראַצט און די לינקע האַנט איז אַרומגעבונדן מיט אַ גראָע שמאַטע פון זאַק־לייוונט. אכאבארא קוקט אים אָן מיט ווילדן חידוש, פאַרגייט אין אַ הייזעריק כיכיקעריי, וואָס ווערט באַגלייט מיט אַ צעצויגענעם פּייפנדיקן הוסטן, וואַרפט אַוועק די בראָנזענע שטאַנג, גערשאָנוס בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ)

אכאבארא (שפּאָטיש)

נידעריקער זיך בוקן קאָנסטו שוין נישט?

דיין חוט־השדרה פּאַראַדוּנ׳ט זיך ביי דיר.

(גערשאָנוס בויגט אינטערטעניק אַראָפּ נידעריקער דעם קאָפּ)

נאָך נידעריקער!

(גערשאָנוס ברעכט טיף זיך איין אין דרייען און פאַלט. אכאבארא שלעפּט אים ווי אַ זאַק און שליידערט אים אַוועק אין אַ ווינקל, ער זעצט זיך צום טיש)

אכאבארא

ווער האָט דיר אַזוי אויסלאַקירט „דאָס מעבל״?..

גערשאָנוס

פאַרבייגייער, וועלכע איך קאָן זיי נישט און וויס זיי נישט.

גיי איך מיר אַזוי, פון ישוב צו ישוב,

פון דאָרף צו דאָרף

אויסצופירן מיין קנעכטיש טרייען חוב.

קלייב דעם ריבית פון די ריביתן צענויף,

און...

אכאבארא

האָסט מסתם געדראָט,

געשפּיגן גראָבע רייד.

גערשאָנוס

חלילה־וחס:

אדרבא;

ווי דורך אַ טיכעלע פון זייד,

דערמאָנט זיי דעם שכר פון עולם־הבא

פאַר יושר און ערלעכקייט...

אכאבארא

מיט תחנונים שטיל און ווייך. (נאָך אַ רגע פּויזע)

איך קאָן דיך דורך און דורך,

ביסט ווי קורח רייך,

פאַרשטעקסט דיין שוחד

אין די ליים־פאַרוועלבונגען
פון מיינע קאַמערן און שייערס.

גערשנוס

רייך ?

אכאבארא

צוויי פּרצופים זענען צו דיינע אַקסלען צוגעפּליישט ;
איינע — פאַר רויער דראָונג
מיט דער חומרא פונעם דין,
און דאָס צווייטע —
אַריינצושפּייען אין דערין

(לויפט צו צו גערשנוסן, און שפּייט אים אין געזיכט, יענער ווישט אָפּ דעם שפּיי מיט די צעריסענע צויטן פונעם אַרבל. אכאבארא העלפט גערשנוסן זיך אויפהייבן. פונעם דיל, זעצט אים אַוועק ביים טיש קעגנאיבער זיך)

עפן ס׳מויל און אַרויס מיטן חשבון.

(גערשנוס׳עס צעשוומענע, מטושטשע געזיכט ענדערט זיך, די נישט צעקאַליעטשעטע פונקטן לייטערן זיך אויס און צונדן זיך אָן מיט טראַציקייט)

גערשנוס

די צינזן בליען אויף די פעלדער,
וואָס וועלן מאָרגן איבערקאָלערן זיך
אין דיין רשות־היחיד.
די חובות רייסן זיך פון די אַקער־בייטן,
באַרעגנטע פון שוואַרצע שנאה וואָלקנס,
דער ווינט וועט זיי צו דיר פאַרטראָגן
און פאַרטרויען זיך
ווי דיינע שפּייכלער־שטשורעס
אין דיין זאָרגעוודיקער אַפּוטרופּסות.

אכאבארא

מייקע אויס די גרינע גאַל
פון צעבלימלטער מליצה.
רעד בפרטיות וועגן מצב
פון מיין צעבאָרגטן האָב און גאָב.

גערשנוס

אין ראובנס מיל האָבן נאַכט־גזלנים
אָנגעצונדן פייערן,

ביי שמעון
האָט אַ בליץ פאַרברענט די שייערן.
ביי לוי
האָבן שוואַרצע זשוקן אויפגעפרעסן ס׳מעל.
ביי ישׂשכר
האָט אַ וואָלקן־בראָך אַוועקגעשווענקט די זריעה
פון די בערגער אין די טאָלן.
האָט ער נישט פונוואַנען צו צאָלן.

אכאבארא

ראובן האָט אין גליל נאָך אַ מיל.

גערענום

אַ חוזק פון אַ מיל,
ד׳ על דלות
פּרוכניק און קליין.
ער מיטן בני־בית
שפּאַנען זיך אין דריי־ראָד איין.

אכאבארא

פאַרקלעפּ די טיר מיט אַ חרם־חתימה תיכף

גערענום

„לא יחבול ריחים ורכב"
אַנ׳איסור מדאוריתא,
שטרענג און האַרבע —
זיי קאָנען נאָך פון הונגער שטאַרבן,
ווען די מיל אויפהערן מאָלן
ווערט דער חשבון אָנגעשוואָלן
און אויף אַ קנעכט איז ער צו אַלט
און ס׳שרעקט
זיין הויזגעזינדס הילפלאָזער געוואַלד,
און די קינדער זענען קליין
און גאָט און לייט ,
זענען זיך נוקם
פאַר קינדערשן געוויין.

אכאבארא (כאַפּט אַ קאַנטשיק פונעם דיל און שמייסט גערענומען איבערן פּנים. דער געשלאָגענער בלייבט זיצן אומבאַוועגלעך)

וואָס זשע פּאַרא נוצן ברענגט מיר דיין לעבן?
ווילסטו, וועל איך צען שלעגער „נוגשים" צו הילף דיר געבן.
צו יעדער צייט און אומעטום.

דאָס פאַרמעגן מיינס צעשוומט
ווי צווישן זאַמדן — טראָפּנס וואַסער.

גערשום

אויף איין איינגעמאָנטן זוז
וואַקסן הונדערט האַסער.
נאָך אַ שלעגער,
נאָך אַן אָפּשרעק־קנעכט,
שרעקלעך זענען איינגעשולדיקטע
ווען זיי זענען שוואַך און אומגערעכט.

(עס הערט זיך אַ קלאַפּן אין טיר, אַכאַבאַרא שפּרינגט אויף, כאַפּט דעם בראָנזענעם פּרענט און פאַרשטעקט אים ווידער אין די פאַלדן פונעם טוניק)

אכאבארא (אין שרעקנדיקער דראָונג)

ס׳איז דיין מלאכה,
האָסט אונטערגעשיקט דיין טאַרבע־שותף
אויף רויבן און דערמאָרדן.

(דאָס קלאַפּן חזרט זיך איבער, אכאבארא גרייפט קאָנוולסיוו די האַנטאָבע פון דער בראָנז־שטאַנג און גייט פאַרזיכטיק צו צו דער טיר. ער קוקט דורך אַ שפּעלטל און עפנט. אויף דער שוועל בלייבט שטיין סאראסי, ער בויגט זיך טיף נידריקער פון דער גאַרטל. אין דער לינקער האַנט האַלט ער אַ טונקל־גראָע טאַרבע, טוט דערמיט אַ טרייסל און עס הערט זיך אַ צעשאָטענער, איידעלער קלאַנג פון גאָלד. אכאבארא כאַפּט גיריק די טאַרבע פון יענעמס הענט, ווען ער דרייט זיך אַוועק מיטן פּנים אין דער ריכטונג פונעם קופערט, ווערט סאַראַסיס פּנים אָנגעגאָסן מיט אַ מין גרין־בלויער קאָליר. פון רציחה, פאַרביילט די רעכטע האַנט אין אַ פויסט. אַכאַבאַראַ עפנט שווער דעם קופערט, וואַרפט מיט אַ קלונג אַריין דאָס טאַרבעלע, דרייט זיך אויס, שמייכלט חניפהוואַטע און גייט צו צו סאַראַסי)

אכאבארא

— זעץ זיך צו, טייערער דינער מיינער.

סאראסי (גלייכט זיך אויס, זעצט זיך און רעדט באַרימעריש און קנעכטיש־הכנעהדיק)

איך רייס, איך שינד און גאַל און שנייד
און מיך באַגלייט
קללה,
זידלערייען און יללה
אַבי אַ טאַרבע נאָר אַ פולע.

איך צאַפּ
פון וואַסער ווייַן און אַקאַוויט,
ריבית, ריבית, ריבית;
אַ קידושין־רינג, אַ חופּה־קלייד,
אַן אַלטער בראָנז פון אַ חנוכה־מנורה —
אַלץ איז געלט,
אַלץ איז סחורה.

אכאבארא (פריינטלעך־שטרענג)
מען האָט מיר צוגעטראָגן, אַז
דו פאַרווילסט דיך מיט די יינגע שקלאַפינס
אין זייערע שלאָף־קאַמערן,
און דו שטערסט זיי די אַרבעט
אין די וועבערייען,
אַז דו פירסט מיט זיי גן־עדן־שפּילן
און פאַרהאַנדלסט זיי.
אויב ס׳זאָל זיך באַשטעטיקן —
בין איך דיך נישט מקנא.

סאראסי (אין הכנעה־שמייכל)
זאָל די הייליקע עשתורת מיר אויסלעשן
דאָס שוואַרצאַפּל פון מיין אויג,
ווי קאָן איך באַגיין אַזאַ שפלות
קעגן מיין גוטן האַר.
דאָס פּאַסירט זייער זעלטן.
אַמאָל ווען זיי פאַלן טויט־דערשעפּטע,
וואַרף איך זיי צו אַ כנופיה יינגען,
און דעם אתנן איך טראָג איבער
אין דיין אוצר,
באַנאַנד מיט איינגעמאָנטן ריבית.

אכאבארא (צו גערא‌נוסן)
אָט ביי וועמען דו דאַרפסט זיך לערנען,
דינסטפערטיקייט און אחריות.

געראנוס
כ׳האָב, ווי ער, געפּרוווט
אויסצובריען יעדן שמץ פון רחמנות.
נאָר אַז געוויינט האָבן די קללות
פון די באַריסענע אויף מיין געלעגער.
אַן אָנגעגליטע נאָדל איז געווען די קינדער־טרער

פאַרשטאָכן אין מיין האַרץ.
איך קאָן נישט,
איך קאָן נישט מער.
שיק מיך צוריק אויפן מיסט־געלעגער
אין דער בהמה־שטאַל.

סאראסי (שטיל צו זיך)
ער איז
פאַרפאַלן
אָפּגעקאָכט אויף קאַלט.
די לופט אין שטוב פון קליינעם נביא
האָט אים פאַרסמט.
איך ווייך פון דאָרט ווי פון צרעת.

אכאבארא (שלאָגט גראַנוסן מיטן קאַנטשיק, צישעט מיט כעס)
אַ גרינג לעבן פון אַ בהמה
זיך פאַרוואָלט?
(גראַנוס לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, אכאבארא טוט אים אַ קלאַפּ הינטער דער באָרד און רייסט אים דעם קאָפּ אַרויף)

גערֿאַנוס (שטיל און העפטיק)
מיר וועלן זיך באַגעגענען ערגעץ ווו
ביים טיש פון אַ גערעכטן שופט. (בלייבט ווי פאַרגליווערט)

אכאבאַראַ (שטיל צו זיך)
אַ פאַרעקשנטקייט,
שוין גאָרנישט פון קיין עבד (קליינע פויזע. מיט אויפגעוואַכטן כעס)
צי זיך אויס מיטן פּנים אַראָפּ
ווען דו רעדסט מיט דיין האַר!

גערֿאַנוס (אויסציענדיק זיך)
רעדן איז — ווידערשפעניקייט
און מרידה איז — שווייגן —
אַז די נשמה איז נישט אייגן,
אַז דאָס לעבן איז נישט אייגן. (קורצע פויזע)
און דאָך,
עפּעס וואָס איז אייגן
און געהערט נאָר מיר אַליין —
די פּיין.

אכאַבאַראַ (מיט אַ האַנט, וואָס הויבט אָן ציטערן)
דו הער מיר אויף קלעטשען מיט דער צונג,
דו בן־סורר איינער,
אויב דער הויט־מאַנטל איז דיר נישט צו שווער.

גערֹאנוס
נאָר ס'וועלן דיך ברענען
די איסורים און חומרות פון דער יידישער תורה.
פייניקער נעמט מען אַראָפּ
פון די ראַנדן פון מזבח אַפילו.
אַ פשיטא שוין —
פון דער עשתורת־טומאה.

סאראסי (וואַרפט זיך אויף גערֹאַנוסן, דראָט אים מיט די פויסטן און רעדט מיט אַ טאָן, וואָס קלינגט באַפעלעריש און חניפהדיק)
פאַרמאַך דיין רייד־קבר —
דו וואָרעם,
האָסט פאַרגעסן פאַר וועמען דו שטייסט,
ס'הייסט — פאַר וועמען דו ליגסט.
דרך־ארץ! (אַ שוויַיגן)

אכאבארא
רעד!

גערֹאנוס
מיינע רייד וועלן אָנצינדן די רימענס
פון דיין קאַנטשיק.

אכאבארא
שווייג! (לענגערע פויזע)

גערֹאנוס (שטיל צו זיך)
ווער בין איך?
צו טריפן מוסר,
אַז גאָט האָט מיך פון זיין חסד־מעגל
אָפּגעשליידערט אין אַ זייט
און פאַר מיר זיין פנים צוגעדעקט.
ליג איך — אַ קלומפּ אַ הפקרער
אויסגעטאָן נאַקעט
פאַר רימענס און פאַר שנאה,
פון טויטן געצנדינסט אַוועק,
און צום לעבעדיקן גאָט
דעם וועג נאָך נישט געפונען.
(אַכאַבאַראַ נעמט ציטערן אויפן גאַנצן לייב, טוט זיך אַ וואַקל און פאַלט)

סאַראסי לויפט פלינק אונטער, פרוווט אַריינטאָן זיין האַנט אין די פאַלדן פונעם געפאַלענעמס טוניק, באַלד טוט ער אים אַ כאַפּ ביי די אַקסלען און נעמט שרייען אַ באַנומענער)

רעטונג!

הילף!

(פּאַטשט מיט די הענט. אַכבאַראַ הייבט אויף דעם קאָפּ פונעם דיל און לאָזט אים צוריק אַראָפּ)

סאַראַסי

הילף!

(אַ שווייגן. סאַראַסי קוקט זיך אַרום און ציט אויס די פינגער. פאַרנעמט זיך אַרומצוקלאַמערן דעם פאַרהלשטנס האַלדז און ציט זיך צוריק מיט שרעק און עקל. פון דער שאָטנדיקער וואַנט רוקט זיך אַרויס דער קאָפּ פונעם בעל־חשבון, כאַפּט אַ בליק אויפן ליגנדיקן אכאבארא. שפּייט אויס און פאַרשליסט די עפענונג. הינטער דער טיר הערט זיך דאָס געשריי פון סאַראַסי)

הילף!

רעטונג!

(די טיר פּראַלט זיך רעשיק אויף, עס לויפן אַריין מענטשן אין משונה־דיקן לבוש און קאָליר פּריסטער און צויבערער פון עשתורת אָפּשפּרעכער און שטערנזעער מיט משונהדיקע מכשירים; די פּנימער אין מאַסקעס פון דמיונדיקע חיות און פייגל, און אויף די ווענט באַוועגן זיך שאָטנס פון גייסטער, די מכשפים נעמען טאַנצן אינעם קרייז פונעם ליגנדיקן אכאבארא)

אַ פּריסטער (טאַנצנדיק און פּאַטשנדיק מיט די הענט)

געצן און שרעטעלעך\
און פאַרצויבערטע גייסטער,\
פאַרשוועבט און פאַרפלויגענע,\
דערשראָקענע און דרייסטע.\
וואָס זאָגן קיין סודות נישט אויס.\
פאַרשפּילט מיט די אייגענע פּחדים און גרוילן,\
די עשתורת געטין האָט פאַרלאַנגט און באַפוילן:\
ציט דעם טויט פונעם פאַרשמאַכטן אַרויס.

גייסטער־כאָר

וואָס זאָגן קיין סודות נישט אויס,\
פאַרשפּילט מיט די אייגענע פּחדים און גרוילן,\
אַזוי האָט די עשתורת־געטין באַפוילן:\
ציט דעם טויט פונעם פאַרשמאַכטן אַרויס.

(איינער פון די פּריסטער קלאַפּט מיט צווי גרעסערע קיזלשטיינער. עס שפּרינגען אָפּ רויטע פונקען. אַ מכשף שפּרינגט

אונטער מיט אַ ווייסע ביינוול־קנויט, וואָס צינדט זיך אָן און לויכט אויף מיט אַ דינעם נעפּלדיקן פלעמל. טרייסלט דערמיט איבער אַלע פיר זייטן. עס הערט זיך אַ לאַנג צעצויגענער, ווינטיקער געהייל, באַגלייט פון אַ צעיושעטע פרויען־געלעכטער, און פאַרענדיקט זיך מיט אַ דינעם קינדישן געוויין. אין דער שאָטנדיקייט פלאַטערן שדים מיט שוואַרצע פליגל. טיילן זיך פונאַנדער און בלייבן הענגען אין אַלע פיר זייטן פון דער קאַמער)

א קליינער שד (אין געפלאַטער)

פייער שלינגער, שלאַנג־אָפּשפּרעכער, אַסטראָלאָגן,
צעהוליעט אין די נעכט,
פאַרשוועבן אין די פאַרטאָגן,
באַשווער איך אייך אַוועקצוטראָגן
אויף די הויקערס —
טויטע שרעק,
און טראָגט זיי
אין דער וויסטעניי אַוועק.

פריסטער־כאָר

פייער־שלינגער, שלאַנג־אָפּשפּרעכער, אַסטראָלאָגן,
צעהוליעט אין די נעכט
פאַרשוועבן אין די פאַרטאָגן,
באַשווער איך אייך אַוועקצוטראָגן
אויף די הויקערס —
טויטע שרעק,
און טראָגט זיי
אין דער וויסטעניי אַוועק. (אָנפּלי פון ווייסע און בלאָע גייסטער)

ווייסער גייסט

גייסטער מיטן ווייסן חושך אָפּגעצוואָגן
האָט אונדז אייער שפּרוך אַהער פאַרטראָגן,
דערקענטע.
מיר גאָרנישט נישט דערקענען,
און, וואָס ליכטיקער —
אַלץ פינצטערער מיר זענען.
נאָך דעם סיום פון יצירה
אין תוהו ובהו פאַרבליבענע,
צווישן גליק און אומגליק
געיאָגטע און געטריבענע,
זענען מיר:

שקר פונעם אמת,
זענען מיר:
סוד און רמז,
פון כשופן אַנטפּלעקט,
אָנגעשראָקענע פון זיך אַליין
איז אונדז היימלעך מיט דער שרעק,
באַוועגנדיק אין רו,
אין ליכט־געוועב פון טויט און ליבע
איז; נעמען מיר די קראַנקהייט צו
און לאָזן דאָ דעם חולה איבער.

גייסטער־כאָר

גייסטער מיטן ווייסן חושך אָפּגעצוואָגן
פון אייערע שפּרוכן אַהער פאַרטראָגן,
צעהוליעט אין די נעכט
און שוועבן אָפּ אין פאַרטאָגן,
פון אייך דערקענטע,
און אייך —
נישט מסוגל צו דערקענען.
און, וואָס ליכטיקער —
אַלץ פינצטערער מיר זענען.
אין תוהו ובהו פאַרבליבענע,
צווישן גליק און אומגליק
געיאָגטע און געטריבענע,
צווישן געפינונג און פאַרליר,
דער שקר פונעם אמת
סוד פון רמז
זענען מיר,
פון כשופן אַנטפּלעקט.
אָנגעשראָקענע פון זיך אַליין
איז אונדז היימלעך מיט דער שרעק,
באַוועגנדיק אין רו,
אין שאָטן־וועב
פון טויט און ליבע.
איז; נעמען מיר די קראַנקהייט צו
און לאָזן דאָ דעם חולה איבער.

(דער פאַרחלשטער אכאבארא עפנט די אויגן, נעמט באַוועגן מיט די

ליפּן, קוקט זיך ווילד אַרום. אַ פּריסטער נעמט פּאַכען מיט דעם בלאָען קנייטל און רעדט מיט אַ געהיימנישפולער שטים)

סטרא־אחדא׳ס שוואַרץ באַפליגלט,
קושט די דרויסן־זייט פון שלאָס און ריגל,
נישט פאַרצדיקט נישט פאַרדאָרבן,
נישט געבוירן נישט געשטאָרבן.
נישט קיין מצוות נישט קיין זינד,
נישט זעעוודיק, נישט בלינד.
ווערט נישט!
פאַרשווינדט!

(עס הערט זיך אַ צעהעשעטער, באַנומענער געוויין און געפּאַך פון פליגל. אַ פּלוצלונגדיקע שטילקייט. אכאבארא הויבט זיך שווער אויף. סאראסי פראַלט אַריין און שטעלט זיך נעבן אכאבארא. דער פאַר־חלשטער קוקט אים אָן מיט אַ טריבן פאַרלאָשענעם בליק. קליינע פויזע)

סאראסי
מיין האַר פילט זיך בעסער?

אכאבארא (רייבט זיך די אויגן)
ווו בין איך? (שטיל און פאַמעלעך)
ווו קום איך דאָ אַהער?
מיט אַ רגע פריער
עפּעס אויסטערלישע רייד געהערט:
און עפּעס,
וואָס ס׳איז שווער אויסצומאָלן.

סאראסי (שטיל צו זיך)
מען דאַרף דערפאַר באַצאָלן. (הויך)
דאָס האָב איך די פּריסטער
און די צויבערער פאַרבעטן,
ווען איך אייל נישט צו
מיט הילף און רעטונג
וואָלט גערויבנוס דיך פאַרטריבן
פון דער וועלט.

אכאבארא (זעצט זיך האַסטיק אויף)
וויפל געלט?

סאראסי
טויזנט רענדלעך, האַר,
פאַרן טעמפּל פון עשתורת.

אכאבארא (אויפשפרינגענדיק)

אַ קללה דיר אויף טויזנט דורות.
הויט־שינדעריי און רויב.
ווער האָט דיר
טרענצלען מיט מיין גאָלד דערלויבט?
בעל־צדקה מיינער גערנוויליקער,
האָסט געמעגט באַצאָלן
מיט אַ פינהונדערט רענדלעך טייערער...
די תרומות פאַרן בית־מקדש
פאַר דרייסיק יאָר עברות
מאַכן אויס פיל ביליקער.
זאָג:
דיינע קראַנקע אויגן
האָבן ווען שוין אַזאַ סכום געזען?
וועסט פאַר דיין נדבנות
אויסמייקענען ביי מיר
אין משך פון אַ יאָר צען.

(אכאבארא לויפט צו צום קופערט און טאַפּט אים אַרום מיט ציטער־דיקע הענט)

פ אָ ר ה אַ נ ג

צ ו ו י י ט ב י ל ד

(אַ מיטעלע גרויע קאַמער, אינדערמיט אַ גרויסער מאַסיווער גראָער טיש. אויפן טיש טעלעכע האַלב צעוויקלטע געלע פּאַרמעטן, אַן׳ערדן שיסעלע בוימל, פון וועלכן עס לייכט אַרויס אַ גרעסער ציטערדיק פלעמל. אויבנאָן זיצט דער הויפּט שופט אין אַ געבלימלטן זיידענעם טוניק. פון ביידע זייטן טיש זיצן צוויי יועצים. רעכטס, אָפּגערוקט אין הינטערגרונט זיצט אכאבארא, לינקס אויף אַ קליינעם מרוזק זיצט געראַנוס צווישן צוויי האַלב־נאַקעטע שקלאַפן זיי האַלטן אים אָן ביים צעריסענעם שוואַרצן קאָלנער פון זיין בגד. דער הויפּט שופט נעמט אַ פּאַרמעט, וואָס קנאַקט צווישן זיינע פינגער און פאַרטיפט זיך אין זיין אינהאַלט. געראַנוס הויבט אויף די הענט, עפנט אַ פאַרחלשטער דאָס מויל און בויגט זיך איבער אַראָפּצופאַלן. די צוויי שקלאַפן כאַפּן אים אונטער, פּאַטשן אים איבערן פנים, איבער די שלייפן און זעצן אים צוריק אָנ׳אויפגע־מונטערטן)

הויפּט שופט (אָפּרוקנדיק פון זיך דעם פּאַרמעט)

לויט די אָנגענומענע כּללים איז דער חוב פון אַנ׳עבד

צו געהאָרכן און אויספירן אָן התנגדות

אַלע געבאָטן פון זיין האַר און ברויט־געבער.

ערשטער יועץ

און צו קושן די רוט מיט אַנ׳אָראָפּגעבויגענעם קאָפּ.

צווייטער יועץ

און צו אַרבעטן פון אַ שעה פאַר זון־אויפגאַנג

ביז צוויי שעה נאָכן זון־אונטערגאַנג.

שופט (ריכטנדיק זיין בליק אין דער ריכטונג צו גראַנוסן)

האָסט מיט זידל־רייד פּוגע בכבוד געווען דיין האַר

און שיעור נישט גורם געווען זיין טויט,

וואָס קאָנסטו זאָגן פאַר דיין רעכטפערטיקונג?

גראַנוס (מיט אַ געבראָכענער שוואַכער שטים)

אַ האַנט פאַרצייכנט ערגעצווו

די וואָג און צאָל און איכות

פון מענטשלעכע יסורים,

אַ וואָג־שאָל וועגט

די שווערקייט פון זינד און שטראָף.

(די צוויי יועצים שמייכלען גראָב)

ערשטער יועץ

מיט זיין התנהגות איז ער עלול אַריינצוברענגען צעמישונג

אין די מוחות פון די עבדים און גורם־זיין צו פוילקייט

און אָפּשוואַכונג פון דער אַרבעט און צעטרייסלונג פון

דער באַלעבאַטישקייט פון דער מדינה.

צווייטער יועץ

ווידערשפּעניקונג קעגן האַר

איז, אין זיין סך־הכּל

ווידערשפּעניקונג קעגן מלכות.

שופט (כאַפּנדיק אַ בליק אין איינער פון די פּאַרמעטן)

דאָס געריכט טראָגט אַרויס דעם פּסק־דין!

(די צוויי באַוואָפנטע שקלאַפן שטעלן דעם קראַנקן גראַנוסן אויף פון זיין שטול)

פינף און דרייסיק שמיץ אויפן הוילן לייב.

ערשטער יועץ (פּאַטשנדיק מיט די הענט)

דערפילט אייער פּליכט!

שמייסער!

(פון אַ טונקעלן ווינקל קומט אָן מיט שווערע טריט אַ האַלב־נאַקעטער שקלאַף מיט אַ דיקן קאַנטשיק אין דער רעכטער האַנט. ער נויגט זיך טיף פאַר די שופטים)

צווייטער יועץ
הויב אָן די מלאכה!

(די צוויי יונגען שליידערן אום גערשאַנוסן, דער אַריינגעקומענער נעמט שמייסן איבערן אָפּגעדעקטן לייב)

ערשטער יועץ (לויפט צו און שרייט גערשאַנוסן אין אויער)
צייל די שמיץ!

גערשאַנוס (קרעכצנדיק שווער)
מציל עני מחזק ממנו
ועני ואביון מגוזלו,
שוועת עניים אתה תשמע
צעקת הדל תקשיב ותושיע.

צווייטער יועץ (שרייט דעם געשמיסענעם אין אויער)
דיין לייב איז צופיל אומריין אויף צו דאַוונען!
צייל די שמיץ, מחוצף!

גערשאַנוס (פיבערנדיק אונטער די שמיץ)
איך שוועב ערגעץ אָפּ
מיט דער זון וואָס פאַרגייט.
אין מיינע טיפענישן
איך פיל אָפּ דיך ליכטיקייט.
מיין יעדער אָדער, מיין באַשעפער,
צו דיר אין פיבער רעדט,
און מיין יעדע וואונד
גיסט אויס פאַר דיר אַ לעצט געבעט.

(בלייבט ליגן אומבאַוועגלעך. אַכאַבאַראַ לויפט אַנ׳אויפגעקאַכטער צו, בויגט זיך אַראָפּ איבער גערשאַנוסן, טאַפּט אים אַרום און גלייכט זיך אויס)

אכאבארא (אַ באַנומענער)
רוצחים!
אומגעבראַכט מיר אַ מענטש, וואָס האָט געקאָנט לייענען און חשבונען!

סצענע אומבייט

(אינדרויסן, אין דער פראַנט־זייט פון דער ריכטער־קאַמער. גערשאַנוס ליגט אַ פאַרבלוטיקטער אין זאַמד, פרויען גייען פאַרביי, כאַפּן אַ בליק

און דעקן מיט די טיכלעך צו די קעפּ. זיי גייען דערשראָקענע אַוועק, עס גייען פּאַרביי עטלעכע יידן מיט שטריק און גראָב־מכשירים אויף די אַקסלען. זיי קוקן זיך איין אינעם הרוג און זייערע אויגן צינדן זיך אָן. זיי שיקן געביילטע פּויסטן צום משפּט־בנין)

איין ייד

צו גרויס די אכזריות
פאַר אַזאַ קליין לאַנד.

צווייטער ייד

ס׳איבער די כחות
די משא פון שפלות איבערצוטראָגן.

דריטער ייד

דאָס רשעות וועט אונדז פון לאַנד פאַריאָגן.

פערטער ייד

אונדזערע נשמות, זיי צעטרעטן
און פאַרשוועכן.

אַ פרוי (מיט אַ גרויסע ליימענע קרוג אויפן אַקסל)

און גאָט האָט געזאָגט
אַזוי צו זאָגן:
ווי אַ ליימענע קרוג —
איך וועל אייך צעברעכן.

(זי וואַרפט מיט האַסט די קרוג אויף אַ שאַרף־קאַנט פון אַ גרויסן שטיין, די קרוג צעברעכט זיך מיט אַ טויבן געבראַזג)

צווייטע פרוי

דער לאגל ווערט פול מיט טרערן.

דריטע פרוי

צו פייער־טעג און היימלעכקייט
זענען מיר פאַרקרוב׳ט,
מיט טענץ און פויק און פלייט;
נאָר צ׳אַנ׳אומגליק
ווערן הערצער אָפּגעשיידט,
און דער יחיד בלייבט אַליין.

אַ ייד

זאָלן חלילה די מקטרגים
אונדזערע בייזע ווערטער
נישט דערהערן.

פינפטער ייד

זינדיק זענען מיר —

פון עברות נישט גענוג אויסגעהיטענע.

זעקסטער ייד

מער נאָך ווי מיט דער פּיין פון די געליטענע —

רעכנט זיך גאָט

מיט די זינד פון די פּייניקער.

ערשטער ייד

זאָל נאָר חלילה די צאָל

פון זעקס און דרייסיק צדיקים

נישט ווערן ווייניקער.

דריטער ייד

מיט קיין שום אומה ולשון,

ער שפּילט זיך נישט אַזוי

ווי מיט אונדז

און גיסט נישט אויס

דורך זיינע נביאים

אויף זייערע קעפּ

זיין תוכחה.

ירמיהו (אַ פּופּצן־יאָריקער קומט אָן. באַטראַכט דעם ליגנדיקן הרוג, די אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן און רעדט מיט אַ שטיל דערשטיקטער שטים)

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:

זאָלסט נישט נעמען דיר קיין פרוי,

ווייל דיין פרוכט — די זין און טעכטער

וועלן פאַלן פון די שעכטער,

צעריסן און צעגלידערט

פאַר די זינד פון דיינע ברידער.

כ׳וועל פאַנאַנדערגיסן שריפות

קראַנקהייט, גיפטן און מגפות

און נבלה־פרעסערישע ראָבן,

די קברים אייערע אויפצוגראָבן,

די מתים צו פאַרציקן.

איך וועל אויף אייך מחבלים שיקן,

בלוט־דורשט־יינגען טעמפּע דרייסטע,

אומצוברענגען אייערע טרייסטער,

אייערע שטראָפער און באַקלאָגער,

אייערע לערער מוסר־זאָגער.
וועלן רוצחים טרינקען אייערע טרערן
און בלוט־דורשטיקער נאָך ווערן. (קליינע פויזע)

אַ ייד (מיט פאַרביטערונג)

גוים וואַרפן אונדז שוין פאָר
אונדזער פאַרדאַרבנקייט
און ברענגען ראיות
פון אונדזערע מוכיחים.

צווייטער ייד

און דאָס שלעכטס
בלאָזט צו אונדז אַריין — פון זיי.
פון די,
וואָס שעכטן זייערע קינדער פאַר די געצן.

דריטער ייד

אדרבא;
זאָל פרווון פון זייערס אַ פרויען־שויס
זייערס אַ שטראָפער געבוירן ווערן,
און זאָל זיי אויפוואַרפן זייער שפלות —
זיין קאָפּ וואָלט באַלד אַראָפּגעפאַלן
אויפן מיסט.

אַ פלוצלונג אָנגעקומענער ייד

שוטים!
אַ מת מצוה!
חלול השם!

אַ מאַן (אין אַ האַריקן מאַנטל קומט אָן אומגעריכט, בויגט זיך איבערן פנים פונעם הרוג, רייסט אים אויף די אויגן און שרייט אים אין אויער באַפעלעריש)

טרייסל פונעם לייב אַראָפּ די חושכ׳ניש פון נאַכט,
וועט אַ שטראַל פון גאָט פאַלן אויף דיין געזיכט.
שטיי אויף!
אַנטקלייד זיך פונעם טויט!
דערוואַך!
דער באַשעפער רעדט דאָס דורך מיין מויל —
נישט איך!

גייסטער־כאָר

שטיי אויף!
אַנטקלייד זיך פונעם טויט.
וואַך אויף!

דערהער,
דער באַשעפער רעדט דאָס דורך זיין מויל —
נישט ער.

(גראַנוס נעמט ציטערן, דאָס לינקע אויג עפנט זיך און פון די וווּנדן נעמט טריפן וואַרעם בלוט. תמר קומט אַן, טראָגט אויף דער לינקער האַנט אַ קליין קיישעלע מיט קרייטעכצער, זעצט זיך נידעריק נעבן דעם פאַרחלשטן און ווישט מיט אַ פּאַלמע־בלאַט אַרום די וווּנדן. זי שמירט די וווּנדן לייכט אַרום מיט אַ שיטערער זאַלב. פּויזע. ירמיהו קומט צו און קוקט זיך איין אין תמרס רירעוודיקע הענט. גראַנוס פּרוווט אויפהייבן דעם קאָפּ, תמר העלפט אים זיך אויפזעצן. פרעמדער אורח קומט אַן אומבאַמערקט, צעעפנט דעם אויבער־בגד און רייסט אָפּ אַ שטיק געוועב פון נעבן דער געלער לאַטע. טוט האַסטיק אַ כאַפּ גראַנוסן אויף זיין אַקסל און נעמט מיט אים שנעל אַוועקגיין)

ירמיהו (מיט אַנ'אויפגעהויבענער האַנט)
ווהין?

פרעמדער אורח (נישט איבעררייסנדיק זיין גאַנג)
לויט דער צאָל פון די פאַרשניטענע אין פּיין
איז די צאָל פון אונדזערע הייליקע צו קליין.
מיר דאַרפן אים נויטיק ערגעצוו.
אויך דו געפינסט זיך דאָרט, אין אונדזער לעצטן נע־ונד.

(תמר שטייט אויף אַ פאַרווירטע און שטויסט זיך אָן אין ירמיהו, זי קוקט אים אָן אין פאַרלוירנקייט. ירמיהו נעמט זי אָן פאַר דער האַנט און פאַרטיפט זיך אין אירע אויגן. באַלד בלאָנדזשעט זיין בליק אַוועק איבער איר קאָפּ. קליינע פּויזע)

ירמיהו (אָפּווישנדיק זיינע טרערן מיט דעם פּאַלמע־בלאַט, וואָס זי האָט אַרומגעווישט גראַנוסעס וווּנדן)
איך טראָג אויף מיינע אַקסלען גאָטס שטראָף־רייד
און פאַרטרוי
ווי אַ שטיין אויף זיין הויט פאַרטאָג
די פאַרבן־ליכט פון זון און טוי:
זיין צאָרן־שליחות איז אַ בייטש;
די טרייסט זיינע — שרעק,
און מיין האַרץ איז — צו דער אייגענער פאַרווירטקייט —
דער וועג.
דורך מיר — ער פירט מיך צום אויסוועגסלאָזן יאוש אַוועק.

א ייד

וואָס רעדט דאָס קליינע פאַרחלומטע ייִנגל?

צווייטער ייד

ס׳נישט קלאָר;

בענשט ער, צו שעלט ער.

דריטער ייד

נסתר־לשון, פאַרשאָטנט, פאַרשטעלט —

גאָרנישט צוגעפּאַסט פאַר זיין עלטער.

ירמיהו

ווי אַ מצורע אין קלעפּיקע בלאָטערן —

מיר זענען אַרומגעאייטערט מיט זינד.

תמר דו ביסט כמעט נאָך אַ קינד

בכדי די פאַרפּלאָנטערטע דרכים פונעם לעבן צו פאַרשטיין.

ירמיהו

ווי מיט אַ ביין אין האַלדז ווערגן זיך די הימלען

מיט די וויי־געשרייען פון די שוואַכע,

און די האַלב־אָרעמע;

קוקן אין טעמפּן התלהבות,

צום אויסגעלאָסענעם תענוג־פּאַלאַץ

פונעם געקרוינטן מלך

און צו די פאַרצירונגטע איבערגעפּרעסענע געצנדינער,

מיט זייערע שופטים, קייפס־ווייבער און חונפים —

קיינער הויבט נישט אויף זיין קול.

תמר די שטאַרקע הערן נישט דיינע רייד,

ווייל זיי פאַרשטייען נאָר דאָס לשון פון זייער שווילטאָג.

און די אָרעמע —

זיי פאַרשטייען נאָר

די שפּראַך פון זייער נויט.

און אַלע באַנאַנד פאַרשטייען,

אַז קינדער ענדערן נישט דעם סדר פון דער וועלט,

ווען אַפילו זיי זענען באַשאַנקען

מיט געטלעכער אַנטפּלעקונג.

ירמיהו

אנה אלך מרוחך

ואנה מפניך אברח.

אַ כוואַליע טוט אין פאַרצווייפלונג

זיך אַ וואָרף —

וויל פון ים זיך אַ ריס טאָן און אַנטלויפן.

דער שטיינער ברעג איז גרויזאַם,
יאָגט מיט קלינגענדיקע פּעטש צוריק.
דער וועג פאַר אַנטרינונג איז געשלאָסן.

תמר
ניִשט קיין פאַרגלייך;
דו ביסט אַ טראָפּ אינעם ים
וואָס וויל מיט זיין שפּליטער זון־ליכט
די ים־כוואַליעס אונטערצינדן.
און די שרפה זאָל דווקא אַוועק
אַנטקעגן ווינט. (קליינע פּויזע)

ירמיהו
איך האָב אַמאָל געזעען אַ פונק
וואָס האָט געמאַכט אַן אומקרייז,
ניִשט געוואָלט קיין אומגליק גורם זיין.
איז געקומען אַ גורלדיקער ווינט
און אַוועקגעטריבן אים
אינעם צעעפנטן תבואה־שייער.

תמר
אַ מענטש האָט פיינט
ווען מען ווייזט אים אָן אויף זיין קערפּערלעכן מום.
אַ גאַנצער כלל איז עלול
פאַר די דאָזיקע אמתן צו פאַרשטיינען.

ירמיהו
וואָלט איך געוואָלט זיין איינער פון אָט דעם כלל
מקבל זיין בצבור די זידלעריי,
די שטראָף־רייד און די קללות,
נאָר גאָט שיט ברענענדיקן אַש אויף מיין צונג.

א ייד
איך פאַרשטיי אים ניִשט.

צווייטער ייד
איך פאַרשטיי אים יאָ.

ערשטער ייד
וואָס פאַרשטייסטו?

צווייטער ייד
אַז דאָס יינגל וועט אין זיין לעבן
פון קיין שלווה ניט וויסן מער.

דריטער ייד
בדרך כלל זענען קינדערשע נשמות מטושטש,
טיילמאָל אַפילו פינצטער.
נאָר אויב געפונט זיך אָפּ אַ קינד

מיט אַ קלאָרן בליק —
זעט ער טיפער
און דורכדרינגלעכער
פון באַיאָרטע מענטשן.

ערשטער ייד

דער הימל הויבט זיך אויף
ווי אַ שטאַרץ פון אַ קאָכעדיקן טאָפּ.

צווייטער ייד

דער פיש עיפּשט פונעם...
פון אונטער דער קרוין.

ערשטער ייד

אל תפתח פה לשטן. (קליינע פויזע)

דריטער ייד (צום צווייטן)

זיי אַ ביסעלע געוואָרנטער,
שטעל זיך נישט אויף איין שטאַפּל מיט דעם יינגל:
אים וועט קיינער נישט פוגע זיין.

פערטער ייד

נישט פאַראומווירדיקט אייערע מיילער מיט לעסטערונג
קעגן דעם געזאַלבטן פון דער השגחה,
דעם לעבעדיקן חותם פון אונדזער גאַנצקייט —
דער פאַררונדיקטער.

פינפטער ייד

טו אָן אַ קרוין אַ רויען יינג
אַ בן־בליעל —
און ער וועט איבערריושערן דאָס לאַנד —
אין אַ חזיר־שטאַל׳

ירמיהו

אַזוי זאָגט גאָט:
זוכט אין ירושלים, דער הייליקער שטאָט
און געפינט
כאָטש איין צדיק,
אַ לויטערן אָן זינד,
און כ׳וועל אייך מוחל זיין.

תמר און דו אַליין?

ירמיהו

ווען דו זאָלסט וויסן,

וויפל קללות ער שיקט דורך מיר

אויף אונדזער קאָפּ,
און איך —
איך שלינג די ביטערניש אַראָפּ —
און ווערגט מיך שפּעטער אויף מיין געלעגער.

תמר אונדזער גאָט איז:
כולו רחמים און געדולד,
מיט זיין ליכט איז דער גאַנצער חלל איבערפולט.
און אונדז
צו זיין מעגל־ליכט ער טוט מצרף זיין.
פיינט האָבן?
ווי קאָן ער זיין אַ שונא זיך אַליין?
ווי קאָן ער זיין מיט זיך אַליין צעשיידט?
ער וועט אונדז נישט געפונען —
ווייל ער געפינט זיך אין אונדזער פּיין
און פרייד.
אין אונדז אַליין.
אין אונדזער הייליקייט און פאַרדאַרבנקייט. (קליינע פּויזע)

תמר און אַלע זענען זינדיק?
און דיינע עלטערן?
און מיינע?
סווישטשעט דיין טאַטנס בייטש
אויף אַ שקלאַפן־קאָפּ?
היטן מיר נישט דעם שבת־קודש אָפּ?
וועבן אָדער זייען מיר
שעטנז און כלאָים?
טיילן מיר נישט אויס קיין לקט, שכחה, פאה?
ברענגען מיר נישט ביכורים קיין ירושלים
גיבן דעם בורא נישט קיין שבח
די תפילה׳דיקע ייִנגלעך ביי דער גרענעץ
אויף דער וואַך?
(פּויזע)
אינעם אָנבליק פון דער חיה׳שקייט פון אָרום —
לייכט אונדזער ליבשאַפט און מסירת־נפש טויזנטפאַך.
עס שטינקט ביי זיי
דער פרעגל־ריח פון קינדער אויף מזבחות.

ירמיהו (נעמט אָן תמרס הענט. שטיל)
מיך נישט באַשערטע — באַשערטע.

תמר איך האָב אָבער פון דיר דערוואַרט
אַ פּאָר ווערטער
וואָס האָבן מיט נבואה נישט קיין שייכות.

ירמיהו (נעמט פיבערן און זיינע אויגן רייסן זיך אויף. תמר, אַן איבערגעשראָקענע, רייסט זיך אַרויס פון זיינע הענט און אַנטלויפט. ירמיהו קוקט איר נאָך מיט אַ טרויעריקן בליק.
(זיפצט אַרויס די ווערטער פּאַמעלעך און פייערלעך)

אַ שוואַרצער וואָלקן מיט בליצן דורכגעהאַפּטן
הענגט איבער אייער הויז.
שקלאַפנשאַפט און שפלות
יאָגט דיך נאָך און פאַרפאָלגט, תמר.
דיין פּיין איז די גאַנצע צייט פון אונדזער שמועס
איבער מיין האַלדז געהאַנגען ווי אַ חלף.

(פאַרטראַכט זיך אַ לענגערע ווילע. אַ כאַליאַסטרע יינגלעך, ירמיהוס חברים, קומען פריילעכע אַנצולויפן און רינגלען אַרום דעם פאַרטראַכטן מיט פלוצלינגדיקן שוויגן)

יינגל ירמיהו!

אַ צווייט יינגל (ציט דעם ערשטן ביים אַרבל, רעדט אים אין אויער אַריין)
ער הערט איצט נישט, וואָס מען רעדט צו אים.
(דאָס ערשטע יינגל שטופּט אים אָפּ, שרייט אַריין אין פּנים פון ירמיהו)
ירמיהו!
ס'איז איך —
אורי דיין חבר!

דריט יינגל (ציט אים העפטיק אַוועק)
רייס נישט איבער זיינע מחשבות.

יינגל נישט ער הערט איצט,
נישט ער זעט.
פאַרדוממט ווי אַ שטיק.
(ירמיהו וואַכט אויף און קוקט אָן די יינגלעך מיט פאַרוווּנדערונג)
אורי?
דאָס ביסטו?
אורי
איך שטיי שוין דאָ שפּאָרע עטלעכע מינוט.
(אַ בלינדער ייד קומט אָן. טאַפּט אַרום זיך מיט אַ שטעקן)

בלינדער ייד (בעטנדיק)

קינדער פון ישראל
פירט אַ בלינדן ייד אין בית־מדרש אַריין,
שפּן הסופר וועט היינט לייענען פּרקים
פונעם הייליקן ספר אָפּגעפּונענעם.

די יינגלעך רינגלען אים אַרום. יעדער רייסט זיך אים אָנצוטאַמען ביי דער האַנט. ירמיהו ווערט אַריינגעווירבלט אין דעם באַוועגלעכן גע־פילדער. דער בלינדער ייד הויבט אויף דעם שטעקן און ווייזט אין דער ריכטונג פון ירמיהו)

איך וויל, אַז דאָס יינגל זאָל גיין פאַר מיר
ער ווייזט פונדערווייטנס מיר דעם וועג,
ווי איך וואָלט קיינמאָל
נישט באַשטראָפט געוואָרן מיט בלינדקייט.

(ירמיהו שטעלט זיך פאַרויס, נעמט שפּרייזן מיט געמאָסטענע טריט. דער בלינדער ייד גירט מיט די שיך אָן אין זאַמד די טריט־סמנים פון ירמיהו און שטעלט דרייסטע טריט ווי אַ זעעוודיקער און דער־גייען ביזן פראָנט פונעם בית־מקדש. קליינע פויזע.
אויפן הויף פונעם בית־מקדש — אַ המון, פרויען און קינדער. די מענטשן באַוועגן זיך רווישנדיק ווי ים־כוואַליעס. פון צווישן דעם געדראַנג אַ געהעכערטער, שטיינערטער באַלעמער, ביי אַ טיש באַדעקט מיט אַ פּורפּור־רויט טישטוך, אויפן באַלעמער שטייט שפּן־הסופר, אַ יינגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, מיט לאַנגע שוואַרצע פאות און אַ דין שוואַרץ בערדל. צעוויקלט אַ גרויסן געלן פאַרמעט. פון ביידע זייטן פונעם „שלחן" — אַ מנין גראָ־בערדיקע יידן אין ווייסע און אין פּורפּורנע בגדים. אַרום דעם באַלעמער, אויף אַ האַלב־קרייז במה, עטוואָס נידעריקער פונעם באַלעמער — אַ קאַ־פּעלע פון לוויים)

לוויים־כאָר

ווויל איז די, וואָס גייען אין די וועגן פון גאָט,
און היטן זיין הייליקן שטרענגן געבאָט
און די תורה, זיי פאָרשן און דורשטיקע פרעגן
און גייען דרייסטע אין דיינע געפלאַסטערטע וועגן.
אין דער פרי, ביי דער נאַכט אין שקיעה,
און צו דיינע הייליקע קוואַלן זיך ציען.

דו בייטשסט מיין הויט מיט דיינע רוטן פון רעגן.
און אַלע בלאָנדזשענישן פירן צו דיינע וועגן.
דיין ליבשאַפט פילט אויס אָרט און צייט.
מיין שרעק פאַר דיין אַלמאַכט איז — פרייד,
אַ פאַרוווירטער בין איך אינעם סוד פון דער וועלט
און מינער פון אַ פלאַטער פון אַ גרעזעלע אין פעלד.
די באַפרייונג פון דיר איז — פאַרשקלאַפונגס־געפאַר,
מיין אַנטלויפן פון דיר איז — תפיסה־פאַרשפאַר.
פיר מיך, גאָט, אינעם פלאָנטער־געפלעכט פון דיין וועג
און טרייב מיך נישט פון דיין פנים אַוועק.
אָן דער נאָענטקייט דיינער —
מיר אָטעם פאַרפעלט.
לאָז מיך נישט הפקר אַליין אויף דער וועלט.

(קליינע פויזע. צוויי זקנים פון ביידע זייטן שלחן וויקלען פאַנאַנדער דעם פאַרמעט)

שפן הסופר (לייענט אַרויס מיט אַ פייערלעכער שטים)
וגר לא תונה ולא תלחצנו כי גרים הייתם בארץ מצרים:
כל אלמנה ויתום לא תענון:
אם ענה תענה אתו כי אם צעק יצעק אלי שמע אשמע צעקתו:
וחרה אפי והרגתי אתכם בחרב והיו נשיכם אלמנות ובניכם יתמים;
אם כסף תלוה את עמי את העני עמך לא תהיה לו כנשה לא תשי —
מון עליו נשך: אם חבל תחבל שלמת רעך עד בא השמש
תשיבנו לו: כי הוא כסותה לבדה הוא שמלתו
לערו במה ישכב והיה כי יצעק אלי ושמעתי כי חנון אני;
(קליינע פויזע)

ס צ ע נ ע ־ א ו מ ב י י ט

(צווישן אַ געדיכטן געזעמל שטייט אכבאַראַ אין דער חברותא פון געלט־טוישער, מלווהס און שקלאַפן־סוחרים אין זייד־לעקטיקעס. זיי שטעקן אַרויס די קעפּ פון די פאַלדן פון די פאַרהענגלעך, הערן אַנגעכמורעטע זיך צו צו דער געלייענטער פרשה. אַרום יעדע לעקטיקע שטייען פיר האַלב־נאַקעטע שקלאַפן)

אכאבארא (צום שכן אין דער נעבנדיקער לעקטיקע)
ס׳איז די תורה פון די שלעפּערס,

וואָס ווימלען דאָ אַרום אונדז —
ווי ווערעם אונטער די דילן
פון די ליימענע געצעלטן.

שכן

אונדזער גאָט קער צו זיין, משמעות,
אַ געזונטער פֿאַרשולדיקטער אָרעמאַן,
ער רעדט מיטן לשון פון אונדזערע בעלי־חובות.

דריטער (פון דער לעקטיקע)

אַ סימן;
אָט צאָלט ער אויך נישט אָפּ
די, וואָס בעטן אים טובות, פֿאַרן היטן זיינע מצוות.

פערטער

קלוג געזאָגט;
וואָרעם, ממה־נפשך;
איז ער אַזוי אַלמעכטיק
איז: לי הכסף ולי הזהב;
זאָל ער צעשענקען אַ ביסעלע מצלצלים פאַר זיי
צו דעקן כּאָטשבי די ריביתן.

אכאבארא

„נשך"
„בייסעניש"
דאָס לשון פון די לייזיקע.

איינער (אין אַ לעקטיקע)

אַ לעבן אויף אונדזערע גענצנדינער־קנעכט
זיי פּרכ׳ן דיר אָפּ אַ גאַנץ לעבן.
אָן שום נאפל־דרייעניש,
אָן התחייבות פון מצוות און געזעצן.

דריטער

„נשך"
מען קאָן שוין דיר אַ סך אויסבייסן
פון אונדזערן „אַ ברודער" —
באַווייזט זיך נישט אומצוקוקן
און די זעקס יאָרעלעך אַנטלויפן ווי אַ מזמור.

פערטער

זעקס יאָר איז נאָך נישט קשה;
אַנדערע טוען דיר אָפּ אַ שפּיצל
און שטאַרבן אין ערשטן האַלבן יאָר הינטערן קאַנטשיק.

אָדער סתם אַזוי פון אַ מגפה
און נעמען מיט מיט זיך דעם שמייסער.

פינפטער

און אַמאָל דעם האָר אויך.

זעקסטער

אַ פשיטת־רגל
אונדזער דת.

זיבנטער

כאָטש צערייס זיך.
רחמנות;
און אונדז נעמט ער אינגאַנצן נישט אַריין אין חשבון.

אכטער

און די פּריסטער פון דער הייליקער עשתורת
מאָנען זייערע תרומות:
פאַר איר,
פאַרן טעמפּל,
פאַר דער באַקליידונג פון די געבעט־טענצערינס.

ניינטער

באַקליידונג...
דו מיינסט צו זאָגן:
פאַר דער באַנאַקעטונג.

אכאבארא

דאָס איינציקע אינזעלע
פאַר אונדזער נשמה־רו.

אַ פאַרבייגייענדיקער

נשמה־רו.
אָט ווער עס רעדט וועגן אַ נשמה.

אַ שטים (פון אַ לעקטיקע)

רו...
עשתרות און טענצערינס
און רו...
כי־כי־כי.

אַקאָנאָר

רו ווי רו;
אָבער אַ דערלינדערונג פון דעם בייזן חלום;
תורת משה.

איינער (ווענען מען זעט נישט אַרויס פון דער לעקטיקע)

די הייליקע געטין גורט אונדז אָן מיט כּוח,

שענקט אונדז הייטערקייט און קערפּערלעכן רייץ.

אַ צווייטער (פון דער לעקטיקע)

דאָס יאָ;

אָבער רו?

אַקאָנאַר

ווען מיר זאָל זיך פאַרגליסטן רו,

וואָלט דאָס שקר־געזינדל

ביי מיר אָנגעשוואָלן אויפן פּיסק.

אַ שטים (פון אַ לעקטיקע)

און די זונות וואָלטן זיך צעלאָפן.

אין די בלינדע הינטערגעסלעך.

פינפטער

זאָלן נאָר די נביאים און מחוקקים

נישט שטראַמער פאַרציען דאָס שטריקל,

וואָלט נאָך געווען מיט צו דערליידן.

אַקאָנאַר

מצוות און חומרות און לאוון און סייגים.

„דאָ שטעל זיך נישט, דאָ — מעק זיך נישט"

„באַרייס נישט קיין אָרעמע,

לאָז איבער תבואה־פּאַסן אויף די פעלדער,

פאַר זיינע ליבע קעסט־קינדער —

די דלפנים.

אכאבארא

און כהנים

און די גדודים פונעם חייל.

אַקאָנאַר

דאָס חילות אונדזערס —

דאָס שפּילט מיר נאָך צום אומגליק צו.

אַ שטים (פון אַ לעקטיקע)

איך וואָלט דאָס אשורער חייל

מקבל־פּנים געווען מיט טענצערינס

ביי די טויערן פון ירושלים.

זיי וואָלטן אונדז געבראַכט:

פרייהייט.

די שקלאַפן־מערק וואָלטן פון סחורה זיך געבראַכן.

איינער (פון אַ לעקטיקע)

דאָס איז דווקא נישט קיין מעלה.

די פרייזן וואָלטן אויף קיין קברים נישט געסטייעט.

עמוריל (פון דער לעקטיקע)

געגאַנגען!

הינט פון תחפנחס!

(ער ציט אַרויס אַ בייטש, שמייסט איבער די קעפּ פון די פיר לעקטיקע־טרעגער, זיי שפּרינגען אונטער, כאַפּן די לעקטיקע אויף די אַקסלען, שטעלן די ערשטע טריט)

עמוריל

שטיין בלייבן (זיי שטעלן זיך אָפּ)

עמוריל (מיט אַן׳אויסגעשטרעקטן האַלדז צו אַכאַבאַראַ)

פריינד אכאבארא!

אכאבארא

איך הער דיך

פריינד עמוריל.

עמוריל

האָסט שוין געזען די נייע טענצערין?

אכאבארא (אויפגעמונטערט)

ניין, דערוויל,

עפּעס אַ לייטיש סחורה׳לע?

עמוריל

די פינגער צו לעקן,

און דווקא אַ יידיש קינד,

כ׳האָב זי אויסגעלייזט אויף אַ מאַרק אין מדין.

אַ יפיפיה זאָג איך דיר,

קוים ווערסטו נישט משוגע פון איר טאַנץ —

ביסטו אַ משוגענער (געלעכטער)

עמוריל

און באַלד אַ רגע נאָך איר טאַנץ

זי שליסט זיך אין התבודדות אָפּ

און בעט צום יידישן גאָט,

ווי אונדזערע באָבעס.

אָקאָנאָר

סאַראַ פייער שלאָגט פון איר דינעם גוף.

(אַן אָפּגעריסענער ייד דערנעענטערט זיך, קוקט זיך איין אין די פנימער וואָס רוקן זיך אַרויס פון די לעקטיקעס)

אָפּגעריסענער ייד

וואָס טוט איר דאָ?
וואָסער קשר האָט איר
מיטן יידישן גאָט און מיט זיין תורה?
גייט אין אייערע תיפלעס!

אכאבארא (פּאַטשנדיק מיט די הענט)

שקלאַפּן!
דעם פרעמדן שלעפער פאַרטרייבט פונדאַן!

(די לעקטיקע־טרעגער כאַפּן אָן דעם ייד, קאָפּען אים, שלאָגן אים
אין פּנים מיט די פויסטן)

דער ייד (אַ באַגאָסענער מיט בלוט)

די איבערגעפרעסנקייט
און תאווה־זנות שטינקט פון אייערע לייבער!

(שפּייט אין זייערע פּנימער מיט עקל)

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אַקט

ערשט ביל ד

(אין עשתורת־טעמפל. אַ הויכער, טונקעלער זאַל באַשטעלט מיט בענקלעך און שטענדערס. עס זיצן ריין־געקליידעטע מענער און פרויען. מערסטנס מיטל־יאָריקע — צווישן זיי — אכאבארא. עטוואָס העכער אַרויף פונעם זאַל קעגן פנים פון די זיצנדיקע, אַ בימה, אַרומגעשטעלט מיט פרישע, רייכפאַרביקע בלומען אין ברייטע, ליימענע וואַזעס. עס הענגען אַראָפּ פונעם סופּיט קרישטאָלענע שוואַך־לויכטנדיקע קאַנדעלאַברעס אויף זילבערנע קייטן. פונעם טונקעלן הינטערגרונט טאַנצן רעשיק אַריין אַ דריי צענדליק האַלב־נאַקעטע טענצערינס. פון צווישן די מיידלעך טיילט זיך אויס שיר־אַל. אַ יונגער, פאַרביק־געקליידעטער פירשפּרעכער שטעלט זיך ביים ראַנד פון דער בימה. די מיידלעך שטעלן זיך אָפּ)

פירשפּרעכער

מיינע געאַכפּערטע לייט און גבירטה׳ס
אונדזער לייטזעליקע געטין,
וועמענס נאָמען מיר טאָרן נישט דערמאָנען...

(די זיצנדיקע אויפן זאַל שטעלן זיך אויף און בויגן אַראָפּ די קעפּ. דער פירשפּרעכער טוט אַ באַוועג מיט דער האַנט, די פאַרזאַמלטע זעצן זיך צוריק אויף זייערע ערטער)

פירשפּרעכער

דער יידישער גאָט הויבט אונדז אויף פון יאָמער טאָל.
האָט די געטין אונדז באַשערט
אַ כוהנטע פון אַחינו בני ישראל,
מיט אַ גוף, וואָס רייצט מיט ליבשאַפט און מצווה־זינד
און אַן אומבאַרירטע נשמה;
געלייטזעליקט מיט שיינקייט און גענאַד
שיר־אַל, איז איר נאָמען.
כלומר;
דאָס געזאַנג פון גאָט.

שיר־אל (זינגט. אין פאַדערגרונט פון די אין ליכט זיך באַוועגנדיקע טענצערינס)
שווייגט מיט ערפורכט און קניט

און הערט זיך צו צו אונדזער ליד,
ווי ס׳שווייגט די געטין צארט און שטום
ווען זי נעמט מיט ליבשאַפט אונדז אַרום.
פון מאָרגנליכט ביז שפּעטער שעה,
ס׳איז אויסער ליבשאַפט — גאָרנישטאָ,
ס׳שווייגט די געטין צארט און שטום —
איר ליבשאַפט שטראַלט פון אומעטום.

כאָר (פון די טענצערינס)

פון מאָרגנליכט ביז שפּעטער שעה,
ס׳איז אויסער ליבשאַפט — גאָרנישטאָ,
ס׳שווייגט די געטין צארט און שטום —
איר ליבשאַפט שטראַלט פון אומעטום.

(עס טאַנצן אַריין עטלעכע פּילפּאַרביק־געקליידעטע יונגעלייט)

שיר־אַל

מיידלעך זענען
לייב און געטינס,
פון ליכט און בלוט
און פרייד געקנעטן —
פון רעטענישן אָן באַשייד.
און ווי דאָס לעבן נאָענט און ווייט.

אַ יינגערמאַן (רוקט זיך אַרויס פון צווישן די טענצער)

פאַרפּלאָנטערטע אין שרעק און לוסט
וועקט אין אומרו זיך די ברוסט.
אַ חוץ די ליבשאַפט רויט צעהעלט
איז נישטאָ גאָרנישט אויף דער וועלט.

מיידל־כאָר

ליבשאַפט לאָקט און ווייגט און לאַכט,
נאָך דער ליבשאַפט קומט די נאַכט.

מענער־כאָר

נאָך די ליבשאַפט קומט די נאַכט,

שיר־אַל

אַלטקייט איז שווידער,
און יוגנט איז — פרייד;
און ווי צו דער ליבשאַפט
וואָס וועלקט און פאַרגייט.

מיידל־כאָר

אַלטקייט איז שווידער,

און יוגנט איז — פרייד;
און ווי צו דער ליבשאַפט
וואָס וועלקט און פאַרגייט.

(די בימה ווערט איינגעהילט אין בלאָען ווירויך. די טענצערינס באַוועגן זיך ווי לייכט שוועבנדיק אין נעפל. די יינגעלייט שאַרן עלאַסטיש זיך אַוועק און פאַרשווימען אינעם טונקעלן הינטערגרונט)

שיר־אל
איך בין — קינדער־טרוים אין וויג,
און געבורט־געוויין נישט צו הערן.
איך בין — באַזיגטער זיג
און פחד־בשורה פון צעשטערונג.

כאָר
זי איז — קינדער־טרוים אין וויג
און געבורט־געוויין נישט צו הערן.
זי איז — באַזיגטער זיג
און פחד־בשורה פון צעשטערונג.

שיר־אל
איך בין די נאַקעטקייט,
אן קלאַנגעגן וואָס שרייט.
איך בין פלאַם, וואָס פאַרפינצטערט,
וואָס אַנטקליידט און באַקליידט.

כאָר
זי איז די נאַקעטקייט
אן קלאַנגען וואָס שרייט.
דער פלאַם, וואָס פאַרפינצטערט,
וואָס אַנטקליידט און באַקליידט.

שיר־אל
איך בין — פאַרשלאָסענע אָפנקייט.
און די אַנטפּלעקטקייט פון אַ סוד;
די נאָענטקייט פון ווייטער ווייט,
די אומדערבאַרעמקייט פון גענאָד.

כאָר
זי איז — פאַרשלאָסענער אָפנקייט,
די אַנטפּלעטקייט פון אַ סוד;
די נאָענטקייט פון ווייטער ווייט,
די אומדערבאַרעמקייט פון גענאָד.

(גייסטער שוועבן געדיכט שאָטנדיק אַריין, פלאַטערן איבער די קעפּ פון די טענצערינס. שיר־אל יאָגט מיט שמייכלדיקער שרעק זיך אָפּ פון זייער פליגל־פּאַך)

א גייסט

אונדזער נישט־דאָיקייט איז — בלומען־דיפּט צויבערלעך,
נישט בליונג נישט וויאַנונג.
מיר צעשאָטן צעווינטיקטע שטויבעלעך
פון שאָטנדיק מענטשלעכער אַנונג.

גייסטער־כאָר

אונדזער נישט־דאָיקייט איז — בלומען־דופט צויבערלעך,
נישט בליונג נישט וויאַנונג.
מיר צעשאָטן צעווינטיקטע שטויבעלעך
פון שאָטנדיק מענטשלעכער אַנונג.

שיר־אַל

אַווו נאָר מיידלישער רייץ ערגעץ ווו
רירט אָן זייער דינעם געהער.
זיי קלעפּן צום וואַרעמען אָטעם זיך צו
און פאַרשווינדן נישט מער.

גייסטער־כאָר

אַווו נאָר מיידלישער רייץ ערגעץ ווו
רירט אָן אונדזער דינעם געהער,
מיר קלעפּן צום וואַרעמען אָטעם זיך צו
און פאַרשווינדן נישט מער.

שיר־אַל

געשטאַלטן אָן פּנימער
אָן בלוט איין אָן גופים
פאַרשוועבט דאָ אַהער —
פון קיינעם גערופן.

גייסטער־כאָר

געשטאַלטן אָן פּנימער
אָן בלוט און אָן גופים
פאַרשוועבט דאָ אַהער —
פון קיינעם גערופן.

א גייסט

איבער חושכן שטומע
און פאַרגעסענע רוימען —
אין בענקשאַפט פאַרפלויגן
נאָך מיידלישע טרוימען.

מיידל־כאָר

איבער חושכן שטומע

און פאַרגעסענע רוימען —
אין בענקשאַפט פאַרפלויגן
נאָך מיידלישע טרוימען.

א גייסט

וואָס טוען מיר דאָ —
פון דער השגחה פאַרלוירענע?
ס'איז ליבשאַפט פאַר ווענס
פון מאַמעס געבוירענע.

גייסטער־כאָר

וואָס טוען מיר דאָ —
פון דער השגחה פאַרלוירענע?
ס'איז ליבשאַפט פאַר ווענס
פון מאַמעס געבוירענע.

שיר־אל

די וואָס פאַלן אויף דער וועלט
דורך בלוט און געשריי —
פאַר זיי איז די ליבשאַפט
און בלויז נאָר פאַר זיי.

גייסטער־כאָר

די וואָס פאַלן אויף דער וועלט
דורך בלוט און געשריי —
פאַר זיי איז די ליבשאַפט
און בלויז נאָר פאַר זיי.

שיר־אל

פאַר די וואָס דערהערן
די קלאַנגען פון פאַרבן
וו'אָס לאַכן און וויינען
און ווידוי'דיק שטאַרבן
אין פחד אין ווי —
פאַר זיי איז די ליבשאַפט
און בלויז נאָר פאַר זיי.

מיידל־כאָר

פאַר די וואָס דערהערן
די קלאַנגען פון פאַרבן
וואָס לאַכן און וויינען
און ווידוי'דיק שטאַרבן
אין אַנגסט און אין ווי —
פאַר זיי איז די ליבע

און בלויז נאָר פּאַר זיי.

א גייסט

פון חושך געקומען,
אין חושך פאַרגייען.
ווער וועט אונדז פון קללה
פון חושך באַפרייען
געטין פון ליבשאַפט,
געטין פון ליכט —
פאַרבאָרג נישט פון אונדז
דיין צויבער־געזיכט.

גייסטער־כאָר

פון חושך געקומען,
אין חושך פאַרגייען.
ווער וועט פון קללה
פון חושך באַפרייען
געטין פון ליבשאַפט,
געטין פון ליכט —
פאַרבאָרג נישט פון אונדז
דיין צויבער־געזיכט.

(די גייסטער פלאַטערן, פאַרשאָטענען די ליכט פון די קאַנדעלאַבּרעס און קרייזן אַרום די קעפּ פון די טענצערינס. זיי יאָגן זיי אָפּ מיט ריטמישע באַוועגונגען. די געזיכטער פון די מיידלעך דריקן אויס שרעק און באַגייסטערונג. עס הערן זיך צעצויגענע מינאָרע אַקאָרדן פון בענקשאַפט, אנגסט און צער. די טענצערינס באַוועגן זיך לייכט און פאַרוואַנדלען זיך אין ווייס־פלאַדנדיקע, קוים זעבאַרע סילועטן. טאַנצן אַראָפּ פון דער בינע און מישן זיך אויס מיט די זיצנדיקע אינעם טעמפּל)

סצענע־אומבייט

(אַ קליין חדרל, אינדערמיט — אַ טישל באַדעקט מיט אַ זיידן גרין געבלימלט טישטעכל. אויפן טישל ברענט אַן אייל־לעמפּל מיט אַ ציקנדיק פלעמל. די קלאַנגען פון דער פריערדיקער מוזיק דערגייען אַהער פאַרשטילט און שיטער)

שיר־אל (זיצט ביים טישל, מיט אַ טונקל טיכל אויפן קאָפּ. די שפּיצן פונעם טיכל פאַרבונדן הינטער דער גאָמבע. זי קוקט אַריין מיט אָנשטרענגונג אין אַ טונקעלן פאַרמעט און רעדט מיט אַ שטילער, בעטנדיקער שטים)

גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,
באַשעפער און פּאָטער, דו מיין,
האָסט מיך באַזעלט מיט דיינע געשענקען פון חן.
אַזוי ווי דו ציסט אַרויס אינדערפרי
די זון פון איר שייד,
אַרויסגעצויגן מיך
אויף התלהבות און פרייד.
דיין ווידערשיין בין איך
ווי אַ קלאַנג וואָס פאַרשווינדט,
דיין אָפּקלאַנג בין איך
מיט מיין אומשולד און זינד.
דיין שקלאַפין בין איך
און דיין שרעקעוודיק קינד.
דיין געדעכעניש כ׳טראָג
אויף דער וואַך און אין שלאָף.
ס׳איז זיס מיר דיין חסד
און דיין בלאָע רוט פון שטראָף.
כ׳הער אין מיין פאַרלוירנקייט
דיין שטראַלעוודיק ליד.
און וואָס זאָל איך טאָן
מיט מיינע בלוטן צעגליט?
ווו זאָל איך זיך קערן
מיט מיינע זעאונגען, דרייסטע.
עס ציען זיך צו מיר
פאַראַנגסטיקטע גייסטער —
פון דיין טיש אָפּגעפּראַשעטע
פון דיין בראשית־יצירה
פאַרבענקטע נאָך ליבשאַפט
דורשטיק נאָך שירה.
צעהאַנגען אין ערגעצן
צווישן אויפגאַנג און פאַרגאַנג.
און קושן מיין אָטעם
אין אומפאַרלאַנגטן פאַרלאַנג.
מיינע ליפּן היילן זיי
און טוען זיי ווי,
און איך בין דער קשר
פון דיר — מיט זיי.

(קליינע פויזע. אַ שטיל גערודער און אַ צוריקגעהאַלטן קלאַפּן אין טיר. שיר־אַל ציטערט אויף, רוקט דאָס טיכל אַראָפּ איבערן שטערן און שאַרט זיך, אַ דערשראָקענע, אַריין אין אַ שאָטנדיקן ווינקל. די טיר עפנט זיך. אין דער עפענונג בלייבט שטיין אַ יינגערמאַן פון אַ יאָר ניינצן — געקליידעט אין אַ פורפורנעם טוניק, באַצירט מיט גאָלדענע פראַנזן. קוקט אַן שיר־אַלן אַ פאַרשיכורטער)

שיר־אל

דאָס איז גראָבע פאַרשייטקייט
אין אַזאַ שפּעטע שעה
מיין מיידלישע רו צו צעשטערן.

פרעמדער

אַ ווייטע בענקשאַפט האָט מיך אַהערגעפירט,
זיך צו דיינע לידער צוצוהערן.

שיר־אל

דאָ, אין דעם זייטן־שטיבל, זינג איך נישט,
און איך פאַרווער דיר מיין שוועל איבערצוטרעטן.

פרעמדער

איך ווייס נישט
וויאַזוי פון דיר דערבאַרעמקייט צו בעטן,
און אַלע צאַרטע רייד,
וואָס איך האָב אין מיין וואַנדער צוגעגרייט
און מיין דמיון אויסגעצירט
האָבן מיך געלאָזט אַליין —
אויג אויף אויג מיט דיר.

שיר־אל

אָט וועל איך די טעמפּל־דינער רופן,
און מיט קלעפּ זיי וועלן פאַרטרייבן דיך פונדאַנען.

פרעמדער

די שאָטן־גייסטער כ׳בין מקנא,
וואָס קאָנען די נאָענטקייט פון דיין אָטעם זיך פאַרגינען;
וואָס זייער נישט פאַרפייניקטקייט פאַרשאַפט זיי פיין,
וואָס זייער אומשרעק פאַרשאַפט זיי שרעק,
וואָס קיינער טרייבט זיי
פון דיין פנים נישט אַוועק. (קליינע פויזע)

פרעמדער (שטיל צו זיך)

פילן זייער תענוג,
אַרומצושוועבן אַרום דיין אָטעם־וואַרעמקייט.

שיר־אל

גייסטער זענען אין פורפור־טוניקס נישט געקליידט.

פרעמדער

אויב מיין לבוש איז דיר דערווידער,
וועל איך דערפון זיך אויסטאָן —
מיט דער הויט באַנאַנד.

(נעמט מיט קראַמפּהאַפּטע פויסטן רייסן פון זיך דעם לבוש. שיר־אַל שטעלט אים אָפּ מיט אַ לייכטער האַנט־באַוועגונג)

שיר־אל

ווער ביסטו?

פרעמדער

איך בין שראצר
נבוכדנצרס לעגיאָן־פירער
אין סיריע.

שיר־אל

און איך בין אַ יידיש קינד. (קליינע פויזע)

פרעמדער

ווען דו זאָלסט וויסן
וואָסערע סכנות ס׳שוועבן איבער דיין לאַנד?
און איך וויל דיך באַשירעמען.

שיר־אל (העפטיק)

מיר האָבן שוין איבער זיך אַ באַשירעמער...
(פרעמדער וויל עפּעס זאָגן, שיר־אל פאַלט אים אַריין אין די רייד)
אונדז טיילט אָפּ אַ תהום
פון פיינטשאַפט און אמונה.

שראצר

פיינטשאַפט?
אַ פריסטערין פון דער ליבעס־געטין רעדט פון שנאה?
(פויזע)

נו יאָ;
אַמאָל מעג אַ געטין אויך אַ הלצה זיך דערלויבן.

שיר־אל

איך בין אַ געטין אויף אַזוי פיל,
אַז זי קאָן מיט האַס באַשטראָפן
פאַר נישט באַרעכנטער פאַרשייטקייט.

שראצר (אַן אַנגעצונדענער)

קיין שום סיריערין האָט זיך אַזוינס
נאָך נישט דערלויבט.

(ציט אַרויס פון הינטערן טוניק אַ קרום גאָלדן שווערדל. אין די אויגן טוט אַ פינקל אַ רוצחיש פלעמל)

שיר־אל (מיט קוים מערקבאַרן שוידער)

דאָס איז דאָס איינציקע לשון,
די איינציקע צונג...
פאַרן האַרץ פון אַ פאַרעקשנט מיידל.

(שיר־אל כאַפּט דאָס גלעקל פונעם טיש, און, אַן אַנגסטיקע, לאָזט זי עס פאַלן פון איר האַנט)

שראצר (אויסגעניכטערט)

מיין צונג האָט פאַר אַ רגע
גרויזאַם מיך באַשטראָפט,
איין פונק צאָרן
האָט אַלע פעדעם ליבשאַפט
פאַרשרפהט און פאַרצערט. (קליינע פויזע)
נאָך שנאה
געוואַנדערט אַזש פון בבל־לאַנד אַהער. (געשטילט און ווימוטיק)
כ'וועל דיין געטין־רו
נישט שטערן מער.

(ער טוט אויס די שווערד, פאַרנויגט זיך טיף, לייגט זי אַוועק צו שיר־אלס פיס און גייט אַוועק מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. שיר־אל טוט אַ צי די הענט צום אַוועקגייענדיקן און כאַפּט קאָנוולסיוו זיי צוריק. אירע אַקסלען ציטערן, זי זעצט זיך צום טישל)

שיר־אל (אין יאוש)

בענקשאַפט קאָן זיין נאָך פינצטערער
פון אַ שימערדיקן שפּיץ פון אַ שפּיז —
אַפילו פון אַ גילדענע שווערד
ביי די פיס.
און איינזאַמקייט קאָן זיין קלינגענדיקער
פון אַ תפיסהניקס געקרייזלטער קייט.
וועלכער גזר פאַרמשפּט מיך אויף איינזאַמקייט ?
ווער איז אומשטאַנד זיך פון ליבשאַפט אָפּצוזונדערן ?

(קליינע פויזע)

און ווער קומט אַהער
דאָ מייַן יונגן רייַץ באַוווּנדערן ?
שקלאַפֿן־הענדלער, ריביתניקעס, מנוולים.
זיי באַגאַווערן אין די נעכט מיך
אין זייערע מיאוסע חלומות. (קליינע פויזע)
נישט מיך ;
זייערע קראַנקע תאווה׳ס —
זיי קומען אינעם טעמפּל דאָ באַערן.
גיב זיי : גייסטער־טרוים,
התלהבות־טענץ און בענקשאַפֿט־שירה.
כאַ כאַ כאַ !!!

(צעלאַכט זיך ווילד און הפקרדיק. נעמט אַראָפּרייסן פֿון זיך דאָס דינע קלייד און באַטראַכט דאָס אייגענע לייב, וואָס שטראַלט מיט הייסן כישוף)

די גאָרגלען דורכגעכליניעט
מיט נבול־פּה און וויין —
גייט מען צו דער ליבעס געטין
נאָך מיידלערישן רייַץ און חן.
פֿאַרנעמען זיי מיט „הערצער קלאָר"
דאָס ליד פֿון חלום אויף דער וואָר. (קליינע פויזע)
און ווער בין איך ?
אַ רגע אָן דיין אָנבליק ליכט
אין אָפּווייך בלויז,
צאַנק איך און איך לעש זיך אויס.

(פויזע. פֿונדרויסן דערטראָגט זיך אַ געטומל, וואָס ווערט בהדרגהדיק העכער. עס הערט זיך אַן אָפּגעריסן גערעדעריי און אויס־געשרייען. פֿון דעם זילבן־געמיש טיילט זיך אויס אַ דייטלעכער הייזעריקלעכער רוף)

ראַטעוועט !
הילף !!

(שיר־אל שאַרצט אויף אַ פֿאַרהענגל, אַכאַבאַראַ לויפֿט דורך און רייסט זיך דאָס שיטערע בערדל. עטלעכע טעמפּל־דינער רינגלען אים אַרום)

ערשטער דינער

דו געפינסט זיך אין אַ ביר־קרעטשמע —
צי אין אַ הייליק הויז?

אכאבארא

אַזאַ געמיינע נפקא!
באַגנבעט מיך אויף אַ מיאוסן אופן.

צווייטער דינער

פאַרמאַך דיין פאַרטאביקט מויל.
אויב ווילסט נישט דיינע ביינער
אָפּגעבן פאַר אַ תרומה.

אכאבארא

שקצים און רמשים!
איך האַלט אויף מיין קעסט אייך אויס.
איר פרעסט און זויפט פון אונדזער פעטס,
פון אונדזער וויין און מילך,
און קליידט זיך פון אונדזער ליין.
אָן מיר וואָלט איר דאָס מיסט געקערט
אויפן קעמל־מאַרק.

(דריי דינער ווילן אָנכאַפּן אַכאַכאַבאַרן פאַר די הענט. ער ווערט זיך)

באַגנבעט
אין סאַמע מיט
פונעם פאַרטיפטן געבעט...
אַט דאָ פון דער הינטערשטער פאַלדן־טאַש:
דריי ניינצן יאָריקע זאַנגען־בינדערינס,
איין אַקערער, אַ דרייסיק יאָריקן.
פינף קי —
אַ חודש פאַרן אָפּקעלבן,
אַ פערציק־יאָריקע פאַלאַץ־רוימערין.

(שטופּט זיי די פינגער אין די אויגן אַריין)

רויבער?!
שלי שלך,
כיס אחד לכולנו,
גנבים אין שותפות־סוד
מיט טאַנץ־רויבערינס.

דריטער דינער

ווי האָט זי אויסגעזען?

די...
די, וואָס דו האָסט אַרויסגעבעטן פון איר פּערגאַמין...

אכאבארא

ס'איז געווען פינצטער,
און נאַקעטע זענען זיי אַלע אויס
ווי געבוירענע פון איין מאַמע.

(געראַנגל, אכאבארא ווערט אַריינגעשליידערט אינעם אָפענעם חדרל פון שיר־אל. ער טוט אַ בליק אויף איר נאַקעטקייט און בלייבט ווי פאַרגליווערט. שיר־אל פאַרדעקט זיך אויף דער גיך. קליינע פּויזע)

שיר־אל

ווען זוכסטו דאָ?
(זי שפּרינגט אָפּ אויף עטלעכע שריט און שעפּטשעט שטיל צו זיך)

זיי זענען אין זייער פאַרלוירנקייט נאָך עקלדיקער
ווי אין זייער תקיפות.
(באַפעלעריש)

רוק זיך אָפּ אויף אַ מרחק,
אַז צו מיר זאָל דיין אָטעם נישט דערגיין.

(אַ באַצווונגענער רוקט ער זיך אָפּ אויף הינטערווייַלעכץ, שיר־אל הויבט פונעם דיל אויף אַ דיקע שטויבנדיקע שמאַטע און וואַרפט זי צו אכבאַראַן)

היל דערמיט דאָס פּנים איין
אַז דו זאָלסט מיך נישט זען.
(ער פירט אויס דעם באַפעל)
און איצט דערצייל
וואָס דאָרט איז פאַרגעקומען.

אכאבארא

געטין הייליקע!

שיר־אל (אין פאַראַכטונג)

דיך געטין?
איך וואָלט פון העכסטן הימל
זיך אַראָפּגעשליידערט אויפן שאַרפסטן פעלז
אויס בושה, צו האָבן דיך פאַר אַ גלויביקן.
(קליינע פּויזע)
איך וועל אויספאָרשן דיין תביעה.

דיין רויבערין וועט אַרויסגעשליידערט ווערן
און איבערגעגעבן ווערן אינעם רשות פון די שוטרים.

אכאבארא

איך שפענד דאָס אָפּגעפּונענע
פאַר אונדזער טעמפּל.

שיר־אל

איך וועל זיך באַמיען
דיין שפענדונג צוריק צו וואַרפן.
און אַ פערטל יאָר צייט טאָרן דיינע שיך
אונדזער דיל נישט פאַראומרייניקן.
און... (וויזט מיטן פינגער צום אַרויסגאַנג)
אַרויס! (אכאבארא גייט אַרויס אַ געבויגענער)

פ אָ ר ה אַ נ ג

צ ווייט ב י ל ד

(די פראָנט־זייט פונעם טעמפּל. אַ ברייט צעעפנט טויער באַצירט מיט בראָנז־בילדער און באַרעליעפן פון געטינס און קינדער מיט פליגל. פונעם טעמפּל גייען אַרויס פרויען און מענער, געציילטע יוגנטלעכע און גאָר אַלטע מיט צוגעשוירענע בערד. ווייערע טריט זענען נישט זיכערע, די הענט שלאַבעריק אַראָפּגעלאָזט ווי פאַריאושט, און די פנימער — שאָטנדיק און מיד)

איינער (צום צווייטן נעבן זיך)

צוויי מאָל אין דער וואָך אַ געבעט צערעמאָניע איז
צו ווייניק לכל הדעות.

אַ יונגע פרוי (צו אַ יונגן־מאַן נעבן איר)

קאָנסט כאָטש דאָס פרומע נאַכט־געבעט פון אויסנווייניק?...

יינגערמאַן

ס׳איז גענוג, אַז די פּריסטערינס קאָנען פון אינעווייניק...

עלטערע פרוי (צו אַן עלטערן מאַן נעבן איר)

די געבעט־צערעמאָניע קומט, נעבעך, דיר אַן
מיט קריעת־ים־סוף...

אַלטער מאַן

איי, האָב איך אַמאָל געבעטן!...
אנה ימינו כצל עובר. (פאַרהוסט זיך צעצויגן און פייפנדיק)

א מיטלליאָריקער מאַן

וואָס זענען זיי —
די נביאים און קנאים
אַזוי אש־להבה?
וואָס איז?
איך לייג דען נישט קיין תפילין יעדן טאָג?
היט אָפּ כשרות
און אַלע דינים פון דער תורה;

עלטערער מאַן

דערפאַר וועל איך טאַקע קיינמאָל נישט אַריינשמעקן
אין טעמפּל פונעם „בעל".

יינגערמאַן

מען וואָלט איינעם פון די היץ־קעפּ
געדאַרפט פאַרשלעפּן אַהער צו
כאַטש אויף איין נאַכט־צערעמאָניע.

א מיטליאָריקע פרוי

אוי, וואָלט ער געדאַוונט...

יינגערמאַן

ער וואָלט דאָ געבליבן קלעבן,
ווי אַ מאַסקיט צו אַ שוויצנדיקער נאָז.

יינגע פרוי (צו אַ יונגנמאַן נעבן זיך)

קיין ירושלים אַ יונג ווידערל,
און דאָ אַהער — דאָס ביסל אומשולד פאַר אַ קרבן.

א מאַן

מצווה הבאה בעבירה;
די תורה לערנט:
ולא תקפץ את ידך מאחיך האביון;
מיר שפּייזן ברחבותדיק:
טעמפּל־רייניקער,
צערעמאָניע־מייסטער,
גייסט־באַשווערער,
און יונגע אָרעמע מיידלעך
ווערן אויסגעלייטישט...

א פרוי

וואָס איז דער גאָט אַזאַ קנאי?
איין בורא,
איין מלך,

איין קרוין־שטאָט
און איין בית־מקדש.

עלטערער ייד

מקדש־עבודה און עשתורת־דינסט;
אַ לעק פון דעם, אַ שמעק פון דעם
איי, וואָלט דאָס געווען אַ דת.

צווייטער ייד

פעלקער וואָלטן זיך געריסן
אַריינצוגיין בבריתו של אברהם אָבינו.

אַ פרוי

ס'וואָלטן מוהלים משוגע־רייך געוואָרן.

דריטער ייד

דער ווילשטאַנד וואָלט געבליט.

יינגערמאַן

אַנ'אָרעמאַן — מיט גאָלד צעגלייך.

(אַכאַבאָראַ גייט דורך אַ פינצטערער)

אַ ייד (צו אַכאַבאָראַ)

שלום, פריינד אכאבארא!
וואָס איז מיט דיר?
וואָס איז דיין פנים אַזוי חמץ'דיק?

אַ פאַרבייגייער

ער איז נאָך אַ פריילעכן קבלת־פנים.

צווייטער פאַרבייגייער

אַ געטלעכע נקמה...

(אַ געזעמל בעטלער און קאַליקעס קרייצן איבער דעם וועג פון די אַוועקגייענדיקע און שטרעקן אויס די הענט אַפּשפּאָטנדיק און רחמנותדיק)

ערשטער בעטלער

שענק אַ תרומה פאַר מיין עפרא דאתתא*

צווייטער קאַליקע

פאַר מיין געטין אין דער היים,
מיין טענצערין און מיין מלאך־המות'טע.

---

* אָנצוהערעניש אויף דער אַלט־גריכישער ליבעס־געטין אַפראָדיטאַ, אַ צווילינג פון דער אַלט־לאַטייניש עשתורת. אין דעם אַראַמישן טייטש: ווייב פון זאַמד און שטויב.

קאליקע

מיין ווירויך טיגל'טע.

צווייטער בעטלער

די ברכה זאָל רוען אין אייערע עשתורת צאניך.

אַ פרוי (פון די אַרויסגייענדיקע פונעם טעמפל)

זיי בייסט אויך אונדזער ביי־אמונה.

אַ ייד (איראָניש)

זיי זענען דען נישט
די אויסדערוויילטע קינדער
פון אונדזער אויסדערוויילטן גאָט?

אַ פרוי (נאָר וואָס אַרויסגייענדיק פונעם טעמפל)

כאָטש טייל זיך מיט זיי חלק־כחלק.

יינגערמאַן

דו, מיט דיין גאָלד,
און זיי — מיטן עולם הבא.

צווייטער יונגערמאַן

מיט די כינים.

עלטערער מאַן (מיט חוזק)

ווער קאָן וויסן?
אָט קאָן דאָ איינער פון זיי זיין אַ הייליקער,
וואָס איז עלול די גאולה צו ברענגען אויף דער וועלט.

(שטעכיקער געלעכטער).

אַ קאַליקע (נעמט טאַנצן, נאָכקרומענדיק די קערפּער־באַוועגונגען פון
אַ טעמפל־טענצערין)

כאַפּט זיך אויף פון שכרות ווייַן
דער בעל־זבוב
און די שיינע עשתורת ער באַשלאָפט.
ווינקט זי צו צו אים און לאַכט
און ווינטשט אים שיין: אַ גוטע נאַכט.

בעטלער־כאָר

ווינקט זי צו צו אים און לאַכט
און ווינטשט אים שיין: אַ גוטע נאַכט.

בעטלער

בויגט דער, „בעל" אַראָפּ דעם קאָפּ
און שיט מיט בלימעלעך זי אָפּ.
און רעדט צו איר ווייכע רייד
פליסטערדיק פאַרשייט.

בעטלער־כאָר

אונ רעדט צו איר ווייכע רייד
פּליסטערדיק פּאַרשייט.

בעטלער

שיקט זי אים אַ קליינע פּויסט
און ווילד זי טוט זיך נאַקעט אויס.
שעלט זי אים שטיל און שטום
און שענקט איר לעבן דעם בעל־מום.

בעטלער־כאָר

שעלט זי אים שטיל און שטום
און שענקט איר לעבן דעם בעל־מום.

בעטלער

בויגט ער שיין דעם שוואַרצן קאָפּ
און וואַרפט פון זיך די לאַכעס אָפּ.
קושט ער זי צעפלאַמט אַ פרומער,
געבוירט זי אים בעלי־מומים.

בעטלער־כאָר

קושט ער זי צעפלאַמט אַ פרומער,
געבוירט זי אים בעלי־מומים.

בעטלער

בין איך די פרוכט פון איר גענאָד
פון איר ליבעס־טרוים פאַרבענקט,
אַ בעטלער און אַ גאָט —
אַ נדבה שענקט!

בעטלער־כאָר

אַ בעטלער און אַ גאָט —
אַ נדבה שענקט!

(די אַרויסגייענדיקע פונעם טעמפּל וואַרפן קליינע מטבעות אינ־דער לופט. די בעטלער שטופן אָפּ איינער דעם צווייטן און כאַפּן אונטער די מטבעות. די געגנט ווערט אויסגעליידיקט פון מענטשן)

סצענע אומבייט

(דער זעלבער לענגלעכער גאַסן־שטח, עס פּראַלט אַריין אַ יום־טובדיק געקליידטער עולם, מענער, פרויען, יונגעלייט און קינדער, מען פירט דורך אַ ווייס באַשלייערטע כלה אויף אַ געבעטעטער שטול, באַצירט מיט פיינע שניצערייען פון בלומען, חיות און פייגל. אַרום דער כלה — טאַנצנדיקע מיידלעך.

איין מיידל (זינגט)

די שכינה רוט אין יום־טוב־פרייד
און צווישן גוטע און פרומע לייט
זינגט מיט אונדז גאָטס קינדער אַלע
מזל־טוב דער חתן כלה.

מיידל־כאָר

זינגט מיט אונדז גאָטס קינדער אַלע
מזל־טוב דער חתן כלה.

מיידל

פריינד און קרובים, נאָענט און ווייט,
דעם זיווגס פרייד, איז אונדזער פרייד.
אונדזער גאָט איז איינציק איינער,
און מיר — די קינדער זיינע.

מיידל־כאָר

אונדזער גאָט איז איינציק איינער,
און מיר — די קינדער זיינע.

מיידל

ווען די ליבשאַפט פרייד געבוירן;
קינדער ווי די מקדש־מויערן.
הייליקע, מיט חזיון און מיט כוח,
און שונאים וועלן פאַלן
פון זייער אָטעם־הויך.

מיידל־כאָר

און שונאים וועלן פאַלן
פון זייער אָטעם־הויך.

(די מיידלעך שטעלן זיך אַרום דעם געשניצטן שטול, די כלה שטעלט זיך אַרויף און צוויי מיידלעך האַלטן זי אונטער)

כלה כ׳האָב געבענקט נאָך אים, מיין שיינעם
און איך האָב אים אויסגעפונען.
שענק איך אים מיין אומשולד ריינע —
ליכטיקע, ווי זיבן זונען.

כאָר שענקט זי אים איר אומשולד ריינע —
ליכטיקע, ווי זיבן זונען.

כלה האָט מיין שיינקייט אים פאַרבלענדט
האָט ער שלאָפן נישט געקענט,
און שוין נישט קיין רו געהאַט —
ביזקל נאָכן הרי־את.

כאָר אוּן שוין נישט קיין רו געהאַט —
ביזקל נאָכן הרי־את.

(דער חתונה־עולם שפּרייזט פּאַמעלעך אָפּ, עס ווייזן זיך שאָטנדיקע סילועטן פון יידן אין שטריימלעך, פרויען מיט אָנגעצונדענע ליכטער אין די הענט, מיידלעך אין כלה־שלייערן, און קינדער, וואָס שיטן בלימעלעך און פאַרביקן קאָנפעטי־פּולווער אויף זייערע קעפּ. דער פרעמדער אורח שלייכט זיך זייטיק און קוקט מיט טרויער. דער שטח נעמט אָן דעם אויסזען פון אַ קליינשטעטלדיק געסל אין פוילן)

אַ שטים
בדחן שפּיל אויף!
פאַר די אויסגערויכערטע צום כסא הכבוד אַרויף.

(אַ ייד אין אַ ווייסן קיטל אין אַ קאַפּל שטעלט זיך אַנידער און הויבט פּאַמעלעך אויף דעם קאָפּ)

שאָטנדיקער ייד (נעמענדיק די רעכטע האַנט צום האַלדז, זינגט)
כי שמחתני ד׳ בפעליך
במעשה ידיך ארנן:
לכבוד דעם בורא, דעם קדוש וטהור,
לכבוד דעם יינגן
דעם הייליקן פּאָר,
וועל איך גוטע ווערטער דערמאָנען.
ריין פון חטאים דורך שריפות און פּיינען,
וועל איך זיי אין בדחן־חרוזים באַווײנען.
שא.
זאָל שווייגן דער עולם.
דאָס געסעלע זאָל פון שלאָף נישט דערוואַכן.

סילועט (פון אַ יונגן בחור)
ווי איך פלעג אין געסעלע דאָ
מיט מיידלעך אין מיינונגען שפּילן,
זינגען און לאַכן.

סילועט (פון אַ מיידעלע)
מיין מאַמע איז אַוועק אין מאַרק אַריין
נאָך מיין יינגעלע פון פוילן,
האָט דער מערדער זי געכאַפּט
און פאַרברענט אויף קוילן.
און אין אויוון נאָכגעוואָרפן

אַלע קינדער אירע קליין.
האָט דאָס קעצעלע פֿאַרבליבענע
אויפֿן פּריפּעטשיק געוויינט.
(סילועטן פֿון אַ חתן מיט אַ כּלה אין אַ ויידענעם וואַל)
חתן (נעמט אָן די הענט פֿון דער כּלה)
כ׳געדענק נישט ווען ביים לעבן דיך
אין אַזאַ כּישוף־שיין.
דיין בליק — מיין נאַקעטקייט;
ווי דינער זייד פֿאַרהילט,
דיינע פּייכטע וויעס אין פֿייער־גלי
זענען פּונקט אַזוי
ווי אַנטקעגן זון־ליכט אין באַגין.
פֿאַרב־געמיש פֿון מאַרגנטוי
אויף די פֿליגל פֿון אַ בין.
דיין ראָז געזיכט אין שנייען זילבער לייכט
ווי צווישן טאָג און נאַכט
די זון,
בעת זי שענקט דאָס בלוט אירס אָפּ
דעם וויסן וואָלקן אינעם טייך.
כּלה ווען נאָך מיידלישע ליבשאַפֿט
אַ יינגעלע בענקט,
נעמט מען דאָס מיידל אַרום מיט די הענט,
אָט וואָס ראַזיקייט מיידלישע מאָנט,
מיט אַ קוש צינד מיך אָן.
חתן דעם קוש האָט די שׂרפֿה פֿון מיין מויל אויסגעברענט.
און עס שפּילט דער ווינט אין יאַגעלעך
מיט מיינע הענט —
דיין געשטויבטער אַש.
כּלה דעם זיסן רויט פֿון מיינע ליפּן
האָט דער פֿלאַם אַראָפּגענאַשט.
קינד אוי וויי!
איך בין דאָך שוין פֿאַרלוירן
איך וועל שוין קיינמאָל
נישט ווערן געבוירן.
איך וועל שוין קיינמאָל
אין קיין וויגעלע נישט וויינען,
און נישט קומען וועלן קינדערלעך
צו מיר אויף קריאת־שמע־לייענען.

כלה (ווײַזט מיט אַ פינגער אויפֿן קינד)

די טראָפּנס בלוט פֿון מײַן מײדלשאַפֿט אין מיר קלאָגן —
דאָס קינד פֿון מײַן מוטער־טראַכט נישט אויסגעטראָגן.

א ײנגער בחור (לייענט אַרויס פֿון אַ העפֿט)

נישט גליאיקע צוואַנגען די העלדזער אונדז שטיקן,
נישט געפֿלען ביי אונדז אין פֿאַראומערטע בליקן —
דאָס זענען רויכן פֿון פֿלאַמען איבער אונדז אויפֿגעגאַנגען;
דאָס זענען חופּות צעקנייטשטע איבער די קעפּ אונדז צוהאָנגען.
מיט אונדזערע ליבסטע פֿאַרברענטע פֿון היימישע גאַסן,
קיין ירושלים געקומען זיך ווידער פֿאַרקנסן.
מחותנים פֿון תּליות, פֿון פֿלאַמען און שייטערס,
מיט בליקן פֿון שרעק און פֿון אומרו באַפֿרייטע,
אונדז, די פֿאַרגעסענע לאָזט אַריין, לאָזט אַריין
מיטן דרשה־געשאַנק — אונדזער ווײ פֿון נישט זײַן.
פֿון פֿרייד אויסגעשטראָכענע; מיר זענען נישט, און מיר זענען
אין פֿלאַם אויסגעלאָשענע. איר וועט אונדז אין בענקשאַפֿט
דערקענען.

אַ טרייסט און אַ ווײנענדיקס — בדחן, שפּיל אויף!
אונדזערע טײַערע און נאָענטע קומען דאָ זיך צענויף;
זאָל דײַן זינגענדער צער לויטער און העל זײַן,
אַז דעם עולם, פֿאַרשניטענעם, דאָס ליד זאָל געפֿעלן זײַן.
אונדזערע לייבלעכע ווילן פֿאַרגעסן נישט ווערן,
לאָז אין ליד דײַנס דעם אָפּהילך פֿון זייער פֿאַרשוויגנקייט הערן.

(די זעונג פֿאַרשווימט, דער פֿריערדיקער חתונה־עולם — צע־
טאַנצט ביי מוזיק פֿון פֿאַרשידענע אינסטרומענטן)

א ייד (צו זײַן שכן)

האָסט עפּעס דאָ געזען מיט אַ רגע פֿריער:

צווייטער ייד

וואָס געזען, ווען געזען?
האָסט געטרונקען אַביסעלע צופֿיל.

עלטערער ייד

איך האָב נישט געטרינקען,
און עפּעס זע איך, עפּעס הער איך.

שטים

געווייִן פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָר הונדערט
נאָכן חורבן.

(די טענץ גייען אָן. שיר־אל שלייכט פֿאַרביי אין אַ שוואַרץ פּשוט

קלייד און באַטראַכט אין שעמעוודיקער פאַרגאַפונג די הייטערע צעטאַנצטע יידן)

שיר־אל (צו זיך)

כוחות פאַרהוילענע הויבן מיך אַרויף
און לאָזן פריי מיך פאַלן.
צי בין איך פון דער הייליקייט באַהויכט,
צי טרונק איך פון טומאהדיקע קוואַלן?
איז מיין התעוררות
אַרומגעשמירט מיט פאַרשעמונג און מיט וויי,
פאַרוואָס קאָן איך נישט פרייען זיך
אַזוי ווי זיי?

(ירמיהו, אַ יוגנטלעכער מיט געדיכטע שוואַרצע לאָקן און אַ דינעם שוואַרצן זוים פון אַ בערדל, גייט פאַרביי, באַטראַכט דעם טאַנצנ־דיקן עולם. זיין בליק פאַלט אויפן פנים פון שיר־אל. ער בלייבט שטיין, ווי צוגעשמידט צום אָרט, קליינע פויזע)

ירמיהו (מיט אַ שעמעוודיקער געהעמטקייט)

איך האָב דיך שוין ערגעץ ווו געזען.
ביסטו נישט נחמן וועבערס טאָכטער פון ענתות?

שיר־אל

איך קאָן דיך דווקא זייער גוט;
ביסט גאָטס מבשר פון טרייסט און בייז,
אָבער דו מיך קאָנסט נישט קענען. (קליינע פויזע. שטיפעריש)
דאָס מאָל איז דיין נבואה נישט באַשטעטיקט.

ירמיהו

הלוואי זאָלן אַלע מיינע נבואת׳ן זיך נישט באַשטעטיקן.

שיר־אל

איך בין איינע פון די,
וועמען דו פאַרשרייסט אויף די געמאַרקן
און באַפעלסט זיי פיינט צו האָבן.
וואָלסטו געוווסט ווער איך בין,
וואָלסטו אין דער רגע פון מיר געוויכט
און מיט שרעק געוואַשן זיך די הענט.

ירמיהו (צו זיך)

פונוואַנען דערנעמט זיך צו אַזאַ לויטערקייט
אַזאַ אכזריות? (קליינע פויזע)

שיר־אל

דערווייטער זיך פון מיר.

ווייל אין מיין אָנבליק
וועט די שכינה דיך אויסמיידן.

ירמיהו
די שכינה דאָ וועט מיך נישט מיידן,
ווייל איך זע זי דאָ עין בעין

שיר־אל
איך ווייס:
האָסט אַ מיידל,
וואָס דו האָסט אין איר קינדהייט
זי באַשירעמט פון אַ שלאַנג.
(ירמיהו שווייגט אַ פאַרווירטער)
איך וואָלט נישט געוואָלט זיין די שלאַנג
פון איר בליונגס־צייט.

(ירמיהו, אַ פאַרטראַכטער, פאַרנעמט זיך אין שווערן אָנשטרענג צו שטעלן אַ טריט אוועקצוגיין. שיר־אל שטיל, צו זיך)

באַשעפער מיינער,
די ליכטיקייט פאַרגייט,
וויפל טראָפּנס גיפט דו טריפסט אַריין
אין מיינס אַ רגע פרייד. (קליינע פויזע)

ירמיהו (אין שטילן שעפטש)
מיין גאָט,
צי איז ליבשאַפט דער היפוך
פון דיין קדושה?
(ביידע ווענדן אָפּ די געזיכטער.)
אויף מיינע ליפּן ברענט אַ וואָרט,
אַן איין און איינציק וואָרט
וואָס וואָלט פון איינזאַמקייט
מיך אויסגעלייזט.
דאָס וואָרט בריט מיך אין דער קעל
און שרעקט.
דערבאַרעם זיך, גאָט,
דעם קלאַנג פון דאָזיקן וואָרט אַנטפלעק —
פאַרשעם מיך נישט.

שיר־אל (צו זיך)
כ׳וואָלט מיין גאַנג אין פינצטערניש
געלייטערט אין זיין אומבאַפלעקטקייט. (פויזע. העפטיק)
(צו ירמיהו) ס׳איז דער סדר פון דער וועלט,

אַז רעדן — דאַרף אַ ייִנגל פריִער,
כדי אַ מיידל זאָל אים ענטפערן;
אַפילו אַ נביא
איז פון דעם סדר־עולם נישט באַפרייט. (קליינע פויזע)
רעד צו מיר! (פויזע)

ירמיהו

מיין נשמה איז — אַ פוסטער לאָגל.
אויב גאָט טריפט דאָרט זיין נבואה נישט אַריין,
בין איך ליידיק,
בלייבט די צונג געליימט.

שיר־אל

רעד צו מיר! (ירמיהו באַוועגט מיט די ליפן און שווייגט)
האָסט קיינמאָל נישט קיין צערטלעך וואָרט געהערט
פון דיין טאַטן צו דער מאַמען?

ירמיהו

מיין טאַטע זינגט דער מאַמען ליבע־לידער,
באַנאַנד מיט זיינע תפילה־שבחים צום באַשעפער. (פויזע)

שיר־אל (צו זיך)

איך בין דאָך אַ זינדיקע,
האָט גאָט זיין וואָרט פאַר מיר פאַרשלאָסן.

(ירמיהו און שיר־אל דערנעענטערן זיך מיט די פנימער, קוקן זיך אָן מיט גליאיקע אויגן, שיר־אל הייבט אויף איר רעכטע האַנט, פאַרמאַכט אים די אויגן־לעפלען און לייגט אַרויף די פינגער אויף זיינע ליפן, ירמיהו קושט זיי הייס און פיבערדיק)

ירמיהו

מיין שווייגן טוט דיר וויי?

שיר־אל

דער צער פון דיין שווייגן
פאַרשאַפט מיר צער;
און דאָס ברענגסטו דאָך אַרויס מיט רייד,
און נישט דיין וואָרט,
אויכעט נישט דיין שווייגן;
דיין אָטעם באַהויכט מיין פנים מיט פיין
פון פרייד.

ירמיהו

איך שטיי פאַר דיר דאָ —

אַ דאָרן אין דער מדבר
מיט זון־בראַנד אָנגעגליט.

שיר־אל

און איך וועל אַ פּרק פון דיין נבואה דערמאָנען:
„און אַזוי צו מיר געזאָגט האָט גאָט:
איך געדענק דיין יונגפרוילעכע גנאד,
דיין מילדקייט צאַרט און אומבאַפלעקט
ווען דו ביסט מיט מיר אַוועק
אין דער אומבאַקאַנטער ווייט
אין מדבר לאַנד אומגעזייט״. (פּויזע)

ירמיהו (געדרייצט)

די ווערטער רעדן וועגן כלל־ישראל.

שיר־אל

כ׳האָב איצט דיין שנאה זיך פאַרדינט,

(אַ חברה אָפּגעריסענע יינגלעך לויפט אַדורך. איין יינגל שטעלט זיך אָפּ אַ רגע, קוקט זיך איין אין שיר־אלס געזיכט, ווייזט אויף איר מיט אַ פינגער און שרייט)

דאָס איז דאָך די כהנטע פון דער טומאה:
איך האָב זי דאָרט גע...
(פאַרשטעלט זיך דאָס מויל מיט דער האַנט)

צווייט יינגל

האָסט געקוקט אין זייער געטין שפּיל
און ביסט נישט בלינד געוואָרן?

ערשט יינגל

כ׳האָב די אויגן פאַרשטעלט זיך מיט די פינגער.

דריט יינגל

אָבער ביסט אַריינגעגאַנגען אינעווייניק,
האָסט זי געהערט זינגען
און נישט געוואָרן טויב?

ערשט יינגל

כ׳האָב געפאַסט אַ טאָג מיט אַ נאַכט
און מנדב געווען ח״י פּרוטות.

פערט יינגל

פאַר אַזאַ זינד וועט גאָט נישט מוחל־זיין,
זאָלסט אַפילו פאַסטן אַ וואָך מיט אַ מאָנטיק.

פינפט ייִנגל (צום פּערטן)

וואָס מאַכסטו אים אָן אַ שרעק?
פֿאַר דרייצן יאָר
ווערט די קינדער קיין עברה נישט גערעכנט.

(שיר־אַל און ירמיהו בלייבן שטיין פאַרגליווערט. שיר־אל טוט זיך אַ ריס פון אָרט, אַנטלויפט פאַרוואָרפנדיק די דינע שוואַרצע פּאַטשיילע איבערן פּנים. פויזע. די חתונה־היימלעכקייט גייט ווייטער אָן, פון דעם צעטאַנצטן עולם שפּרינגט אַרויף פינון אויף אַ פאַס און טוט אַ האַסטיקן באַוועג מיט דער האַנט. אַרום אים שטעלט זיך אַוועק אַ קרענצל יידן)

פינון מזל־טוב רבותי!

שטימען

מיט מזל זאָלסטו לעבן!

פינון זאָל דער כביכול אונדז די שוואַכקייטן פאַרגעבן,
און איך בין אַפילו שטאַרבן גרייט
אַבי א רגע׳לע,
אייך ברידער, צו פאַרשאַפן פרייד.
בעט איך פון אייער פרייער צייט —
אַ קאַרגע וויַיל,
און אַ משל כאַפּן, אַ דערציַיל.
דעם נמשל לאָז איך פאַר אַייער הכרעה,
פאַר אייער פסק,
ס׳אַ מעשה פון אַ בוים און אַ האַק:

געשניטן האָט די זעג
אַהי׳ן און צוריק,
מיינט איר, אַז דער בוים האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט
צו כאַפּן אונטער זיך אַ בליק?
אַ טעות:
ווי פּאַסט דאָס פאַר אַ גדול
אַראָפּצוקוקן אויפן נידעריקן גראָז?
בטחון האָט ער פון דער שיינער זון געשעפּט;
נאָר דער אימה זיך נישט אונטערגעבן.
אַזוי פיל צרות דורכגעלעבט —
וועט ער אויך דעם קאַלטן ציין־קריץ איבערלעבן.
דער „בוק" איז אַ שאַרפער בקי
אין דער טיפער וואַלד־מסורה,
חוץ דעם איז ער איבער הונדערט יאָר אַלט,

און אַריינגעדרענגט אין סאַמער געדיכטעניש פונעם וואַלד.
און ס׳איז נישטאָ קיין סיבה פאַר אַ מורא —
צוגעווינט פון קינדוויַיז אויף צו ליידן.
ס׳טוט די זעג אַ הנאה וואָס זי שניידט?
געזונטערהייט,
זאָל זי שניידן.
להכעיס וועל איך האַלטן גאוהדיק דעם קאָפּ אַרויף
און זי, די צוררטע —
איך וועל נאָך דערלעבן איר שוואַרצן סוף.
איז — וואָס־זשע זאָגט די זעג?
גיי אַ שאלה פרעג
ביי אַ קאַלטן פילאָזאָף
פונוואַנען זאָל זי וויסן
וואָס מען טאָר נישט,
וואָס מען מעג —
זי זעגט.

אַז ס׳האָבן אַלע רינגען אינעווייניק
מיט דער ערד זיך אָפּגעזעגנט,
האָט דער פּאַרשניטענער פּלוצלונג זיך פאַרקלערט,
אַזוי פיל יאָרן האָבן די שטורעמס און געוויטערן
ווייטיקדיק געקוועלט איר,
איז אפשר גראָד כדאי
זיך אָפּרוען אויף דער עלטער.
האָט ער מיט חשיבות זיך אַ נויג געטאָן —
צו דרום,
זיך אַ ביק געטאָן צו צפון,
און אַ וואַלגער זיך געטאָן שלאָפן,
און זאָלן די פּוחזים — די לאַבוסדיקע ווינטן
אים אַ טובה טאָן
און בלאָזן אים אין הינטן.
זיי וועלן זיך שוין מיט מיין צווייגן־שויבער
מער נישט וואַרפן.
איי, די פייגעלעך זענען דערווייל אַוועק פון אים.
זאָלן מיינע חלומות זיך אַביסעלע אָפּרוען..
אין עטלעכע טעג אַרום, אם ירצה השם,
וועל איך אויפשטיין אין אויסגערוטן גליק —
צו פליען וועלן קומען זיי צוריק. (קליינע פּויזע)

פינון דאָס איז, ברידער מיינע,
דעם משל׳ס ערשטער חלק,
און אויב דאָס איז אייך לאַנגווייליק —
איז, זייט מיר מוחל,
אין די קליינע אותיות נישט געניט,
קאָן איך איבעררייסן אינדערמיט. (קליינע פויזע)

אַ ייד (צו אַ צווייטן)
עפּעס איז נישט קלאָר
דער אָדער יענער פּרט —
די תקיפות פונעם בוים,
זיין גאווה און זיין פאַלן,
אָבער בדרך כלל...

צווייטער ייד
ס׳וועט דער נמשל זיין
שוין גאַרנישט אַזוי גלאַט.

דריטער ייד
אַ בעל־חלומות אין אַ סכנה איז דער בוים,
און אַ בעל־מעשה — דער רוצח איז.

פערטער ייד
דאָס האָט מיט אונדז
שוין גאָר אַ נאָענטער שייכות.

פינפטער ייד
אין צווייטן חלק דאַרף מסתמא קומען
דער פאַרדינטער שכר און שטראָף.

זעקסטער ייד
וואָסער שכר פאַר דעם פאַרשניטענעם?

זיבנטער ייד (צו פינונען)
ר׳ ייד!
זייט משלים אייער משל!

אַכטער ייד
דערציילט וואָס ווייטער איז געשען!

פינון באשר ובכן —
ליגט דער בוים אַזוי אַ טאָג
און נאָך אַ טאָג,
און אַ דריטן און אַ פינפטן
און דערפילט אַ קיצלען אין די היפטן.
און דער חלום — פאַראַליזשירט געפערלעך.
און זאָגט קיין גוטס נישט אָן.

הינטערן לעפעלע ווערט חלשותדיק און שווערלעך,
און ערגער נאָך.
ס׳טוט גאָרנישט ווײ
און גאָרנישט פּײניקט,
נאָר בלויז אַ שטילע קריגערײ
פון אינעווייניק.

איין בוים־רינג שרייט
לויט דער ריי:
איך בין — בדילי־דל.
משמעות דער טאַטע האָט געמאַכט „ויברח״ פונעם קוואַל.
זאָגט אַ צווייטער רינג:
די וועלט ז י נ ק ט !
מיך שלעפּערט שוין סײ בײנאַכט
און סײ בײטאָג.
כ׳פּיל, כ׳האָב פאַרלוירן וואָג
און צוגענומען וואָג.
אַ דריטע פאַרט אַריינעט אין די רייד:
איך פלי אָפּ פון אייך
ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט.
די רינג די פערטע שרייט:
וואָס גרינגער און לופטיקער מיר ווערן,
אַלץ געוויכטיקער די משא ווערט
אַלץ שווערער.
די פינפטע רינג, זיך אינגאַנצן נישט באַקלאָגט
נאָר פאַר די שוועסטער־רינגעלעך פאַרטרויט זיך:
און אַז כ׳וועל שוין יאָ צעשרייען זיך —
איז וואָס דער פּועל־יוצא?
נאָר די זעקסטע זידלט גראָב
און שעלט דעם דולן פאָטערס קאָפּ:
ס׳ט׳ייטש ! —
אונטער דיר דער מלאך־המות פאָכעט מיט דער בייטש
און מען בויגט זיך נישט אַראָפּ?
איין רינגעלע, דאָס טיפסטע
אינגאַנצן זיך פאַרלירט
און בעט זיך שטיל
ביי דער שוועסטער־רינג איבער איר:
פאַמעלעך ! נעם מיך נישט אַזוי שטאַרק אַרום,

דו דערשטיקסט דאָך מיך!
— איך בין דען שולדיק, איך —
זאָגט די אויבער־רינג,
מיר שמעקט אויך אַ טרינק,
מען שטיקט מיך —
שטיק איך דיך,

אַ מעשה אָן אָן עק,
אַז איין אומגליק ווערט פון אַ צווייטן צוגעדעקט,
באַצווינגען.
איז וואָס זשע?
אָ פּ ש פּ ר י נ ג ע ן!
ווער אַהין, און ווער — אַהער,
און ווער זאָל זיין עושה־שלומניק, ווער?
דער עיקר אָן רוגזה־קריגערייען
מיט איידלקייט און טאַקט.

— איך בין גרייט!
זאָגט די האַק
און טוט אַ גלעט דעם בוים איבער דער פּליצע.
— ווערסט נישט באַעוולען קיינעם?
לאָרעמען די רינגען אַלע אינאיינעם,
מיר'ן דערמאָנען תמיד אייך צום שבח
און בענטשן דיך: ברוך הבא.

העלפן?
איך וועל אפילו זיך מיטן פּרייז נישט דינגען;
נאָר גיט —
אַ קלומפּ מיט רינגען,
אַ האַנטאַבע.

האָט זי מיט זייער שותפות
די רינגעלעך באַפרייט
און אויסלייזונג זיי געברענגט,
די זעג האָט געזינגען אין דער ברייט
און דאָס העקל — אין דער לענג.

האָבן זיי יחידות'דיק
גענומען זיך פונאַנדער איינצלען

און פאַר גדולה אונטערטענצלען
און „חסל” מיט די ענגשאַפּט מסוכנע
זיי פליען גליקלעך —
רינגעלעך געשפּאָלטענע אויף שטיקלעך
און — טרוקענען’
נאָר די גערעכטע בורר’טע,
די האַק —
אָנגעכמורעט איז
און בייז.
— אומדאַנקבאַרקייט,
אומטאַקט.
זייער ענגשאַפּט האָט מיך געאַרט.
איך האָב זיי אויסגעלייזט
פון פּיין און צער
און זיי זאָלן דאָס זאָגן כאָטש אַ שיינעם דאַנק דערפאַר.
אַ ייד
גאָלד מיט רענדלעך,
צווייטער ייד
דער מוסר־השכל
נישט פאַרשטענדלעך.

פ אָ ר ה אַ נ ג

פערטער אַקט

ערשטע סצענע

(אין הויז פון תמרס עלטערן. פאַרן אַריינגאַנג, אַ גוט געפּלעגט גערטנדל, אַרומגעצוימט מיט געפלאָכטענע צווייגן און קליינע בלימעלעך. פון ביידע זייטן גאָרטן — אַ טויערל אויף אַרומגעהאַקטע שטיינער, רונדע גרויסע וואַזעס מיט פּאַרשידן־פאַרביקע בלומען. דער אויסבליק פון דער אינעווייניקסטער זייט, אַ רחבות׳דיקער גאַנעק. אין גאָרטן לויפן אַרום הינער, אַ פּאַווע שפּאַצירט אַרום געמיט־לעך. אַ קעצל שפּילט זיך מיט אַ קליין שעפּעלע)

פועה (קומט אַרויס פון דער שטוב אויפן גאַניק און באַגיסט די בלומען אין די ברייטע, רויטע טעפּ. זי נעמט אַרום אין אַ זילבער־קלאַמער די געדיכטע שוואַרצע לאָקן, ווישט מיט אַ פלעדערוויש דעם שטויב פון די ווינקלען און זינגט)

ביימער שמועסן אין מיין גאָרטן.
ווער פון זיי איז מער געראָטן.
איין בוים בריה׳דיק זיך שווערט,
אַז ער האָט אַליין געהערט,
ווי ס׳האָט אַ פויגל אויפן דאַך
גערימט זיין שיינע קרוינען־פּראַכט.
סאַראַ פויגל־נעסטן ער פאַרמאָגט.
און מיין ליבער מאַן וואָס זאָגט ?
ער שמייכלט ליב און שטיל אַזוי
נישטאָ קיין שענערס פון זיין פרוי.
(אַ קליינע פּאַווע צעעפנט די פליגל, שפּרונגט פונעם גערטנדל אויפן גאַנעק־אַנלען. פועה טרייבט זי אָפּ)
אַ פּאַווע פאַרמאָג איך
מיט פאַרביקע פעדערן,
זי פלוידערט און גרויסט זיך
מיט איר בונטקייט פאַר יעדערן.
גלייבט איר יאָ, גלייבט איר ניין :
זי איז שענער נאָך פון שיין,
צווישן די געפליגל־טעכטער
נאָר ס׳ענטפערט איר מיין מאַנס געלעכטער,
אַז די שיינקייט פון זיין פרוי, פאַרשטעלט
אַלדי שיינקייט פון דער וועלט.

און איך, זיין ליבע, קלער און טראַכט:
מיין שיינקייט און מיין פּראַכט,
מיין קערפּער, יונגן שלאַנקן,
כ׳האָב דעם בורא צו פאַרדאַנקען.
ער צינדט מיין בלוט אָן מיט זיין שיין,
אָן זיין ליכט בין איך — אַ שטיין.

(זבדי בלייבט שטיין אינדרויסן פאַרן גאַניק, פּועה טוט אַ ציטער, איר געזיכט באַדעקט זיך מיט צאַרטער ראָזיקייט, זי פאַרשווינדט פונעם גאַניק אין דער טיר־עפענונג אין שטוב. קומט אַרויס אין עטלעכע רגעס אַרום צו זבדי מיט אַ קרוג וואַסער. העלפט דעם מאַן אַראָפּציען דאָס העמד, בויגט אַראָפּ זיין קאָפּ און צוואָגט אים אָפּ אַ לאַכנדיקע מיט אַ פאַנטאַן וואַסער)

זבדי (וואַשט זיך מיט שמייכלענדיקן תענוג, נעמט פון איר האַנט דאָס האַנטוך אוןווישט זיך אַרום, גלייכט זיך אויס און קוקט מיט גליק־זעליקייט אין איר געזיכט. ער זינגט)

האָסט גאָט באַשאַפן מיך
מיט מוט און קראַפט,
נאָר כ׳בין אַ זעמדעלע אין דיין באַשאַף.
אַ בוים־געוויקס וואָס אין באַגין פאַרשטומט,
אַ שאָטן, וואָס אין נאַכט־שאָטנס צעשווומט,
נאָר שענקסט מיר קראַפט
פון טויזנט שקלאַפן,
צו זייען, אַקערן און שאַפן.
מיין אויג פון דיר
וואָס ווערט פון דיין ליכט פאַרבלענדט,
און אַ האַרץ — אַ פלאַם וואָס ברענט
צו דיר,
צו דיין ברכה־ערד.
און צו דער טאָכטער דיינער
וואָס דו האָסט פאַר מיר באַשערט.

פּועה אַ פלעמל פלאַטער פון אַ ליכט
אין דיין באַשאַף, בין איך.
אַ וואַסער־רינג וואָס אַ ווינט פאַרשווענקט.
נאָר ליבשאַפט האָסטו מיר געשענקט. —
אַ קרייזלדיק, בלאַנקענדיקער פייער־בראַנד,
וואָס קיין שום ווינט
איז דאָס פאַרלעשן נישט אומשטאַנד.

האָסט מיר ליבשאַפט־טרוים געגעבן,
שטיל און רוישיק ווי דאָס לעבן.
ווי דיין זון צעגליט און רויט
און באַצווינגערישער פונעם טויט. (האַלדזן זיך)

בײדע
אַ ליבשאַפט האָסטו אונדז געגעבן,
שטיל און רוישיק ווי דאָס לעבן,
ווי דיין זון צעגליט און רויט
און באַצווינגערישער פונעם טויט.

(אין דער דרויסן־זייט פאַרן איינגאַנג ווייזן זיך: רוחמה און חלקיהו. זבדי און פועה פאַרשווינדן אויף עטלעכע רגעס פונעם גערטנדל, קומען ווידער און עפענען דאָס פאָדערן־טירל. זבדי נעמט די קרוג פון פועה, גיסט וואַסער אויף הלקיהוס הענט. פויזע)

זבדי ברוכים הבאים:
שלום און ליבשאַפט אין דיין הויז
און אין אַלע יידישע הייזער.

(אַלע פיר פאַרשווונדן אויף עטלעכע רגעס אין שאָטן פון די בוימער. זיי באַווייזן זיך אויפן גאַניק און זעצן זיך. פויזע)

רוחמה
ווו איז תמר?

פועה עוזי, דעם גערטנערס טאָכטער, האָט זי פאַרבעטן צו זייער שמחה פון צונויפזאַמלען דעם האָניק פון די בינשטאָקן.

(חלקיהו שפּרינגט אַריבער דעם גאַניק, פאַרשווינדט אויף עטלעכע רגעס אין דער געדיכטעניש פונעם גאָרטן, קומט צוריק און דער־לאַנגט אַריבער דריי קליינע ווייסע שעפּעלעך. רוחמה נעמט פון זיין האַנט איינס נאָכן אַנדערן און גיט זיי איבער פועה׳ן)

זבדי (אין חידוש)
וואָס איז דאָס?

רוחמה
אוראייניקלעך
פון אייער אַמאָליקן געשאַנק.

(חלקיהו שפּרינגט, ווי אַ ייִנגל, פונדרויסן אַריין אינעם גאַניק און ציט אַרויס פון די פאַלדן פון זיין ווייסן טוניק אַ ווייס געשטריקט לייב־צודעקל. רוחמה נעמט עס פון זיין האַנט און דערלאַנגט עס פועהן, וואָס שמייכלט פאַרחידושט, צעעפנט עס און פאַסט עס צו צום קערפּער)

חלקיהו

אַ מתּנה פון דער שאַפּן־מאַמע
פּאַר דער מאַמע פון דער מתּנה־געבערין.

(פּועה לויפט אַריין אין שטוב, אין עטלעכע רגעס קומט זי אַרויס מיט אַ געבלומלט קריגעלע פון רויטן ליים, און מיט פיר הילצערנע בעכערלעך אויף אַ בראָנזענער טאַץ און שטעלט עס אַוועק אויפן טיש. זבדי לויפט אַריין אין שטוב, קומט באַלד אַרויס מיט אַ טאַץ ווייַנטרויבן און דערלאַנגט חלקיהון אַ כוסהלע ווייַן צום מויל)

זבדי **הכלילי עינים מיין**
ולבן שינים מחלב...
ראשית טרינקט מען ווייַן,
נאָכדעם ווייזט מען די ציין ביים טוישן זיך מיט די דעות.

(אַלע פיר טרינקען, ווינטשנדיק זיך, „לחיים”. פאַרבייסן מיט ווייַנטרויבן. די דריי שעפּעלעך פלאַנטערן זיך צווישן די פיס. זבדי לאָזט זיי אַראָפּ אים גערטנדל. ביים פראַנט־טירל באַווייזט זיך פינון. זבדי לויפט אַריין אין שטוב, קומט אַרויס און בלייבט שטיין נעבן פינונען מיט אַ קריגל וואַסער. ער גיסט אים אויף די הענט)

זבדי **ברוך הבא בצל קורתי.**

פינון **אתא שלום וביתך שלום וכל אשר לך שלום.**

(ביידע פאַרשווינדן צווישן די ביימער. אין עטלעכע רגעס אַרום באַווייזן זיי זיך אויף דער שוועל פונעם גאַניק. פּועה דערלאַנגט פינונען אַ האַנטוך. ער ווישט זיך אָפּ די הענט, זעצט זיך צום טיש, טרינקט לחיים. פויזע)

חלקיהו

וואָס הערט זיך אין דייַן הויז־געזינט, רב פינון?

פינון

ברוך השם.
מייַן פלוניתטע איז נעכטן אַלט געוואָרן דריי יאָר. (געלעכטער)
אַ יידענע זאָל אַזוי פייַניקן?
וויינט גאַנצע נעכט אויף די ציין,
און אַז כ׳ברענג זי אין בית־מדרש אַריין,
איז זי פון לערנען מבטל די צען בטלנים —
און איך בין דער עלפטער.

יבדי **אַזאַ יינגיטשקע —**
און אַזאַ מרשעת?!

פינון **די טאָכטער מוז איר טוישן די וועש יעדע דריי שעה.**
(קליינע פויזע)
ס׳איז מיין אייניקל,
וואָס טראָגט דעם נאָמען פון מיין עקרת־הבית, עליה השלום.

(תמר קומט אָן אומבאַמערקט, קוקט זיך אַרום און דערלאַנגט די האַנט רוחמהן, אירע ליפּן נעמען ציטערן. רוחמה טוט שנעל זיך אַ הויב אויף פונעם טיש און איר פאַרווירטע האַנט נעמט צערטלען תמרס קאָפּ און שטערן)

רוחמה
וואָס איז דיר תמרל,
ביסט חלילה קראַנק?

(תמר לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, זעצט זיך ביי אַ ווינקל טיש. אַלע הויבן זיך אויף, דערשראָקענע)

פועה (לויפט צו מיט שרעק)
וואָס איז דיר, טאָכטער מיינע?

פינון **אין עטלעכע מינוטן אַרום**
וועט איר דאָ האָבן עוזיאלן דעם רופא —
כ׳האָב פריער אים געזען אין שטאָט־גאָרטן.

(לויפט אַרויס אויף עטלעכע רגעס דורך דער אָפענער טיר. תמר לענט אָן דעם קאָפּ אויפן טיש, פועה טינקט איין די פינגער אינעם קריגל פון וואַסער און באַשפּריצט תמרס געזיכט. זי רייבט איר איין די שלייפן, הויבט זי אויף ביי די הענט און פירט זי אין שטוב אַריין)

פועה (אין גאַנג, מיט דער טאָכטער)
וואָס איז געשען?
דערצייל,
פייניק נישט דער מאַמען,
האָט ווער חלילה דיר שלעכטס געטאָן?

תמר **חס־ושלום.**
נאָר ווען כ׳קאָן אַזוי אַ ביסל אָפּוויינען,

(ביידע פאַרשווינדן אינעם טונקעלן אַריינגאַנג. זבדי גייט זיי נאָך. חלקיהו דרייט אָוועק דאָס געזיכט און שפּאַנט אָוועק אין אַ ווינקל. קליינע פויזע. רוחמה לויפט צו צו חלקיהו, קוקט אים שאַרף אָן)

רוחמה (שטיל)

כ'בין חושד, אַז
דאָס האָט עפּעס מיט אונדז אַ שייכות;
כ'מיין — מיט אונדזער ווילדן יינגל.

חלקיהו

איך טראַכט אויך דאָס אייגענע. (פּויזע. מיט ביטערניש)
אַט האָסטו דיר דעם הייליקן יינגאַטש,
דורכגענומען מיט געטלעכן חזיון
און ברענגט יסורים נאָענטע מענטשן.

רוחמה

זי טראַכט וועגן ליבשאַפט,
און ער איז זי מזכה
מיט שרעק־בשורות פונעם חורבן.

חלקיהו

אַ בחור פון זעכצן יאָר זאָל זיך נישט משתתף זיין
אויף יוגנטלעכע צוזאַמענטרעפן?
ווי איז דאָס געהערט געוואָרן?

רוחמה

און נאָר ער שרעקט,
און נאָר ער וועקט
און דראָט מיט שטראָף פאַר זינד.
מיט אַ שטים פון אַ זקן —
האַרב און שטרענג און רוי.

חלקיהו

וואָס איז דאָס פאַרא קינד?

רוחמה

ביינאַכט הענגט איבער זיין פּנים
אַ דינער וואָלקן טוי,
וואָס הויבט זיך אויף אין זיין געוויין אין שלאָף. (קליינע פּויזע)
מיר דוכט זיך,
אַז זיינע רייד וועלן קיינמאָל
נישט אָנצינדן די נשמה פון אַ פרוי.

חלקיהו

נביאים גייען אַליין
ביים שאַרף־ראַנד פונעם לעבן. (קליינע פּויזע)
ליבשאַפט איז דאָך
די העכסטע הייליקייט,
דער קערן;

דער עיקר־תוך פון דער נשמה,
דאָס האָט דאָך אונדזער ליבשאַפט, מענטשלעכע,
געבראַנגט אים אויף דער וועלט.

רוחמה

די ליבשאַפט איז דאָך
דער העכסטער הלל צום באַשעפער.

חלקיהו (געריצט)

גאָטס ליכט און מיידל־ליבשאַפט
גייען קיינמאָל נישט האַנט־ביי־האַנט.

רוחמה (אין איפער)

דיין אויער הערט, וואָס דאָס מויל רעדט?
(חלקיהוס פנים פאַרפינצטערט זיך. פויזע)

רוחמה (קוקט אָן חלקיהו מיט אַ טיפן בליק און דערנעענטערט איר פנים נאָענט צו זיינעם)

חלקיהו! (שוויגן)
איך רעכן, אַז...

חלקיהו

אַז וואָס?!

רוחמה

אַז ער איז אונדזער ס ו ף. (פויזע)
מיר מוזן ברענגען נאָך אַ קינד אויף דער וועלט.
דו הערסט?

(פועה און תמר קומען צוריק אויפן גאַניק. די מוטער פירט זי צו צום באַנק־בעטל אין אַ ווינקל. פועה לויפט אַריין אין שטוב, רוחמה גייט צו צו תמרן און לייגט אַרויף די האַנט אויף איר שטערן, פויזע.
עוזיאל־רופא קומט אַריין און פינון — נאָך אים. חלקיהו ברענגט אים אַרויס וואַסער און גיסט אים אויף די הענט)

עוזיאל (אָפּווישנדיק זיך אינעם האַנטוך, וואָס פועה האָט אים דערלאַנגט)
שלום־עליכם!

(פועה דערנעענטערט זיך און קוקט אים אָן אַ פאַרטרויערטע)

עוזיאל

וווּ איז זי, וווּ,
מיט די איינרעדענישן פון אַ קרענק?
(פועה פירט אים צו צום באַנק־בעטל און שטעלט אַנידער אַ טאַ־בורעט, עוזיאל זעצט זיך, עפנט תמרס אויגן־אַפּלען, פירט מיט

די פינגער איבער אירע שליפן, באַטראַכט אירע הענט. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אַ פּאַרטראַכטער. זאָגט דאָס קאַפּיטל תהלים ל״א: למנצח לדוד, בך ד׳ חסיתי אל, אבושה לעולם בצדקתך פלטני... גרעסערע פּויזע. צו פּועה)
וויאַזוי שלאָפט זי ביינאַכט?

פּועה טיילמאָל טוט זי זיך אַ כאַפּ אויף מיט אַ ציטער, ווײנט אַפּ עטלעכע מינוט און שלאָפט ווידער איין.

עוזיאל
דו ביסט זיכער אין דעם?

פּועה זיכער אין וואָס?

עוזיאל
נו...
אין דעם, אַז זי שלאָפט ווידער איין?
און אפשר מאַכט זי זיך שלאָפן,
כדי נישט צו פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש טאַטע־מאַמע?

פּועה אוודאי שלאָפט זי.
איך רעד דאָך צו איר —
און זי ענטפערט נישט.

עוזיאל (מיט אַ גרינגשעצנדיקן באַוועג מיט דער האַנט)
א הוכחה.

פּועה די לעצטע צייט באַקומט איר פּנים אַ בלאָע קאָליר
ביי אַ האַסטיקן שלינג פון אַ לעפל עסן.

עוזיאל (פאַרטראַכט זיך, מיט אַ פּלוצלינגן באַוועג מיטן קאָפּ צו תמרן)
זאָג מיר טעכטערל!
דיינע מיחושן דרייען זיך אין האַרץ אַליין
צו מיט נאָך עמיצן?
(אַ שווייגן)
זאָג, שעם זיך נישט
דאגה בלב איש ישחנה,
דער, וואָס שעמט זיך פאַר אַ רופא —
צו דעם קומען די מחלות צו גיין אָן בושה.

חלקיהו (צו רוחמהן, שטיל)
לאָמיר גיין
ס׳איז איצט, דוכט זיך, קיין שעת הכושר נישט
פאַר אורחים.

תמר ס׳איז מיר קאַלט, מאַמע.

(עוזיאל און פּועה דעקן זי אַרום מיט אַ געבלימלט צודעק. תמר גייט איבער מיט די פינגער איבער די געהאַפטענע בלימעלעך)

חלקיהו (שעמעודיק)

אַ רפואה שלמה —
און אַ ברכה אין גאָטס נאָמען.

(פאַרנעמט זיך מיט רוחמהן אַוועקצוגיין. תמר טוט זיך אַ ריס פונעם באַנק־בעטל און פאַרשטעלט זיי דעם וועג)

תמר (פלאַמיק און העפטיק)

אַז איר וועט איצט אַרויסגיין פון אונדזער שטוב
וועט מיר ווערן ערגער.

(חלקיהו און רוחמה קוקן זי אָן פאַרשוולדיקט. תמר נעמט אָן רוחמה ביי די הענט, פירט זי צו צום טיש און זעצט זיך. חלקיהו זעצט זיך נעבן רוחמה. קליינע פויזע)

עוזיאל (צו חלקיהו און רוחמה)

ווען דאָס מיידל האָט אייך פאַרשטעלט דעם וועג
האָט זי אין זינען געהאַט אַ פסוק פון תהלים:
„תשב אֱנוש עד דכא ותאמר שובי בני אדם"
דער פרוש:
אין זכות פון איר געבעט צו אייך:
„קערט אייך צוריק",
וועט דער אויבערשטער פון איר אָפּטאָן די דערדריקונג.

(ער ציט אַרויס פון הינטער זיין גאַרטל אַ טאַרבע קרייטעכצער און מישט צענויף אויפן טיש. אַ שווייגנדיקע פויזע. עוזיאל צו פועה)

ווען דו ביסט געווען אין דיין טאַטערס עלטער, האָסטו
קיינמאָל זיך נישט אויפגעכאַפּט ביינאַכט מיט אַ ציטערניש?
דערמאָן זיך נאָר! (אַ שוויַיגן)
שווייגסט?
אין זכות פון שווייגן פון די ווייבער האָט דער אויבערשטער
אונדזז מזכה געווען מיט דער תורה.

פינון **וואָסער שייכות האָט זייער שווייגן מיט קבלת התורה?**

עוזיאל

די מעשה איז אַזוי געווען:
ווען דער סיני האָט געברענט, זענען די פרויען צענויפגעלאָפן
אָנקוקן דאָס ווונדער; דאָס ערשטע מאָל זען זיי אַ פייער וואָס זיי
האָבן דערצו נישט צוגעלייגט קיין האַנט, און דער כביכול האָט
אַ פרעג געטאָן: איר זייט מקבל די תורה? האָבן די ווייבער

גאָרנישט געענטפערט, האָט איין ייד אַ פרעג געטאָן דאָס ווייב:
היתכן? גאָט פרעגט דיך און די שווייגסט? האָט זי אים אַ מעסט
אָפּ געטאָן מיט אַזאַ בליק, אַז ער האָט זיך דערשראָקן און געזאָגט
צו איר הויך: נעשה ונשמע און פּטור. (פּויזע)

עוזיאל (צו פועה)
אין וועלכן חודש איז זי געבוירן?

פועה אין חודש תשרי.

עוזיאל (אין שטרענגן ערנסט)
אין מזל פון דער וואָג־שאָל. (פּויזע)
אין וועלכער אשמורה?

זבדי (אַריינקומענדיק מיט אַ בינטל האָלץ אויף די פּלייצעס)
אין דער צווייטער.

עוזיאל (צו זבדי)
וואָסער פּסוק פון תהילים איז דיר געקומען אויפן זין, ווען
דו האָסט דערהערט דעם ערשטן געבורט־געשריי פונעם קינד?

זבדי כי רגע באפו חיים ברצונו
בערב ילון בכי ולבקר רנה.

עוזיאל
אַ שאלה דער מאַמע —
אפשר קאָן די מאַמע זיך דערמאָנען
ווען זי האָט מיט דער האַנט אָנגעהויבן ווישן די טרערן?

פועה (כאַפּט אַרויס אַ קליין פּערגאַמין בלעטעלע פון די קליידער־פאַלדן
פאַרטיפט זיך אַ רגעלע. פּויזע)
נאָך פינף חדשים מיט זעקס טעג.

עוזיאל
וויאַזוי?
מיט דער אינערלעכער האַנט־פלאַך
צו מיט דער אויסערלעכער?

פועה (אַריינקוקנדיק אינעם בלעטעלע)
ביז פינף און אַ האַלב יאָר מיט דער אויסערלעכער,
דערנאָך מיט דער אינערלעכער.

עוזיאל (צו זיך, מיט אַ סודותדיקער שטים)
זעכצן יאָר;
פופצן — די ערשטע צוויי אותיות פון בורא
א׳ דאָס ערשטע אות פון „אָנכי״.
דער ערשטער צער
שווינגט אָן פון צווישן די בערג,
קלאַפּט אָן אינעם האַרץ פונעם חולה,

נאָר דאָס לייב פונעם מיידל —
גאָטס חידושדיק ווערק
וועט קומען מיט אַן „עולה״
אין בית־מקדש אַריין.
וועט דער צער, וועט דער צער
דערשמעקן דעם געבראָטענעם ריח פון געפאַר
וועט ער טאָן אַ שוועב און אַ לויף,
ווו ס׳וואַקסן זיך די בערגער צונויף.
און טראָגן אין מערות אַוועק
די מחלות, בהלות און שרעק.

פועה

זיי אונדז מסביר מיט פשוטע רייד.

עוזיאל

נישט פאַראַן קיין פשוטע זאַכן אויף דער וועלט.
אַפילו דיין בקשה וועגן פשוטע רייד...
מען דאַרף זיי... צעחושן און דערשרעקן

(דערלאַנגט פועהן אַ הויפנדל קרייטעכצער)

צוויי בוטנים־שעלעכלעך אינגבער,
געטריקנטע טייטלען דריי.
איילבירט טראָפּנס כמספר „ח״י.
דאָס קאָכן צוזאַמען.
און ווען די מאַמע
וועט דעם ערשטן גערויש פון זידן דערהערן —
אַריינטריפן אייגענע זיבצן טרערן.
פון דער תרופה געמישטער
געבן דער קראַנקער אַ האַלב לעפעלע
יעדע דריי שעה.
די ערשטער מנה —
פאַרנאַכט ווען די שטערן זענען נאָך אין הימל נישטאָ.
וועט דאָס מיידל דערפילן
דעם ביטערן טעם אויפן גומען,
זאָל זי נישט, חלילה,
דאָס פנים פאַרקרומען,
און קיין ציטער נישט טאָן.
איך זאָג שטרענג איר דאָס אָן.
נישט מיט דער האַנט און נישט מיט קיין ברעם.
און דער טאַטע זאָל זאָגן:

„לישועתך קויתי השם"
און גאָט זאָל פאַרטרייבן פון יידישע שטיבן
די אימה
און תכף צושיקן אַ רפואה־שלמה.

אַלע אמן כן יהי רצון.

עוזיאל
חוץ לזה,
אַוועקטרייבן זי אין דער שטאָט־אַליי
אין אַ קהל פון מיידלעך
אין איין עלטער מיט איר.
און פאַרפולן דעם גאָרטן
מיט טענץ׳ און געוואַלטן;
און — אַ האַלבע שעה פאַרן שלאָף —
אַ מרחץ׳ אַ קאַלטן.

(תמר הויבט זיך אויף פונעם באַנק־בעטל. דאָס געזיכט דריקט אויס מידקייט, נאָר די אויגן שמייכלען. זעצט זיך ביים טיש נעבן רוחמהן. פועה דערלאַנגט עוזיאלן עטלעכע מטבעות, ער ווייזט מיט דער האַנט אויפן טיש. פועה לייגט שמייכלענדיק דאָס געלט אויפן טיש, עוזיאל נעמט עס, שיט אַריין אין אַ בלא טאָר־בעלע און פאַרשטעקט עס אין די פאַלדן פון טוניק. פועה און רוחמה נעמען תמרן הינטער די הענט און פירן זי אַריין אין שטוב)

עוזיאל
מיר זענען איצט איבער אַ מזומן יידן,
איז דער דרך־ארץ
אויסצופילן די מינוטן מיט אַ דבר־תורה.

זבדי (צו חלקיהו)
דו ביסט אַ כהן.

חלקיהו
און דו — אַ כהנס אַן איידעם.

עוזיאל
ביי אַ מצוה
געהערט דער כבוד דעם בעל־הבית.

זבדי בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ
והארץ היתה תהו ובהו.
די קשיה איז:
דער תהו ובהו איז דאָך געווען פריער
פאַר בריאת־עולם,

האָט די תורה זיך געדאַרפט אָנהויבן מיט:
והארץ היתה תהו ובהו?
דער תירוץ איז:
ס'איז נישט יידיש,
אַז די הייליקע תורה
זאָל זיך עפענען מיט אַ תהו ובהו.

חלקיהו

כלומר;
די וויסטעניש טאָר מען נישט צולאָזן
די ערשטע צום פסוק.

עוזיאל

כפתור ופרח.

חלקיהו

איך האָב אַ רעיון
וואָס באַוועגט זיך צווישן קודש און חול

זיצנדיקע

לאָז אונדז הערן.

חלקיהו

די פלעדערוויש

זי איז אָנגעברוגזט, די אָרעמע, פון אַלדי פרייד באַרויבט,
געווען איז זי אַמאָל אַ פליגל, פלאַטערדיק און ווייס.
איצט איז זי אַ קריגעריין קעגן שפין־געוועב און שטויב,
און די שפינען שעלטן זי און ווינטשן איר אַלדאָס בייז.
איז, פּאָכעט זי אַצינד מיט דער שפלות, מיטן דלות,
און פיינט האָט זי די פעדער אויף דער קאָמאָד.
דאָס טוט אַ שמיר אויף שבת די קוילעטשן און חלות
און דערנאָך, זי שלאָפט אין שלוה און גענאַד.
די קנאה בייסט אין האַרץ פון פלעדערוויש.
אָט באַלד וועט זי געבן די יידיקגייערין דעם וועג,
נאָר אַז יענץ איז אַן איינגעגעסענע און לאָזט זיך נישט.
צוגעבאַקן מיטן געלעכצל — זי רירט זיך נישט פון פלעק.
טשעפּע נישט — כעסט די פעדער — דרך־ארץ פאַר מיין געלן קאָלטן.
איך וויל נישט זיין קיין קרבן פון דער שנאה דיינער קראַנקער.
זעסט דאָרט אויפן טיש אַ פעדער אָפּגעניצט, צעשפּאָלטן?
קער זי אויס, און זי וועט דיר שיין באַדאַנקען.
אמת,
זי טוט אַ וואָרף זיך אַ פליגלדיקע, גרינגע,

באַגלייט מיט דער געלער פעדערס ממזורדיקע ברכות,
און נאָר דער סופר — אַ כאַפּ די פעדער, צעשפּאַלטענע צווישן זיינע פינגער,
און שרייבט מיט איר שירות ותשבחות.
אַזאַ בושה טוט אַ קוועטש דער נשמה ביז טרערן.
פאַלט דאָס פלעדערווישל און אָטעם איר פאַרפעלט
מוסר־השכל:
מען קאָן פון איין שטאָם, פון איין לייב געבוירן ווערן,
נאָר יעדערער באַזונדער טראָגט זיין באַשטימונג אויף דער וועלט.

עוזיאל

כלילת יופי.
און איך האָב אויך אַ משל
געהערט אויפן שיל־הויף
וועגן אַ בעל־גאווה וואָס אַנטלויפט:
„שרייבט ער שירים — אַ יקר — המציאות
אַז ס׳צענעמט, אַ דערקוויקעניש אַ חיות
דורכצולייענען. נופת צופים זיס
תרופה־סם היילעוודיק און חריפותדיק — אַ שפּיז
אויפן פאַרמעטל חכמה־דורשטיק ווייך.
און אַלען שורהלעך — געמאָסטן, גראָד און גלייך.
נאָר איין שורהלע מיט עזות זיך אַנטפלעקט,
רייסט זיך אָפּ און פליט אַוועק.
— וווהין? רופן אַלע שורהלעך מיט חידוש.
גאוות איז נישט לידלדיק, נישט יידיש,
צום ניגון נישט קיין מעלה.
דו דאַרפסט זיין — גלייך מיט אַלע!
— שטותים — זאָגט די איילנדיקע שורה:
מיך טראָגט — די בשורה פון אַ בשורה,
און מוז די וועלט־רחבתן דערגרייכן,
ווי קאָנט איר זיך מיט מיר פאַרגלייכן?
הערט דער פאַרמעט־בינדער יואל־בער,
פאַרקנייטשט דעם גליון און מיט דער שער
און, מרדכי שלום אין דעם שירה־קעניגרייך
שניידט דאָס פאַרמעטל אויף גלייך.
פאַלט אַראָפּ דאָס „חוצפּהלע״ די ליבע
אַ מצוה־עונש פאַר אַ פורש מן הצבור.

אַלע (צו עוזיאלן)

יישר־כח.

(חלקיהו און רוחמה געזעגענען זיך מיט זבדי. חלקיהו שפּרינגט אַריבער אינעם גערטנדל. הייבט אויף רוחמהן און נעמט זי אַרי־בער. זיי גייען אַוועק.
פון דער דרויסנדיקער זייט פונעם גאָרטן־צוים שטויסן זיך אָן אין ירמיהו, שטעלן זיך אָפּ. די עלטערן קוקן אים אָן שטרענג און פאַרכמורעט)

חלקיהו (צו ירמיהו)

איידער דו ביסט דער נביא פון גאָט, ביסטו פריער אַ פּשוטער מענטש
און דיינע עלטערנס אַ זון;
איך פרעג:
צי קאָן קדושה זיך אָן שפיכת־דמים נישט באַגיין?
(ירמיהו קוקט אָן די עלטערן מיט חידוש)

רוחמה

תמר איז קראַנק,
און מיר זענען חושד
אַז דו ביסט דער גורם פון איר צער. (אָנגעשטרענגט שווייגן)

חלקיהו (שטרענג)

זאָג דעם אמת, (ירמיהו שווייגט געפּלעפט)
און דעם „כבד את אביך ואת אמך" האָסטו פאַרגעסן?

(אַ שווייגן. חלקיהו הויבט האָסטיק אויף די האַנט לאָזט ירמיהון אַראָפּ אַ קלינגענדיקן פּאַטש. ירמיהו קוקט דעם פאָטער גלייך אין די אויגן. ער שטייט ווי פאַרגליווערט. רוחמה שפּרינגט צו און ציט ירמיהון אַוועק פונעם פאָטער. זי פירט מיט די פינגער איבער זיין פנים)

רוחמה (אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער צו תמרס הייס)
גיי די רגע אַריין צו תמרן און בעט זי איבער.

(ער קושט די מוטערס הענט, גייט מיט שטרויכלדיקע טריט אַריין אינעם גערטנדל און דערנעענטערט זיך צום הויז. פּויזע)

חלקיהו (אַ פּלוצלינג אויפגעוואַכטער, ציטערט און עפנט ברייט אויף די אויגן, באַטראַכט די פינגער פון זיינע הענט, צעשרייט זיך מיט אַ דושנדיקער שטים)
גאָט מיינער!
וואָס האָב איך געטאָן?

(נעמט קלאַפּן מיט די פויסטן אין די שלייפן, צעכאַרכלט זיך שווער. רוחמה נעמט זיין קאָפּ אין אירע הענט און טוליעט אים צו אירע ברוסטן).

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייט בילד

(אינעם דערפל ענתות. פונדערווייטנס איבער די קעפ פונעם גע־דיכטן און רוישיקן מענטשן־געדראַנג זעט זיך דאָס הויז פון חלקיהו. די מענער, פרויען און קינדער פון פאַרשידענעם עלטער טראָגן פאַרשידענע קליידער. ס'איז פאַרנאַכט, אין מעריב־זייט גליטשט זיך די זון אַראָפּ בלוטיק־רויט, אַריינגעוועבט אין אַ דינער גאָזע פון נעפּל)

אַ מיטליעריקער ייד (צו אַ צווייטן)

אַ ליכטיקע נשמה איז נסתלק געוואָרן פון אונדזער דאָרף.

אַן עלטערע פרוי (צו אַ צווייטער)

דאָס געבוירענע עופה״לע האָט נישט די זכיה געהאַט אָנצוקוקן

דאָס ליכט פון טאָג — און רוחמה נעמט עס מיט מיט זיך.

אַ פרוי

דאָס האָט גאָט געשטראָפט ירמיהון פאַר זיינע ביטערע שטראָף־רייד אויף בית־ישראל.

אַ ייד

די השגחה שניידט מיט אַ כיוון אָפּ פון די נביאים אַלע צנורות

פון מענטשלעכער פרייד, און פאַרגעלטיקט זיי דערפאַר

מיט ראש ולענה אויף צונג און ליפּן.

אַ פרוי

אַרומגעוויקלט מיט דער ליבשאַפט פון אַ מאַמע איז ער געווען

אַזוי דערנערדיק — וואָס וועט שיין זיין אַצינדערט?

יינגערמאַן

דער אויבערשטער דאַרף האָבן ריינע הערצער;

אַן שמץ פון וואָרעמקייט, מוטערלעכער,

כדי זיין חזיון דאָרט אַריינצוגיסן...

צווייטער יינגערמאַן

אַז די עלנטקייט זאָל אַ דושע טאָן אונטער דער באָרד.

דריטער יינגערמאַן

צווישן איין מיתה פון אַ זקן און אַ צווייטער

לאָזט זיך דער מלאך־המות ווילגיין

מיט אַ טרינקל אַ באַרוישנדיקס

פון פריש און וואַרעם בלוט.

אַ זקן

איך בין אַזאַ אַלטער שאַרבן.

אַן משפחה, אָן אַ היים,

פאַרוואָס האָט ער מיך נישט גענומען אויף איר אָרט?!

א פרוי

און נבלות ווימלען דאָ אַרום אונדז
ווי די ווערעם,
און קיין טויט נעמט זיי נישט.

יינגערמאַן

„ישראל ערבים זה לזה" —
שטאַרבן די אײדעלע
פאַר די זינד פון די טמאים.

א ייד

דעם מענטשנס נשמה איז אַ פקדון,
וואָס דער אויבערשטער נעמט צוריק
נאָך דער אויסגעזעצטער צייט.

יינגערמאַן

ער נעמט אין זיין היכל זיך אַרויף
געלייטערטע נשמות,
כדי דער מלאך זאָל נישט דאַרפן שוויצן
ביים פוצן און רייניקן.

ערשטער ייד

צינד, יינגערמאַן, נישט אָן דעם שטנס שוואַרצע פלאַקערן
מיט דיינע לעסטער־רייד
צו רוחמה׳ס עלית נשמה.

א יונג מיידל

אַ נשמה אַ ריינע איז
אַ פרילינגדיקע קווייט —
שענקט דעם דופט אָפּ דעם אַרום
און מיט אַ שטילינקן ציטער פאַרגייט.

א זקן

נישט אמת;
אַ יידנס נשמה
האָט נישט דעם גורל
און מזל
פון בלומען —
נישט זי בליט,
און נישט זי שטאַרבט.

(די געדיכטעניש און געדראַנג ווערט מער צונויפגעקנוילט און ענגער, די פנימער פון די מענטשן ווערן אָפּגעפאַרבט מיט טריבער גראַקייט)

אַ קליין מיידעלע (אויף דער מוטערס האַנט, ווייזט מיט אַ פינגערל — אַרויסגענומען פונעם מויל)

נשמה׳לעך פליען איבער אונדז.

מוטער

מאַך די אויגעלעך צו — און שווייג.

אַ צווייט מיידעלע (ווייזט אויף אַ בוים פונדערווייטנס)

אַ מלאכל וויגט זיך דאָרט

אויף אַ צווייג.

מוטער

זאָג שטיל „המלאך הגואל״.

שליס צו די אויגן —

און שווייג.

אַ ייִנגעלע (אויף די הענט פון זיין פאָטער)

ס׳גליסט זיך מיר וויינען.

די טרערן מאַכן מיר ביטער אין מויל.

פאָטער

מיט מיין פאָלע דעק דאָס פנים דיר צו —

און שווייג.

(פון אַ ווייטלעכן מרחק דערטראָגט זיך אַ טויבלעכער גערויש פון שטימען, וואָס ווערט מיט יעדער רגע העכער און דייטלעכער. עס גייט דורך אַ שוואַרצע „מיטה״, געטראָגן פון פיר אָרעמס־געקליידעטע שוואַרץ־בערדלדיקע ייִנגעלייט, איינער פון זיי איז ירמיהו.

אַן אַלטער איינגעהויקערטער ייִד לויפט צו צו חלקיהו, וואָס באַגלייט די מיטה, שניידט איין מיט אַ שוואַרץ מעסער די קלאַפּע פון זיין בגד, און באַלד לויפט ער צו צו ירמיהו און שניידט איין זיין לאַץ. נאָכן אַוועקגיין פון דער מיטה, טראָגט זיך נאָך אַ געדיכטער שטראָם פון מלווים. עס הערן זיך התעוררתדיק שטימען:)

צדק לפניו יהלך!

אַ פאַרהוילענע שטים

ס׳איז אַ ליכט אויסגעגאַנגען אין אַ דאָרפיש געצעלט.

צווייטע שטים

וואָס האָט אַ נביא געבראַכט אויף דער וועלט.

דריטע שטים

זיין האַרץ איז אַ פאַרמעט —

באַשריבן מיט טרערן און זעאונג צעגליט.

פערטע שטים

מיר נעמען דעם פאַרמעט
אין די גלותן מיט.

פינפטע שטים

שטראָף־־צעפייניקטע,
ליכטיק און שווער
און נאָענט און ווייט.

זעקסטע שטים

מיר ווײַנען אָפּער
פון זיין צעריסענעם קלייד.

(די לויה טראָגט זיך רעש פאַרויס. אינעם געדרענג — זבדי, פועה און תמר.

עטלעכע רגעס נאָך זייער אַוועקגיין גייט דורך שיר־אל — איר פנים איינגעהילט אין אַ שוואַרצן טוך; אַרום איר אַ בעטנדיקער „יושב בסתר עליון״ פון די מלוים.

שיר־אל

(שטיל, צו זיך)
עס וועט קומען
דער סוף פון מיין וועג,
וועל איך אַ שטילע, געלייטערטע אַוועק
מיטן נביא צוזאַמען,
צו די ליכטיקע ספירות
פון זיין מאַמע.
און ווי לויטער ער איז,
און ווי זינדיק איך בין,
וועלן ביידע מיר שטיין
פאַרן הימלישן דין
היות ער איז, כולו
הייליקע ליכט,
וועט ער אַ טייל פון מיין שולד
נעמען אויף זיך.
און איך אַ טייל
פון זיין יתום־געוויין;
ער — אַ טייל פון מיין פרייד
און איך — אַ טייל פון זיין פּיין.
וועלן מיר דאַן פאַרווייען
אינעם ליכט פון אין־סוף;

שותפים צו זעאונג
צו שכר און צו שטראָף.
פאַרקנופט, נישט קיינמאָל צעשיידטע
פון גופים אָנטקלײדטע,
פאַרקנאַטן צוזאַמען
צו דער הייליקער רו פון זיין מאַמען.

(פונדערווייטנס הערט זיך דער צעציטערטער „יתגדל ויתקדש״ פון ירמיהו. די בינע לעשט זיך. פויזע)

ס צ ע נ ע א ו מ ב ײ ט

(אַ טונקעלע אַליי פון מצבות. די קברנים שיטן אַרויף די לעצטע לאָפּאַטעס ערד אויף רחמה׳ס קבר. נעמען די לאָפּאַטעס אויף די אַקסלען און גייען אַוועק. ירמיהו בלייבט אַליין. ער קוקט זיך אַרום און בייגט אַראָפּ דעם בליק צו דער מוטערס קבר)

ירמיהו (שטיל)
מיין באַשעפער און האַר,
האָסט מיך מיט דיין נבואה־ליכט באַזעלט,
און מיר די מאַמע צוגענומען דערפאַר?
געלאָזט מיך אַליין אויף דער וועלט.
איז דאָס דער שכר?
כדי דיינע שטראָף־רייד זאָלן אין מיין קעל
דאַרניקער, שטעכעדיקער זיין?
האָסט אין האַרץ אויסגעלאָשן
מיין קינדערשן באַגינען
צו האָסטו קיין אַנדערע פּיין
פאַר מיין אָרעם לייב נישט אויסגעפונען?
עפן מיר אַ תהום
פון דיין אָטעם אָפּצוואַנדערן.
מאַך פון מיין האַלדז אַ דומס שטייניקן.
געפין דיר אויס אַן אַנדערן.
אויף צו פייניקן.
זאָל דיין צאָרן־קללה
פאַרשרפה״ן מיך
אויף גראָען אפר ואפר,
זאָל דיין רוגז מיך פאַרברענען —
מעק מיך אויס פון דיין ספר.

(שיר־אל דערנענטערט זיך, אַ געהילטע אין דער טונקלקייט, באַהאַלט זיך הינטער אַ בוים, קוקט אַהין צו ירמיהו און הערט זיך צו מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ)

ירמיהו

פון דער פאַרבאָרגעניש

דו פאַרהויבסט איבער מיך דיין שטיק־געוויכט,

און איך,

איך בין דיין גאָל־פלעמלדיק וואַקס־ליכט,

ברענט דיין פלעמל־אומרו אויף מיין קאָפּ;

צינדט און וואַרעמט

און צעשמעלצט מיין גוף אין טרערן,

ביז כ׳וועל ביז דער לעצטער טרער פאַרשפּהט ווערן. (פויזע)

ליכט פלאַם און ברענענדיק לייב,

געטראַנק פאַר די צעציטערטע פלאַמען;

אַ קינד פון אַ לעבעדיקן גאָט

און — פון אַ געשטאָרבענער מאַמע.

(ער גייט אַוועק מיט שטרויכלדיקע טריט. דאָס בית־עולם הילט זיך איין אין גראָלעכער פאַרנעפּלטער שאָטנדיקייט. שיר־אַל פאָלגט נאָך מיטן בליק דעם אַוועקגייענדיקן ירמיהו.

זי קומט צו צו קבר פון רוחמה.

קניט אַנידער, נעמט פון די קלייד־פאָלדן אַרויס צוויי קיזל־שטיינדלעך, אַ בינטעלע טרוקענעם פלאַקס און אַ קליין וואַקסן־ליכטל. זי פאַרפעסטיקט עס מיטן רויטן ליים, רייבט איין שטיינדל אינעם אַנדערן. די פונקען פליען אַרויס און צינדן אָן דעם פלאַקס. צעבלאָזט דאָס פלעמל און צינדט אָן דאָס ליכטל צוקאָפּנס פונעם קבר. דאָס פלעמל אויפן ליכטל ציטערט עטלעכע רגעס און פאַרלעשט זיך. זי חזרט נאָך צוויי מאָל איבער דאָס אַרויסרופן פייער פון די קיזלשטיינער, דאָס ליכטל לעשט זיך כסדר, איר פנים באַדעקט זיך מיט דיקע טראָפּנס שווייס. זי רייבט די שטיינדלעך פון דאָס ניי מיטן אָנגעצונדענעם פלאַקס אין דער ציטערדיקער האַנט)

שיר־אל (פליסטערט מיט אַ בעטנדיקער שטים)

ממעקים קראתיך ד׳

(דערנענטערט דעם אָנגעצינדענעם פלאַקס צום ליכטל. דאָס פלעמל העלט אויף ציטערדיק און ווייס)

פ אָ ר ה אָ נ ג

פינפטער אַקט

ע ר ש ט ב י ל ד

(אין ירושלים. אַן אָוונט ערב חג הביכורים. די גאַסן זענען באַלויכטן מיט אומצאָליקע פאַקעלן און ליכטער. אינעם ווייטן הינטערגרונט ווייזט זיך אַ הויכע בימה פון רויע מאַסיווע שטיינער. אויף דער בימה אַ גרויסע צעלויכטענע מנורה. די פאָדער־וואַנט פונעם בית־מקדש, מיט די לוחות, איינגעמויערט אונטערן דאַך. פון אַלע זייטן, אַ ווו נאָר דאָס אויג דערגרייכט, אַ געדיכטער געדראַנג פון יידן — מענער, פרויען און קינדער אין פאַרשידנפאַרביקער הלבשה · פוסגייער מיט קוישן אויף די אַקסלען, מיט גרויסע קרוגן און וואַזעס; ראָל־וואַגנס פון פאַרשידענער גרייס און פאַרעם, געשפּאַנטע מיט פערד און אייזלען. די מענטשן־מאַסע באַוועגט זיך כסדר פאָרויס.

אויף דער בימה בלייבט שטיין אַ נידעריקע פּלאַטפאָרמע מיט אַ יונגער מוטער, וואָס וויגט איין אין אַ מאַסיווו הילצערן וויגל איר קינד):

שלאָגט אין האַרץ אַ העמערל —
גאָלד־קלינגענדיק און צאַרט.
האָב איך אויפן וויגל־זמרל
צוואַנציק יאָר געוואַרט.
שלאָף טעכטערל דו מיין,
מיין אויג אין קאָפּ, מיין ציר,
אין וויקעלעך פון ווייסן ליין
פאַרוויקלט און פאַרשנירט.
זינגט מיין ליד פון לידעלעך
אויף אַ שוואַרצער אויגן־שפּראַך,
מיט רונדע ברוינע גלידערלעך,
מיט אַ מיילעכל, וואָס לאַכט.
ווייס איך נישט טאָכטער מיין,
דו פרוכטל פון מיין שויס;
צו זינג איך דיר אין וויג אַריין,
צו זינגסטו מיר פון וויג אַרויס.

(אַ גרעסערע צאָל פּלאַטפאָרמעס פאָרן דורך מיט יונגע מוטערס מיט קינדער אויף די הענט און אין וויגעלעך. איין פּלאַטפאָרמע מיט אַ יונגער מוטער, וואָס וויגט איין איר קינד):

זינג איך דיר בייטאָג אַ ליד,
זונעלע מיין זון.
ביסט נאָך צו יונג צו זיין אַ ייד,
און דו ווייסט גאָרנישט דערפון.
בייטאָג געפינט זיך ליכט אַ סך
במילא זעסטו צו ווײַנען.
נאָר וויאַזוי זעסטו צו ווײַנען ביינאַכט
ווען די זון אַפילו זעט נישט צו שיינען?
אַ קנייטשל דאָס פּנימל קליין
און אַרויס מיט די טרערן.
טוט אַ טרערעלע העל אַ צעשיין
מיטן ליכט פון זון און שטערן.
לייכט דיר דאָס טרערעלע צו,
זעסטו ביים ליכט ווי צו ווײַנען,
דער מאַמען צו שטערן די רו
און די הייליקע תּחנה צו לייענען.

(די פּלאַטפאָרמע באַוועגט זיך פאָרויס. אַ צווייטע פּלאַטפאָרמע מיט אַ יונגע מאַמע וויגט איין איר קינד):

זינג איך דיר אַ לידעלע אין גראַמען
נאָר דו ווילסט נישט ווערן איינגעשטילט,
וועסט מערטשעם אויכעט זיין אַ מאַמע
און וויסן ווי דאָס קאָרן גילט.

(די פּלאַטפאָרמע באַוועגט זיך שווער פאָרויס. אַ ברייטער מאַסיווער ראָל־וואָגן, צוגעשפּאַנט צו צוויי מעכטיקע קאַשטן־ברוינע פערד, שטעלט זיך אָפּ. אויפן וואָגן, אַרום אַ רונדן טיש, זיצן קליינע ייִנגלעך, קוקן אויפן גראָ־בערדיקן מלמד, וואָס האַלט אין דער לינקער האַנט אַ קאַנטשיק און אין דער רעכטער — אַ גרויסן פּאַרמעט. ער לערנט און די קינדער חזרן איבער)

והיו כי תבוא אל הארץ אשר...
און עס וועט זיין
ווען גאָט וועט צענויפקלויבן אייך ביינאַנד
און אַריינפירן אינעם צוגעזאָגטן לאַנד.
ווייל ער האָט אייער ווײ־געשריי דערהערט
— זאָלסטו אויסקלויבן די ערשטע שפע פון דער ערד,
אַריינלייגן דאָס אין אַ קויש אַריין
און קומען דערמיט אין גאָטס הויז צו גיין.

דעם ערשטן כהן דאָס אַנטקעגנטראָגן
און זאָגן, אַזוי צו זאָגן:
ווייל גאָט האָט אונדז אויסגעלייזט
פון ליידן און פּלאָגן;
פון פּרעה׳ס קנעכטשאַפט־פּלוך
און פון צער.
ברענגען מיר די ערשטע פּרוכט
פאַר זיין הייליקן אַלטאַר.
(פּויזע)

מלמד
וועמען פון די קינדער איז קשה
די פּסוקים וואָס מיר האָבן דאָ געלערנט?
(שווייגן)
האָט קיין מורא נישט,
דער קאַנטשיק וועט זיך נישט מישן.

אַ יינגל
אַלצדינג איז דאָך דעם אויבערשטנס:
דער הימל, די ערד,
און די יידישע אומה.
טאָ וואָס זשע דאַרף ער אונדזערע ביכורים
אַז אַלץ איז זיין?

מלמד ווער פון די קינדער האָט אַ תשובה?

אַ יינגל
די פעלקער זענען ווי ביימער אויף דער ערד, מיר זענען געווען די ערשטע פּרות פון די דאָזיקע ביימער, וואָס דער אויבערשטער האָט אַראָפּגענומען פאַר זיך. מיר זענען זיינע ביכורים, איז, דאַרפן מיר, דאָס ביכורים־פאָלק — ברענגען ביכורים אַלס צייכן פון זיין ערשטן גערעטעניש.

מלמד פונוואַנען דרינגען מיר אַז מיר זענען זיינע ביכורים?

אַ יינגל
ווייל דער חג הביכורים פאַלט אויס
אינעם יום־טוב פון מתן־תורה.

מלמד ווער פון אייך האָט אַ שבח־שיר
צוגעפּאַסט צו אונדזער היינטיקן יום־טוב?

אַ יינגל
די ערשטע פּירות פון פעלד און פון סאָד,
מיר ברענגען צו גאָט.
מיר, דאָס פאָלק

פון די הייליקע צען געבאָט
זענען די ערשטע ביכורים פון גאָט.

צווייט יינגל

אין זכות פון די קינדער — זיינע ביכורימלעך קליין
וואָס לויבן אים מיט זייער פרייד און געוויין.
ער וועט אונדז באַשערן,
אַז מיר זאָלן טאָן און הערן
און לערנען באַגערן.

(פויזע. אַ פּלוצימדיקער אָנפאַלייץ, ווי אַ כמאַרע, שנעל זיך באַוועגנ־דיקע קינדער־געזעמלען, יינגלעך און מיידלעך — אָנגעטאָן אינעם שטייגער־לבוש פון די קליינע שטעטלעך פון פּוילן.

די געלע מגן־דודס אויף זייערע פּלייצעס און ברוסטן לויכטן מיט אומהיימלעכן און סודותדיקן ליכט. אַ טייל פון זיי שפּרינגט אַרויף אויף דער בויד. די איבעריקע טאַנצן אַרום דער בויד פון אונטן. די אַרויפגעקומענע מאַכן אַ ראָד און טאַנצן אַרום די זיצנדיקע קינדער מיט זייער מלמד. דער טאַנץ דערמאָנט די אַמאָליקע התלהבות־טענץ פון חסידים, זיי טאַנצן און וויינען צעהעשעט און אָפּגעהאַקט)

איין קינד

פון ווייטע מזבחות,
פון שרפות און יסורים
ערב מתן־תורה ביידערנאַכט —
מיר האָבן די נשמהלעך — הייליקע ביכורים
קיין ירושלים אַהערגעבראַכט.

כאָר (פון אומגעזעענע קינדער)

מיר האָבן די נשמהלעך — הייליקע ביכורים
קיין ירושלים אַהערגעבראַכט.

(די קינדער־כמאַרע פאַרשווימט אינעם מענטשלעכן געדראַנג)

אַן אַלטער ייד

אַזוי פיל קינדער
כן ירבו...

מענערישע שטים

דיין ברכה איז — קללה.
די קינדער געזונגען האָבן דאָ —
פאַרשניטענער יללה!
יידן! זאָגט „קדיש״!

(דער אַלטער געבויגענער ייד, וואָס האָט איינגעשניטן די קלאַפּעס ביי חלקיהו און ירמיהו, גייט איצט פון איין עולה־רגל צום צווייטן און שניידט איין די לאַצן פון זייערע מלבושים. עס הערט זיך אַ שטי־לער „יתגדל ויתקדש״ פונעם המון. אַ טייל פון עולם גייט און אַנדערע קומען) (לענגערע פויזע)

איין עולה־רגל (צו אַ צווייטן)

האָט דער אויבערשטער היי־יאָר
מיט שפע מיך באַשענקט;
טייטלען, איילבירטן און מאַראַנצן.

צווייטער עולה־רגל

ס׳איז אין די שייערן קאַנ׳הרע ענג:
וואָל און גערשטן און ווייטרויבן און פלאַנצן.

דריטער עולה־רגל

ביז וואַנען מען מאַכט אַ סדר אינעם הויז,
און ביז מען שלעפּט דאָס יינגוואַרג פון גשמיות אַרויס —
איינגעטונקענע אין עולם־הזה.

פערטער עולה־רגל (צום דריטן)

פונוואַנען איז אַ ייד?

דריטער עולה־רגל

פון דרום־מזרח־זייט פון עזה.
(אַ קינדער־קרענצל נעמט זיך צונויף און טאַנצן אין אַ ראָד)
די מאַמע האָט מיך אויפגעוועקט
פון שלאָף אינמיטן דער נאַכט.
פון שלאָף אינמיטן דער נאַכט.
אַריינגעוואָרפן אין דעם געפּעק
און אין גאַטס הויז אַהערגעבראַכט.

קינדער־כאָר

אַריינגעוואָרפן אין דעם געפּעק
און אין גאָטס הויז אַהערגעבראַכט.

אַ יינגעלע

מיין טאַטע איז אַ שכיר־יום
אַ מאַן פון שבט־אפרים
אָנגעזאַפּט מיט תורה ווי אַ שוואָם
פון די סנהדרין אין ירושלים.

קינדער־כאָר

אָנגעזעט מיט תורה ווי אַ שוואָם
פון די סנהדרין אין ירושלים.

א יינגעלע

איך בין אַ צווייגעלע פון שבט גד
און אַ ברודערל פון שוועסטערלעך אַכט.
האָט דער טאַטע מיך געבראַכט אין דער היילקער שטאָט,
וווּ די שכינה וואַכט
בייטאָג און ביינאַכט.

עולה־רגל

נישט דאָס גערעטעניש נאָר בלויז
פון די אין פעלד און גערטנער פּאַרזייט;
מיר שיידן תּרומה און מעשׂר אויס —
די קליינע קינדערס פרייד.

צווייטער עולה־רגל

איך בין אַ פּראָסטער שמייסער־יינג,
אַ גראָבער קאָפּ, אַ ריב אַן אומגעשיילטער.
איך וויס נאָר בלויז „שמע ישׂראל" און אַ טרונק...
נאָר אַ קינד בין איך פונעם פאָלק דעם אויסדערוויילטן.

דריטער עולה־רגל

אַ שוסטער, אַ „להט"וטניק בין איך,
כ'פּאַרלאַטע מיט אַ ברען און אויף דער גיך.
ווען האָבן כ'וועל פּאַרלאַטעט אַלע יידנס שיך,
וועל איך די סאַנדאַלן פּאַרלאַטן פונעם מלך המשיח.

יונגער עולה־רגל

בין איך מיר אַ קויבער־פלעכטער,
פרום און יונג און שיין.
פּאַקן די יינגע יידישע טעכטער
דעריין, זייערע ביכורים־ליבשאַפט איין.

א יונגער עולה־רגל (מיט אַ ציטרע)

כ'בין אויף חתונות אַ ציטרע־שפּילער
ביי אָרעמע און ביי גבירים.
מיין מיידלס אויגן שפּילן שטילע
אין מיין האַרץ אַריין איר שיר־השירים.

(עס קומט אַן אַ געזעמל יינגע בחורים און מיידלעך, אַ מיידל קלויבט
זיך אויס אַ בחור פון די פאַרזאַמלטע)

מיידל (זינגט)

קוק יינגל אין מיינע אויגן זיך איין,
אין מיין יינגן געזיכט.

צי איז נאָך אַ מיידל אַזוי שיין —
ווי איך

כאָר קוק יינגל אין אירע אויגן זיך איין
אין איר שוואַראויגיקן גלי.
צי איז נאָך אַ מיידל אַזוי שיין —
ווי זי.

א צווייט מיידל (טרעט אַרויס פונעם געזעמל און זינגט)
איך וועל דיר תענוג און צויבער־גליק געבן,
און דיין אויג מיט מיין שיינקייט פאַרבלענדן.
אַן מיר וועט דיר זיין פינצטער דיין לעבן,
אַ־ווו נאָר דו וועסט זיך קערן און ווענדן.

כאָר אַן איר וועט דיר זיין פינצטער דיין לעבן,
אַ־ווו נאָר דו וועסט זיך קערן און ווענדן.

א יינגל (צו אַ מיידל)
אויסגעשניטן האָט דיך גאָט פון מיין ריפּ.
און די ווונד האַלט אין איין ברענען.
און גאָט אַליין האָט באַפוילן — האָב ליב
דיין שניט־בראַנד פון גהינום!

כאָר אויסגעשניטן האָט דיך גאָט פון זיין ריפּ,
און די ווונד האַלט אין איין ברענען.
און גאָט אַליין האָט באַפוילן — האָב ליב
דיין שניט־בראַנד פון גהינום!

(שיר־אַל קומט אַרויס פון דער געדיכטעניש פון המון און פאַרנעמט
דאָס אָרט פונעם אָפּטרעטנדיקן יינגל)

שיר־אל (שטיל)
נישט שטראָף מיך מיט דער רו פון אַ קערנדל שטויב
וואָס ווייסט נישט דעם חילוק פון לעסטער ביז לויב,
און קאָן נישט דעם הבדל פון פריידן ביז גרוילן.
וועמען גאָט האָט אייביקע שטילקייט באַפוילן.

מיין נביא פון מיר איז ווייט אָפּגעפרעמדט,
און פון זיין מויל — גאָט רעדט אַרויס...
מיין וואָרט פון יסורים זיין קדושה פאַרשעמט,
נאָר אין מיידלשן חלום איך פאַר אים זיך אַנטבלויז.

כאָר איר נביא פון איר איז ווייט אָפּגעפרעמדט,
און פון זיין מויל — גאָט רעדט אַרויס...
איר וואָרט פון יסורים זיין קדושה פאַרשעמט.
נאָר איר מיידלשער חלום פאַר אים זיך אַנטבלויזט.

שיר־אל

איך וואָלט אַזוי קראַנק זיין געוואָלט
און רופן אין היץ אים מיט פאַרנעפּלטע אויגן.
מיין צעפיבערטער דמיון וואָלט זיין אָפּבילד געמאָלט,
ווי ער זיצט איבער מיר אַריבערגעבויגן.
ער שווייגט און ווי תמיד — מיט אַ פאַרבלאַנדזשעטן בליק,
פאַרקוקט ערגעצוווּ אין דער ווייט.
ער זעט, ווי גאָט זיין מלאך מיר שיקט.
און פון געפייניקטן גוף די נשמה צעשיידט.
(פויזע. דער כאָר פאַרשטימט)

געזאַנג פון אומגעזעענע

דער פלאַמיקער בלאָ פון די נביאישע רייד
האָט פאַרברענט אויף די העלדזער די שטריק,
און אַ שליידער געטאָן אונדז פון דער ווייט —
פון געפאַר
אויף צוריק.
צו הערן דער ליבשאַפט פון יידישער פרייד,
פון מיידלישן לויטערן צער.

אַ גייסט

כ׳פיל אַ שניט אויפן האַלדז —
רויט־שראַמיק און פייכט.

צווייטער גייסט

חורבן און חורבן —
נישט קיין פאַרגלייך.

דריטער גייסט

דער קרעציקער צורר
וועט קומען אַ הער.

פערטער גייסט

ער וועט שפלות פאַרלאַנגען
נישט מער.

פינפטער גייסט

אין גלות פאַרשיקן,
באַגיסן מיט פיינען.

זעקסטער גייסט

נאָר נישט פאַרברענען דעם בליק אונדז
מיט די טרערן אינאיינעם.

זיבנטער גייסט

און אין זיין גלות נישט שעכטן

קינדער און פרויען,
און נישט פֿאַרווערן אין תּפֿילות
זיך אין באשעפער פֿאַרטרויען.

אַכטער גייסט
ווען פֿאַר זיין טראָן, אונדזער הייליקייט
וועט שוין ליגן פֿאַרקרבנ׳ט,
וועט ער נישט פֿאַרווערן אונדז לייענען
די מגילה פֿון חורבן.

ניינטער גייסט
און אונדז נישט פֿאַרהפקרן
פֿאַר תּליות און האַס,
און אונדז נישט אַריינטרייבן
אין אַ גלות פֿון גאַז.
און מיט אונדזער בלוט נישט פֿאַרשמירן
די מאָרדעס פֿון געטער.

צענטער גייסט
דאָס טוט איצט דער צורר
מיט יאָר טויזנטער שפּעטער. (פּויזע)

גייסטער־כאָר
איר ווּעט דעם חורבן
אין קינות באַקלאָגן
און קדיש נאָך נאָענטע
געפֿאַלענע זאָגן.
און ברענגען צו קבורה
די טעכטער און זין,
און אין רדיפֿה־לויף וויינען
צדוק הדין.
און טרייסט אין די קבלה
ספֿרים געפֿינען
און אין יאָמער אין חצות
פֿון גלות־השכינה.

אַ גייסט
און אונדז האָט דער צורר
ס׳געווויין אין דעם גלויבן
מיטן לייב און געביין
צעמאָלן אויף שטויבן.
און אונדז געמאַכט פֿאַר אַ משל
פֿאַר שאַנד און פֿאַר פֿלוך,

און גאָט האָט פאַרמעקט אונדז
פון זיין הייליקן בוך.

גייסטער־כאָר

אומות באַזינגען
דאָס מאָרגיקע גליק,
נאָר מיר שוועבן נאָך גאולה
נאָך טרייסט — אויף צוריק.

אַ שטים

ווערטער פון פיין
פון טרוים און פאַרגאַפונג,
נאָר פאַר אונדז האָט נאָך גאָט
קיין וואָרט נישט באַשאַפן,
וואָס זאָל אונדזער וויי
אין זיין תוך אַריינּנעמען,
וואָס זאָל מיט זיין אויפקלאַנג
אונדזער געוויין נישט פאַרשעמען.

פרעמדער אורח (קומט אַרויס פון דער המון־געדיכטעניש)

און אפשר וועט איר
מיט אייער יללה אויפהערן?
לאָמיר די הלולא
פון מקדש נישט שטערן.
מיר זענען פון זיי
דור־דורותדיק ווייט.
הלמאי זאָלן מיר זיי
פאַרסמען די פרייד?

אַ גייסט

מיר וויינען דאָך שטיל
מיר שרייען נישט
אויף יידיש,
וואָס זיי פאַרשטייען נישט.

אַ ייד פון המון (צום צווייטן)

עפּעס רוישט דאָ,
איז דאָס שירה, צי געוויין?
נישט צו פאַרשטיין.

צווייטער ייד

אויך איך הער,
נאָר דוכט זיך —
דער יאָמער קומט — פון מיר אַליין.

א מיידעלע (אויף די הענט פון איר מוטער, נעמט אַרום דער מוטערס האַלדז)

איך האָב מורא.

מוטער

פאַר וועמען, נאַרעלע ?

מיידעלע (שטרעקט אויס דאָס רעכטע הענטל, ווייזט מיט אַ פינגער)

אַ דאָרטן

איך זע צוויי קליינע הענט פון אַ קינד,

נאָר דאָס קינד זע איך נישט,

און עפּעס פיל איך

ווי די האָר וואָלטן מיר געברענט.

(פונדערווייטנס ווייזט זיך דער אַלטער גראָער כהן־גדול אין אַ פור־פורנעם קלייד, באַצירט מיטן חושן. ער גייט אַרויף אויף דער בימה, נעמט די בכורים פון די עולה־רגל. נאָך אים שפּאַנט אַרויף אויף דער בימה אַ ייד, איינגעהילט אין אַ ברייטן טלית, אַריבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ. ער זינגט אינעם נוסח פון אַ גרויסער יידישער שטאָט אין פוילן)

אשא עיני אל ההרים

מאין יבוא עזרי.

עזרי מעם ד׳

עשה שמים וארץ.

אַן עולה־רגל

אַן אויסטערלישע נגינה

און אַן אויסטערליש קול.

צווייטער ייד

אַזוינס הער איך צום ערשטן מאָל.

פרעמדער אורח

ס׳איז אַ חזן פון שריפה־לאַנד.

אַ ייד

וואָס האָט איר געזאָגט ??

צווייטער ייד

אַ ייד פון הינטער די הרי־חושך.

דריטער ייד (צום פרעמדן אורח)

פון וועלכער מדינה קומט איר ?

ר׳ ייד.

פרעמדער אורח

פונעם לאַנד וו די נר־תמיד׳ס

האָבן זיך אויסגעלאָשן.
(ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ)

אַן עולה־רגל

וואָס פּייניקט אייך ר׳ ייד?

צווייטער עולה־רגל

זעסט נישט?
ער איז אויסגעמאַטערט פון אַ ווייטער נסיעה.

(דער עולה־רגל נעמט פון אַ זעקל אַרויס אַ ברויט, אַ מעסער און טייטלען און דערלאַנגט דעם אורח. יענער שטייט מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. דאָס חזנישע געזאַנג אויף דער בימה פאַרהילכט דעם אָרום. דער פרעמדער אורח ציט אַרויס פון די פאַלדן פון זיין צויטיקן בגד, אַ צעקנייטשטע בייגעלע פּאַפּיר. גלייכט עס אויס און פאַרטיפט זיך דערין. דאָס חזנישע געזאַנג ווערט שטילער און געדעמפטער)

פרעמדער אורח (שטיל — פון פּאַפּיר אַרויס)
אַ פּרק חזנות זידט — אַ רויט־גליאיקער שטיין,
וואָס מיין מאַמע האָט געוואָרפן אין קאָכיקן וואַסער אַריין
ערב פּסח צום כשרן די חמצדיק שוואַרצע געפעסן.
דער גלי קרישלט אָפּ דעם גרוי פון פאַרגעסונג.
חזנים־געזאַנג שוועבט איבער מיר רויט און צעיאָמערט, —
אַ בעל־תפילה ברענט, צוגעשמידט צו זיין עמוד.

(פון דער בימה טראָגן זיך דאָס יאָמערלעכע קול פונעם חזן)
„מאין יבוא עזרי״

פרעמדער אורח

די קלאַנגען פיבערן מיט קדושה געוויינען,
פונעם בלוט דעם פאַר׳אַש׳טן פון פאַרברענטע געביינען.
ביז יחזקאל קאָן מער דעם צער נישט פאַרטראָגן,
ווייל איבער אשיקע ביינער
ער קאָן קיין נביאה נישט זאָגן
און אויף זיי קיין הויט נישט פאַרוועבן,
און צו גאולה נישט וועקן, —
רייסט ער זיין באָרד
און הויבט צום הימל זיין שטעקן.
מיט אַ מחשבה וואָס לעסטערט
דעם רחמים פון גאָט.
טוט אַ ווינטיקער פלאַם אַ פאַרקרייזל זיין טראָט.
און בינדט אים צום ביישטידל

פון דער מקדש־געביידע.
דער קרייזל־פלאַם ווערגט זיך
מיטן געזאַנג פון אַן עדה.
צעתהילימט, צעתפילן׳ט, געפּאַלענע „כורעים״
די גאָרגלען גוססן שיר היחוד־מזמורים,
מיט פאַרלאָשענע ליכט
און פאַרלאָשענע בליקן
און „רזא דשבת״ און „במה מדליקין״
אין ביינער אין אַשן צעשאָטענע,
די אימה זינגט שירה
מיט העלדזער צעטראָטענע.

(פויזע. דער המון טוט ווי אַ ריזיקע כוואַליע אַ פלייץ פאָרויס און שלעפּט מיט זיך מיט דעם פרעמדן אורח. ער טראָגט זיך אויף זיי ווי אויף אַ ים)

ירמיהו (קומט אָן, זעט אים פונדערווייטנס, ציט אויס די הענט און רופט)
ר׳ ייד!
ר׳ קרוב!
וואַרט אַ רגעלע!
כ׳האָב איך עפּעס צו זאָגן!

(פרעמדער אורח הויבט אויף די הענט, פאָכעט מיט זיי אינדערלופט, און דער פלייצנדיקער מענטשן־שטראָם שווענקט אים אַוועק)

ס צ ע נ ע ־ א ו מ ב י י ט

(דער פריערדיקער מענטשן־המון און דערווייליקער רו. אינעם ברייטן קרייז פון המון — אַ נידעריקע, ברייטע פּלאַטפאָרמע, געשפּאַנט צו צוויי אייזעלעך. עס שטייען — אַ מאַן מיט אַ ווייב און פינף קינדער, יעדעס קינד האַלט אַ קערבעלע ביכורים. צוויי ברייטפּלייציקע יינגע־לייט אין ווייסע סורדוטן מיט גרינע גאַרטלען שטעלן זיך נעבן דער פּלאַטפאָרמע און באַטאַפּן די קערבעלעך. איינער פון די יונגעלייט ציט אַרויס פון די פאַלדן פון זיין בגד אַ בינטל הילצערנע טעוועלעך און מישט זיי איבער. זיין בליק שטעלט זיך אָפּ אויף איינעם פון די טעוועלעך)

יינגערמן (צום ייד אויף דער פּלאַטפאָרמע)
דיין נאָמען?
ייד **שתילא בן טרפון.**

יינגערמאַן (מישט שנעל איבער די טעוועלעך, ציט אַרויס איינס און לייענט אַרויס)

שתילא בן טרפון;

זיבנאונצוואַנציק גרויסע וואַג־שאַלן גערשטן־זריעה.

דריי מיט ניין זיבנטל געשיילט האַלץ צו שייער־בוי.

צוויי הונדערט זיבן און אַכציק דינאַרן אין מזומן.

צוויי מיט האַלב יאָר מיט אַ מולד ריבית —

און ריבית פון ריבית.

צווייטער יינגערמאַן (באַפּעלעריש)

עפן די קויבערס.

(דער ייד אויף דער פּלאַטפאָרמע נעמט צעבינדן די קויבערלעך)

אַ ייד

איר זייט עולה־רגל

אָדער רויבער אויף זייטיקע שאָסייען?

יינגערמאַן מיט די טעוועלעך

געם דעם דרך, ר׳ ייד!

נישט דיין באַבעס דאגה.

אַ צווייטער פונעם המון

מאַך פריי דעם דרך,

וועט ער נעמען דעם דרך.

דריטער פונעם המון

די שטינקענדיקע מיסטן אויף די וועגן

שטערן אונדז דעם צוגאַנג צום בית־מקדש.

(איינער פונעם המון כאַפּט אַ שטיין, לויפט צו און פאַרהייבט אים איבערן קאָפּ פונעם יינגנמאַן מיט די טעוועלעך)

אַ ייד **מאַך אים קאַלט היינט,**

ערב שבועות,

ווייל מאָרגן וועסטו האָבן אַן עבירה.

צווייטער

מאָרגן איז דוד המלכ׳ס יאָרצייט.

יינגערמאַן מיט די טעוועלעך

מיר זענען פּקידים פונעם חלפן אכאבארא.

(עס קלויבט זיך אַרום אַ געדיכטער קרייז מענער, פרויען און קינדער. אין דער לופט באַוועגן זיך פויסטן)

אַ ייד **שוואַרצע ווערעם אין אונדזערע פּרות.**

צווייטער ייד

זיי פֿאַרסמען אונדזערע הייליקסטע מינוטן.

פערטער ייד

גאָט וועט אונדז פֿאַרשליידערן צווישן גוים,
צוליב דער שאלקהאַפּטיקייט
פונעם בינטל גאָלד־גיריקע נבלות.

(אַ מעכטיק־מוסקולירטער, מיטליאָריקער ייד קומט צו און קוקט דראָענדיק אָן דעם ערשטן מאָנער)

מוסקולירטער מאַן

אפשר ווילסטו זיין אַ קרבן צו דיין האַרס שטיינערנע זונה.

יינגערמאַן מיט די טעוועלעך (אייפעריק, מיט פֿאַרקריצטע ציין,

צעעפנט דעם סורדוט און וויזט מיט אַ פינגער אויף דער נאַקעטער ברוסט)

הרגע מיך!

(ער בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ, און דער מוסקולירטער ייד לאָזט אַראָפּ די הענט)

פערטער ייד

זיי זענען רימענס פון אַ קאַנטשיק
אין עמיצנס אַ פויסט.

פינפטער ייד

ווען מיר קאָנען אַזוי דעם מלאך־המות אַליין
אַ כאַפּ טאָן ביים גאָרגל.

זעקסטער ייד

לאָזט מען אויס דעם כעס צו זיינע געזעלן.

(די צעצאָרנטע גייען אַוועק)

יינגערמאַן מיט די טעוועלעך (צום ייד אויף דער פּלאַטפּאָרמע)

דעק אָפּ די קויבערלעך!

(דער ייד עפנט פּאַמעלעך. די צוויי יינגעלייט שטעקן אַריין די הענט און גראבלען איבער די גרינסן און פּירות)

ערשטער יינג

נישט ווערט די טרחה.

צווייטער יינגערמאַן (צום ייד אויף דער פּלאַטפּאָרמע)

מען דאַרף פריער סילוקן די חובות פון ערדישן האַר,

און ערשט דערנאָך — דעם הימלישן.
(דער ייד אויף דער פּלאַטפאָרמע פּאַקט צוריק צענויף די קויבערלעך)

צווייטער יינגערמאַן (צום ערשטן)
פּאַרצייכן:

ערשטער יינגערמאַן (פאַרקריצט מיט אַ גריפל אין איינעם פון די טעוועלעך)
פיר יינגלעך,
איין מיידל
צווישן זעקס און צוועלף יאָר,
פּאָטער אין עלטער פון אַרום פערציק,
מיטעלער וווקס.
פולער כוח.
ווייב;
אויסזען;
שיינקייט פון דער מיטעלער מדרגה.
מיט איין פּונקט.

(די פּלאַטפאָרמע רוקט זיך סקריפּענדיק אַוועק און פאַרשווינדט אין דער מאַסן־געדיכטעניש. פּויזע.
זבדי, פּועה און תמר פאָרן זייער פאַמעלעך דורך אויף אַ נידעריקער פּלאַטפאָרמע מיט עטלעכע צענויפגעפּאַקטע קויבערס ביכורים. צוויי האַלב־נאַקעטע יינגע לייט, איינעם מיט אַ שניר־קראַנץ פון הילצערנע טעוועלעך אויפן האַלדז און אַ שווערע בייטש קרעל.ביידע באַטאַפּן די קוישן. באַטראַכטן תמרן און פּועהן, שלינגען די סלינע און לעקן זיך אַרום די פאַרטרוקנטע ליפּן. קליינע פּויזע)

ערשטער יינג (צו זבדי)
דיין נאָמען?

זבדי **זבדי בן שמוע פון ענתות.**

(דער צווייטער ציט אַראָפּ דעם שניר מיט טעוועלעך, מישט זיי איבער, אַ לענגערע ווײַלע און שטעלט אַן דעם בליק אויף איינס פון זיי. ער לייענט אַרויס מיט אַן איינטאָניקער, קאַלטער שטים)

זבדי בן שמוע פון דאָרף ענתות;
דריי מיט פיר דריטל רונד־בויגן פּרוכט־גאָרטן.
חוב — זיבן און פערציק צענטנער פּאַשע גראָז...
ניינצן מעסטלעך ווייץ, פּופּצן מיט צוויי זיבעטל לאַסט־קעמלעך,

אָראַנזשן און איילבירטן, אַכט און נײַנציק ליתרות געלייטערטן
האָניק, פינף און זיבציק צעבר׳עס וואַקס און...

ערשטער יינג (צו זבדי)

דו ליגסט מיט אויסגעצויגענע פיס, אדוני!

צווייטער יינג (באַטראַכט פועהס און תמרס פיס)

מיט אַלע זעקס פיס.

ערשטער יינג (צו זבדי)

עפן די קויבערס!

(זבדי בײַלט די רעכטע האַנט און עפנט די קויבערס. בײדע גראַבלען אין די פירות און גרינסן)

אַט אַזוי,
ווי דו שטייסט אַצינדערט —
ליגסטו... (פויזע)
פאַרצייכן:
אַ טאָכטער —
צווישן זעכצן און אַכצן.
העכער פון מיטעלער וווּקס.
מוטער — עטוואָס מער פון דרייסיק —
שיינקייט.
צען שטאַפּלען העכער פון ערשטער מדרגה.

(צווייטער פאַרצייכנט אין איינעם פון די טעוועלעך. די פלאַטפאָרמע רירט זיך פון אָרט, תמר טוט אַ שפּיי דעם ערשטן יינג אין פּנים אַרײַן)

ערשטער יינג (אָפּווישנדיק זיך דאָס פּנים)

מײַן שפּײ גייט אָפּצווּווישן.
נאָר אונדזערע אויף דיר —
אויפן גאַנצן לעבן.

(די פלאַטפאָרמע ווערט אָוועקגעטראָגן אינעם שטראָם פון מענטש־לעכן געדרענג. פונדערווייטנס זעט זיך ווי האַלב־נאַקעטע יינגען שטויסן זיך צווישן באַוועגלעכע פלאַטפאָרמעס. עפענען קויבערס און פּאַכען דראַענדיק מיט די הענט.

אויף דער בינע בלײַבן שטיין עטלעכע שיין־געפּוצטע טראַג־בײדלעך — פיר האַלב־נאַקעטע שקלאַפן בײַ יעדן בײדל. די טרעגער שטעלן אָפּ די בײדלעך און ווישן זיך מיט שוואַרצע טיכער די שוואַרץ־באַוואַקסענע פּנימער. די צוויי האַלב־נאַקעטע יינגען בלײַבן שטיין נעבן איינעם פון די בײדלעך. פון וועלכן עס רוקט זיך אַרויס דער גראָלעך־געלבלעכער קאָפּ פון אכאבארא)

אכאבארא

וואָסער גוטע נייעס ברענגט איר מיר!
לצים.
די כהנים קלויבן היינט אַ רייכן „שניט"
פון מיין פּאַרזיי, וואָס?

ערשטער יינג

גרויסער האַר.

אכאבארא (דערלאַנגט אים מיט אַ בייטש איבערן פּנים)

נאַר אָן „אקדמות", בן כלבא.
דאָס לאָז איבער פּאַר אונדז יידן אויף מאָרגן אינדערפרי.
דו רעד צו מיר מיט דעם קלינג פון דער טאָרבע, נבלה!

צווייטער יינג

דער יינגער ענתות'ער פויער זבדי וועט דיר דעקן דעם חוב,
וואָס ס'איז שמעקנדיקער פון גאָלדענע רענדלעך.

אכאבארא

לשון! לשון!
אפשר האָבן זיינע בייטן אָנגעהויבן בליען מיט נקבות?

ערשטער יינג (צו זבדי)

אַ יונג ווייב מיט אַ טאָכטער —
אויסנאַם יפיפיהות אין דער סביבה.

(פויזע. פיר האַלב־נאַקעטע שקלאַפן שטעלן אַוועק אַ טראַג־בײדל נעבן אַכאַבאַראַן. דאָס פאָרהענגל עפנט זיך און עס בייגט זיך אַרויס דער וויים־בערדיקער קאָפּ פון חיוריון)

אכאבארא (מיט אַ שמץ פון צופרידנקייט)

אַ זעלטענער גאַסט.
שלום עליכם ר' חיוריון!

חיוריון

עליכם שלום.

אכאבארא

ווי גייען די עסקים?

חיוריון

זיי ליגן.
דער גאַנצער פּאַק מיט איזלען —
צוויי און פירפיסיקע
קאָנען זיי נישט אַוועקשלעפּן פונעם פלעק.

אכאבארא

איין תרופה בלויז וועט העלפן;

חיוריון

איך ווייס —

אַ קאַפּיטל תהילים.

אכאבארא

גאָטס גייסט רוט אויף דיר.

דו דאַרפסט נאָר אויסשיכן זיך

אָנטאָן אַ סורדוט פון קעמל־האָר

און אָנהויבן שעלטן די גבירים.

חיוריון

דער קאָפּ זאָל דיר הענגען צווישן הימל און ערד.

אכאבארא

זעסט ?

ביסט שוין באַזעלט מיט הימלישן חזיון !

חיוריון

אפשר וואָלסטו דיין חשבון־גאון מיר פאַרקויפט ?

אכאבארא

אַז דיינע עסקים ליגן אַזוי אין דער אדמה,

טאָ וואָס זשע נוצט דיר אַ בעל־חשבון ?

חיוריון

וויפל דו פאַרלאַנגסט

מזומנים אָן איין שום שטר.

אכאבארא

אַלטער נאָר !

אַז פון זעקס כהנים

די האָר־געדיכטעניש פאַרמאָגן זאָל דיין באָרד

און יעדע האָר — אַן אונקיה גאָלד.

חיוריון

מען זאָגט דו קאַרגסט דעם ביסן אים אין מויל.

אכאבארא

איך ווייס, אַז דו נעמסט זיך איבער פון יידישע צרות.

און דאָס קאָן חלילה משפיע זיין

אויף דיין אַפּעטיט.

(קליינע פּויזע)

בין איך דיר מודיע,

אַז אים דווקא — פון אַלעם שענסטן און געשמאַקסטן.

חיוריון

זיינע חבורים וועלן אין אַ פּאָר יאָר אַרום

אַריינברענגען דיר טאָרבעס גאָלד.

אכאבארא

אין זיין פרייער צייט
שטערט אים קיינער נישט
אין זיינע כתבים זיך פאַרטיפן.

חיוריון

וואָס ווערסטו טוען אין זעקס יאָר אַרום.

אכאבארא

ראשית — איז ער ביי מיר נישט קיין עבד.
ער אַרבעט דען צום אַקער צוגעשפּאַנט?
שנית —
ער וועט מיר קושן די סאַנדאַלן
מיט געבעט „לא אצא חפשי".
ער איז צוגעבונדן צו דער מואביה,
וואָס ציט איר יחוס־בריוו
אַזש ביז רות.
און שיין איז זיין מיידעלע,
וואָס זי האָט אים געבוירן.
ער וועט זיך לאָזןביידע אויערן דורכלעכערן
צוליב זיי.

חיוריון

מיינע חשבון־ייִנגען
מאַכן מיר תהו ובהו,
קריכן קיינמאָל נישט פון דער פלאָנטערניש אַרויס.

אכאבארא

וואָס איז?
די ביימער האָבן אָפּגעזאָגט זיך
צו לאָזן פון זיך שניידן שטעקנס?

חיוריון

שוטה;
די סוחרים אויפן מאַרק
זענען שוין נישט די פון פאַרצייטנס —
זיי ברענגען מיט דאָקטוירים.
פון שקלאַפן מיט שטעקן־צייכנס אויף די לייבער
ווייכן זיי ווי פון מגפה.

אכאבארא

ווער הייסט דיך פאַרקויפן?
שיק זיי אַרויס אויף דער פריי
און — ווי אין פסוק שטייט —

„הענק תעניק לו מצאנך ומגרנך
ומיקבך.
כי כי כי.
(אַכאַבאַראַ פאַרקייכט זיך, זיין פּנים ווערט בלאַ)

חיוריון

דיין פּנים האָט ערשט אַנגעקליידט דאָס „פּנים" פון אַ
שקלאַפס צעשלאָגענעם הינטן.

אכאבארא

אַלטער פושע־ישׂראל —
האָסט נאָך נישט פאַרגעסן דיינע יינגלערישע קונדסעריי,

חיוריון

שטעלסט דיר פאָר:
ווען איך שטעל דיך אַזוי אַוועק אויפן מאַרק אַ נאַקעטן
אַ צעכיכיקעטן.
האָסט אַ השגה ווי קונים וואָלטן געשלאָגן אין געלט אַריין?
ווער שמועסט נאָך
ווען דו כאַפּסט אַ טענצל
לויטן ריטעם פון דער פאַכנדיקער בייטש.

אַכאַבאַראַ (עטוואָס אַנגעכמורעט)

דו הרגעסט מיר אַוועק דאָס ביסל מצב־רוח.

חיוריון

וואָס איז די מורא?
דיינע טרעגער זענען דאָך צדונים,
און זיי פאַרשטייען נישט קיין יהודיש.

אכאבארא

נאָך אַ נס —
זיי זענען חכנעה׳דיק און געדולדיק.

חיוריון

יידישע טרעגער וואָלטן פאַר ליבשאַפט
דיך אַוועקגעטראָגן גלייך אין גן־עדן אַריין —
דורכן ים־סוף.
און איך בין זיכער, אַז לכבוד דיר וואָלט משה מיטן שטעקן נישט
געשפּאָלטן דעם ים;
דיין קאָפּ איז בילכער.

אכאבארא

מילא;
זאָג — וואָס דו האָסט צו זאָגן;
אפשר וועט דאָס מיר מכפר זיין אויף מיינע עברות.

ערגער איז וואָס דער אספסוף דאָ
(ווייזט מיטן פינגער אויפֿן המון עולי־רגל)
טראָגט מיין האָב און גוטס פֿאַר די כהנים. (קליינע פּויזע)
ביסט אַ מבין וואָסערע חוב־גובים די כהנים זענען?
אָן פּקידים, אָן בייטשן און אָן בעלי־חשבון און אָן שלעגער.
אָט, ווי אַ גבורה דאָס פֿאַרמאָגט.

חיוריון

און וואָסערע ביכורים האָסטו געבראַכט
אין גאָטס הויז אַריין?

אכאבארא

מיין צעבראָכן האַרץ.
ווי אין פּסוק שטייט:
„לב נשבר ונדכא אלקים לא תבזה".

חיוריון

כ'האָב אַ משל געהערט פֿון אַ דרשן אין בית־מדרש,
וואָס איז פֿאַר דיר ווי אָנגעמאָסטן.

אכאבארא

נו מילא;
כ'ליג שוין פֿאַר דיר אָן אָנגעשמיסענער
איז — נאָך אַ פּליאַסק;

חיוריון

פּרנסה פֿון פֿאַרמיאוסעניש

די זיקנה האָט זיך אָנגערוקט אויפֿן לייב — דעם קעניג פֿון די חיות'ס לייב און לעבן.
די שררה'שאַפֿט האָט אים שוין קיין פֿרייד און נחת נישט געגעבן.
האָט ער מיט צעיאוש'טן געוואַי
געלאָזט די בערג און פּליינען הערן,
אַז ער איז גרייט פֿון זיין שליטה פּטור ווערן.
— איך פֿיל שווער די לאַסט פֿון יאָרן, און רו איך באַגער שוין.
און מיט דאַנק און מיט הכנעה, איך שענק די מאַכט אַ צווייטן הערשער.
איך פֿאָדער נישט קיין שיינקייט פּונעם ממלא־מקום און נישט קיין חניפֿה־רייד,
בלויז אַ חוש אַ זעלטענעם פֿאַר גערעכטיקייט.
ער מעג אַפֿילו אין חכמה זיין אַ ידען זייער אַ קנאַפּער.
נאָר — וואָס ווייניקער פֿאַר זיינע אינטערטאַנער פּאַכען מיט דער לאַפּע.
ער דאַרף אַ ניוך פֿון אַ שמעק־הונט, און די נישט איבערקלייבעריש־קייט פֿון אַ שאַקאַל.

ער מוז זיין גרייט אויף געהרגעט ווערן ווי אַ זעלנער, און שרייבן
קריגס־באַפעלן ווי אַ גענעראַל.
חניפה׳דיק ווי אַ קעצל און ווי אַן אָדלער אַ וויטיזיכטיקער,
אַ שטאָלצער.

און קאָנען, בשעת הדחק, די ציינער לייגן אויף דער פּאָליצע.
אי נקמה־דורשטיק, אי געדולדיק אַן עוולה שטיל פאַרשווייגן.
און אין מפלה־צייט — דעם האַלדז אונטער דער האַק אַרונטערלייגן.
סיי אין פרייד סיי אין לייד נישט שיידן זיך פון כלל.
איינס נאָר — פון די צוויי־פּיסיקע צו אים, זאָל שלאָגן צו דער גאַל.
ער — דער יורש עצר מוז זיין אי שלימזלדיק, אי געשיקט און
דרייסט.

און די אייגענע פאַרעקלטקייט פאַרוואַנדלען אין אַ מקור פון שפּייז.
און די, וואָס פילן זיך בכוח און זעען אין דער הערשאַפט אַ טיפן
און אַ הויכן זין;
זאָל זיין פּניה מיט די סגולות זיינע פאַרשרייבן אויף אַ פּערגאַמין;
אָנגעבן זיין גזע נאָמען, משפחה־שייכות, גרעב, וואָג און מאָס.
און אָפּשיקן אויף דער אַדרעס פון דער קעניגלעכער פּאָסט.
— — — — — — — — — — —

דערציילן אייך די זעלבסט־שבחים און די גוזמא־באַרימערייען
וואָלטן די בלעטער אויף די פּאַלמען מיר נישט סטייען.
און בעלי־חי איז דאָ לרוב, זאָל אין זיי נישט שולט־זיין קיין עין־הרע
און אַלע חלומען פון אַ הויכן מעמד פון אַ שררה.
דעם ערשטן בריוו שיקט דער חזירוק.
ער איז מודיע מכח דער איידלקייט וואָס ער פאַרמאָגט.
און ס׳איז וויל באַקאַנט דער עקל־יחוס פון זיין גזע.
יידן קרומען זיך פון מיר, דערפאַר זענען זיי באַשטראָפט מיט קרומע
נעזער.

און ווייבער מאַכן פליטה פון מיין איידעלן געררוך,
מיין נאָמען איז דערמאָנט אַפילו אינעם הייליקן בוך.
איז, אַ דאַנק מיין עיפּוש, ווי איר זעט,
דער שוחט פידלט נישט, און איך בין פעט.
דער צווייטער וואָס אין זיין שליטה־קראַפט איז זיכער —
איז דאָס קריכערל צווישן קריכער!
די כינה,
ס׳איז גוט באַקאַנט דער עקל און די שנאה
וואָס זי אינעם מענטשן־מין דערוועקט,
און — מען שלאָפט נאָענט צו זייער לייב אין די העמדער איינגעדעקט.
און אַ קיזשל־שטעכל אין דער הויט און מען פאַרדינט

וואַרעם זאַפטיק בלוט פון לייב וואָס רינט.
און זיי באַדינען מיך נאָך, צעקראַצן די אײדעלע הויט־געוועבן.
מען זויפט, מען איז פּאַרמיאוסט און מען מאַכט אַ פריילעך לעבן.
— — — — — — — — — — — —

אַז ס׳שרייבן גאָרנישטן: מויל־מילנערלעך פון גוזמאַדיקן שקר,
פּרוּווט אויך זיין מזל די פּלוי — דער בלוט־זויגערישער וועקער:
— ובכן — אַ פויגל פּליט, כדי זיין קליינקייט אויסצוקויפן מיט
פליגלדיקן פּאָכן
און איך — הפלוי הקטן — זוך דעם לעבנס־תכלית אין די פליגלדיקע
קנאָכן.

דאָס בלוט שורעוועט דאָרטן וואָרעמער אין האָסטיקן געלויף.
און אין באַהעפטונג מיט די פּליגל מען קאָן דערגרייכן דעם אין־סוף.
„באַוועג און רו", מיין שנוק צערייסט דעם סוד׳ס פאַרבאָרגענע
מחיצה,
און דרך־אגב — מען איז מקיים די מצווה פון מציצה.
מען דרימלט כלומרשט און מען חלומט פון עולמות עליונים,
— פאַרהוילענע נישט דאָן
איינגעדעקט אין פעדערן פון בנעימות׳דיקן האָן.
ס׳יענער „פויגל" משטיינס געזאָגט, אַ קריכערישער וויץ פון
אַ פאַרפלויגענעם זכרון.
„קאַטשקע ריר זיך", און דאָס איז דוקא גאָרנישט קיין חסרון.
איינרייסן וועלטן? אַז מען האָט בכבוד־נאָדל אַ פּרנסה הינטערן דאַך.
אַ חסרון נאָר — ער שטעקט אומעטום זיין שנאָבל מיט רוגזה
אויפגעבראַכט.

און גראָד דאָס געפעלט מיר נישט,
ס׳טייטש; איך ליג מיר „„ממעמקים" אין באַהעלטעניש,
טשעפּע קיינעם נישט, זויג מיר קיזשלדיק און לייכט.
וויאַזוי האָט דער ווייטער שנאָבל־שפּיץ צו מיר אַהערדערגרייכט
מיט צעפּלאָשעטן גע׳קריי און רציחה׳דיקן „בראָיען"?
דאָס איז: גרענעץ־איבערפאַל, גראָב יינגערישע גזלעוואָיע,
א העזה פון אַ שוטה בן פּיק.
פּיקט מיין פּאָטילניצע, שטעכט און פליקט.
זע איך אַז זיינע הינער־אויגן האָבן מיין שטילע נעסט פאַרראַטן
און כ׳האָב שוין סיי ווי נישט וואָס אָנצוווערן,
איז — זאָל ער כאַטש דעם אמת פון זיין שפלות הערן.
און זאָג אים טיף אַריין אין טאַטנס טאַטן:
— ווייבערניק! — שריי איך — ווען נישט מיין וועקנדיק שטעכנדיקער
„גלעט",

דיין פליגל וואָלט דאָך קיינמאָל נישט דערוואַכט פון הינער־פלעט.
דו קרענקסט אויף פליגל־פּאַראַליזש, טאָ וואָס נוצן דיר די צוויי
ביינערדיקע הויקערס?
אויב נישט: פאַר אַ טרינק־קוועלעכל פון אַ חכמה־דורשטיקן חוקר?
אַן אָדלער האָט מיך פאַרבעטן כ׳זאָל אין זיינע פליגל שוועבן,
איך וווין ביי דיר אויס רחמנות בלויז אויף דיין אָרעם לעבן.

— — — — — — — — — — — —

איז ווי דו זעסט, כאַטש אַ פּיצלס — אָבער אַן איבערגעשפּיצטער
שאַרפלעכער פאַרשווין.
אין דעם זכות, בעט איך, אַ רגע פאַרן טויט, פאַרזוכן דעם זיסן טעם
פון אַ קיסרלעכער קרוין.

— — — — — — — — — —

היות און נאָך אַ רגעלע און דאָס משל לאָזט זיך אויס
דערציייל איך דיר וואָס עס שרייבט די מויז:

— האָב איך מיר אַ באַלעבאָסטעלע איבער מיין פּעטן שפּייכלער,
אַ פּוכלינקע, אַ שמעקנדיקע, מיט כישופדיקע שמייכלען.
און ווי עס עקלט זי פון מיר, נאָר כ׳האָב נישט קיין פאַראיבל,
האָט זי מיר אַ הענדל אָנגעבראָטן, געקנאָבלט און באַציבלט.
אַזש פון מיין פּיסקעלע טוט רינען
שנירעלעך פון סלינע.
כ׳טו אַ קריך אַרויף אַ שטיליטשקע און באַשמעק מיר שטום,
לעק און קוש דאָס ברוינע יפיפיה׳לע אַרום.
אַ צאַרטן קיצל אונטער די פליגל־פּאַכוועלעך, און בכלל —
אַז דאָס ווייבעלע איז, אויף מיר קוקנדיק אין חלשות אומגעפאַלן.
אַ גאַנצע וואָך נעבעך אויפן באַנק־בעטל אָפּגעקרענקט
און אויס דאַנקבאַרקייט, — אינעם מיסטקאַסטן מיר דאָס האָניכל
געשענקט.

מוסר־השכל: נישט חכמה, נישט שיינקייט, גענוג צו זיין
אַן עקלדיקער, קריכער,
כדי מיט שפע און עשירות זיין באַזאָרגט און זיכער.

פ אָ ר ה אַ נ ג

צ וו יי ט   ב י ל ד

(ביי זבדי אין הויז. די פענצטער־ראַמען זענען צעקרומט און שוואַרץ
און די פאַרהענגלעך פלאַטערן מיט שמוציקע צעריסענע צויטן. די

טיר הענגט בלויז אויף דער הינטערשטער זאַוויאַסע. די שטיקלעך מעבל זענען צעררוקט אָן סדר, ביי דער שוועל — צוויי האַלב־נאַקעטע שקלאַפן מיט געשוואָלענע מטושטשע פנימער. זבדי שטייט ביי דער וואַנט, קעגנאיבער דער טיר, דאָס פנים שטויביק־גראָ, די הענט ביילן זיך אין אוממעכטיקן צאָרן. פון זיינע ביידע זייטן שטייען פועה און תמר. אויף אַ קליינעם מרחק פון זיי שטייען צוויי ווייס־געקליידטע יינגעלייט, איינער פון זיי קריצט עפּעס מיט אַ גריפעל אין אַ טעוועלע. אַ דיקלעכער, עלטערער מאַן האַלט אַ שוואַרצן רינג פון באַנד־אייזן און קוקט פון הינטער דער פּלייצע אַריין אין דעם יינגערמאַנס טעַ־וועלע. ער גייט צו צו זבדי און וואַרפט די רינג אים אַרויף אויפן האַלדז. תמר און פועה נעמען זיך מיט אים ראַנגלען. די צוויי האַלב־נאַקעטע שקלאַפן לויפן צו, רייסן אָפּ די צוויי פרויען און שליידערן זיי ברוטאַל אָפּ. זיי כאַפּן אָן זבדין ביי די הענט און פירן אים אַרויס. די פרויען יאָמערן און רייסן זיך די האָר פון די קעפּ. פועה כאַפּט אַ מעסער און לויפט צו צום עקזעקוטאָר. די צוויי יינגעלייט רייסן איר אַרויס דאָס מעסער פון האַנט און שליידערן זי אָפּ)

פועה (אַ העשענדיקע, וואַרפט פון זיך אַראָפּ די שיך, רייסט אײַן בייַם האַלדז דעם זוים פון איר קלייד, פּליסטערט)
ברוך דיין אמת.

ס צ ע נ ע ־ א ו מ ב ײ ט

(אינדרויסן פאַרן אַריינגאַנג אין זבדיס הויז. עטלעכע פרויען רייסן זיך און ווילן אַריינגיין. צוויי האַלב־נאַקעטע שקלאַפן מיט סטעקיקע שטעקנס טרייבן זיי אָפּ)

אַ פרוי
לאָזט מיך:
איך וויל זיך געזעגענען מיט מיין קרוב.

אַ שקלאַף
רוק זיך אָפּ אויף הינטערווילעכץ, וויב.
אויב ווילסט נישט פאַרלירן ס׳אינטער־קלייד.

(אַנגעלויף פון מענטשן).

אַ ייד **גאָטס קללה וועט פאַלן אויף אייך**
פאַר פייניקן א ייד.

אַ שטים
מטורפ׳דיקע הינט:

א שקלאַף
מער האָסטו שוין נישט?
שמוציקער יהוד.

(אַ יידישער מוסקולירטער ייִנגערמאַן דערלאַנגט דעם שקלאַף מיט אַ פויסט אין פּנים אַריין)

אַ שטים
זיי באַנוצן זיך מיט אונדזערע שונאים
פאַר דער פינצטערער מלאכה.

אַ ייִד זיי פאַרצייכענען שוין אין די פּנקסים
אונדזערע ניי־געבוירענע —
זייערע מאָרגנדיקע קנעכט.

אַ ייִנגערמאַן (פון המון)
הונדערט מעסטלעך ליבשאַפט
און הונדערט מעסטלעך מיאוסקייט
האָט אַראָפּגעניִדערט אויף דער וועלט.
נאָר די מעסטלעך, אויף חלקים גלייכע,
נישט פאַרטיילט.
משמעות, אַז סמוזן זיין צווישן אונדז
יחידים מיט גרויסע נשמות.
אַלס קעגן־משקל צו דער קרעציקער אומווירדיקייט.

(דער געדראַנג אַרום דעם געפאַנגענעם זבדי ווערט געדיכטער. די שקלאַפן־שומרים שלאָגן מיט די שטעקנס רעכטס און לינקס. אַ כנופיה שקלאַפן מיט שטעקנס לויפן אָן צוהילף די שומרים. זיי מאַכן פריי דעם וועג פאַרן געפאַנגענעם)

סצענע־אומבייט

(אינעווייניק אין זבדים הויז. פּועה ליגט מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ אויף אַ באַנק־בעטל, איר פּנים איז פינצטער, תמר נעצט איין איר פּנים מיט קאַלטע טיכלעך)

פּועה טו מיר אויס די שיך, מיין טאָכטער,
מיר זענען געוואָרן יתומות. (תמר ציט איר אַראָפּ די שיך)

פּועה די קללה האָט זיך צוגעקלעפּט צו אונדזער הויז
און וועט אונדז נישט אָפּלאָזן;
דאָס איז ערשט אַן אָנהויב.

תמר יוף נישט אַרויס די פינצטערע כוחות, מאַמע.

פועה ווי האָבן איך אונדזער הויז
זיך איינגעסטיקט שוין —
נאָך איידער איך האָב זיי דערמאָנט.

(אין דער טיר באַווייזט זיך תמרס חברטע אסנת, זי טוט אויס די שיך און גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צום באַנק־בעטל. אַן אַלטע, געהויקערטע פרוי מיט אַ שטעקן אין האַנט קומט אַריין, קוקט זיך אַרום און גייט שווער צו צום באַנק־בעטל. זי קניט אַנידער און בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ. אַ קליין מיידעלע מיט אַ פינגערל אין מויל קומט אַריין, זעצט זיך נעבן דער זקנה. זי טוט אויס די שיכעלך. חלקיה מיט נאָך צוויי יידן קומען אַריין, קוקן זיך אַרום. איינער פון זיי האַלט אַ שווער טאָרבעלע מטבעות. פויזע)

א פאַרהוילענע שטים

הערט אויס די רייד, קינדער פון יעקובס הויז,
און מיט מיין וואָרט צו אַלע שבטים פון יהודה איילט,
דער מדבר פון אייערע הערצער שרייט אַרויס:
אומה מיינע — פון וועלט־המונים און לשונות אויסדערוויילט.
מער איז מיין רחמים שוין מיט אייך זיך נישט מתיחד,
אין אייערע בלוטן כ׳וועל פאַנאַנדערפלאַקערן מיין פחד,
מיין ווילן טרייבט דעם שטורעם און צוימט דעם ים,
גאָר אומגעצוימט כ׳וועל אַריינשורעווען אין אייערע קידוש־בעכערס — סם.
אייערע אויערן זענען טויב פאַר מיינע וואָרנדיקע רייד,
איר שפּעט פון מיין אָנזאָגנדיקער שטראָף.
וועל איך אויף אייך שיקן מיינע מלאכים פון אומדערבאַרעמקייט.
מיט אייער שמיד־רינג אויף מיינס אַ קינד אַן אומשולדיקן.
איר וואַרפט אויף זיך אַליין אַ קייט אַרויף.
עס נעמט אַ סוף צו מיין שווייגן דעם געדולדיקן.
איר פאַרדאַרבט אין גאָרטן מיינעם די בליענדיקע צווייגן,
און איר זאָגט — גאָט וועט די עוולות פאַטערלעך פאַרשווייגן.
אייערע געוויסנס זענען ווי מתים אין די קברים איינגעשטילט,
און אייערע נשמות זענען אין פעטס, ווי אין פוך־בעטגעוואַנטן, איינגעהילט.

איר פאַרוואַנדלט מיין שלווה׳דיקע ערד אין אַ תהום,
צו מיינע הימלען גרייכן אייערע זינד־רויכן פון טליענדיקן סדום,
אויף יעדן מענטשלעכן געוויין — איר ענטפערט מיט חוזקדיקן לאַכן.
איר טרעט אויף צאַפּלדיקע לייבער פון אומבאַהאָלפענע און שוואַכע.
געגוג מיט מיין רחמנות, און מיט די געפייניקטע זיך צו רייצן.

ווי אַ לאַווינע וועט מײַן צאָרן אײַך פאַרפּלייצן. (פּויזע)

חלקיהו (טראַציק)

איז זבדיס הויז נאָך נישט אויסגעלייטערט
פֿון דײַן צאָרניקן געברויז?
איז זייער צער נאָך ווייניק דיר??
אמער — שיק דײַן קללה אויפֿן רשע׳ס הויז,
שטאָט אויף די געצעלטן פֿון די געפּייניקטע.

אַ ייד

פֿון דאָרט וועלן „אים" די צידונער שקלאַפֿן
מיט שטעקנס און זידלערייען פֿאַרטרײַבן פֿון דער שוועל.

צווייטער ייד

דאָרט ווי הערצער און נשמות זענען אָפֿן;
קומט „ער" אַהין וואָרענען און צאָרנען
און שטראָפֿן.

אסנת

ער האָט באַשטימט אַ סכום יסורים פֿאַר דער וועלט,
און געשיקט מלאכים צוויי,
אויף פֿאַנאַנדערטיילן זיי.
און ווײַל דער נפֿח איז פֿאַר זיי צו גרויס;
און דרוקט מיט זײַן שווער געוויכט —
טוען זיי אַ וואָרף אַראָפּ דאָס אויף אײַן הויז
און פּטרן אַ לאַסט פֿון זיך.

(פּויזע. עס שפּרייזן רעש אַרײַן די צוויי ווייס־געקליידעטע ייִנגע־לײַט, דער עקזעקוטאָר און די עטלעכע האַלב־נאַקעטע שקלאַפֿן)

עקזעקוטאָר (שטרענג)

וואָס טוט איר דאָ אין אונדזער הויז?
אַ ייד אייער הויז?

ייִנגערמאַן

אונדזער אַכאַבאַראַס הויז.

דער עקזעקוטאָר ווײַזט מיט דער האַנט. צוויי שלעגער־ייִנגען כאַפּן פּועהן אונטער די הענט און רײַסן זי אַוועק פֿונעם באַנק־בעטל. פּועה רײַסט זיך העפטיק. אסנת און תמר שלאָגן די שקלאַפֿן. דאָס חדר ווערט פֿול מיט געשריי און גראַנגל)

פּועה (ראַנגלענדיק זיך)

רירט מיך נישט אָן!
איך בין אַ כוהנס אַ טאָכטער!

(דער פריער געקומענער ייד מיט חלקיהו דערלאַנגט דעם עקזעקוטאָ־
דאָס טאַרבעלע געלט)

עקזעקוטאָר (וועגנדיק דאָס טאָרבעלע אין דער האַנט)

וואָס איז דאָס —
שוחד ?

(איינער פון די יינגעלייט ציטירט מיט שנאהדיקן שפּאָט)

כי השוחד יעור פקחים ויסלף דברי צדיקים.

חלקיהו

פדיון שבוים.

(עקזעקוטאָר גיט איבער דאָס טאָרבעלע דעם יינגנמאַן מיטן שנירל ברעטלעך אויפן נאַקן)

עקזעקוטאָר

צייל איבער און באַרעכן ;

(דער יינגערמאַן זעצט זיך צום טיש און שיט אַרויס די מטבעות. ער ציילט און פאַרקריצט מיטן גריפעל אין אַ טעוועלע. ער חשבנט אין דער לופט און ציילט אויף די פינגער אַ לענגערער ווייל. עקזע־קוטאָר קוקט זיך צו פון הינטן דעם יינגנמאַנס פּלייצע)

דער חשבונ'ער

ר' ייד,
דו טרייבסט לצנות,

(עקזעקוטאָר ציט אַרויס פון די פאַלדן פון טוניק אַ גריפעל און אַ ווייסע פּערגאַמין־ראָל, נעמט אַראָפּ דאָס שנירל און זעצט זיך צום טיש, קוקט אַריין אינעם ברעטעלע פונעם יינגנמאַן, פאַרקריצט עפּעס, באַוועגט מיט די פינגער און קנייטשט מיטן שטערן)

עקזעקוטאָר (לייענט אַרויס פונעם פּערגאַמין)

דריי טויזנט שקלים מיט פינף זעקסטל,
זיבן מיט אַ האַלבן ריבית.
פינפאונדרייסיק צענטנער געשטן.
פינפאונאַכציק סטויגן פּאַשע־גראָז.
זיבנאונפערציק מעסטלעך איילבירטן.
ריבית פאַר פינף מיט דריי פערטל יאָר,
מיט אַ האַלבן חודש
וויניקער צוויי און אַ האַלבן מעת־לעת
לוה : זבדי, אַ משכיל,

פיר און דרייסיק יאָר אַלט.
פועה: זיין ווייב.
איינאונדרייסיק יאָר.
שיינקייט, זעכציק שטופן העכער
פון ערשטער מדרגה.
זיבנהונדערט שקלים און צוויי הונדערט זיבן און זעכציק דרכמונים
תמר — איבער זעכצן.
אין אָנהייב פון ווייבלעכן פונאַנדערבלי.
און... (מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג)
גענומען זאָל ווערן!

(עקזעקוטאָר נעמט צונויף דאָס געלט אינעם טאָרבעלע. פאַרשטעקט עס אין די פאַלדן פון זיין בגד. די שקלאַפן כאַפן פועה פאַר די הענט און פירן זי אַרויס)

תמר (רייסט זיך צו דער מוטער מיט געשריי)
מאַמע!

(דער חשבונער מיט די טעוועלעך האַלט זי איין, פאַרשטעלט איר דאָס מויל. אַ שקלאַף וואַרפט זי אַנידער אויפן באַנק־בעטל. אסנת נעמט זי אַרום. די צוואַנג־משרתים גייען אַרויס. ווען דער עקזעקוטאָר גייט אַרויף אויף דער שוועל און די טיר פאַלט אויף אים, כאַפט ער זיך ביים אַקסל, שקלאַפן גלייכן אויס די טיר).

דער חשבונ׳ער (צו תמרן)
וויין נישט, טאָכטערשי.
מען וועט אין דיר אויך נישט פאַרגעסן.

(אַ ייד פון די פריער געקומענע מיט חלקיהון, כאָרכלענדיק, ווייזט מיט אַ פינגער אויפן גאָרגל. ער הייבט אויף די הענט און פאַלט אַנידער אויפן דיל)

עקזעקוטאָר (קומט צוריק מיט צוויי שקלאַפן, שטעלט זיך באַפעלעריש אינמיטן חדר)
אַרויס!
אַרויס!
אַלע אַרויס!

(די שקלאַפן טרייבן אַרויס אַלע פונעם חדר. תמר בלייבט אַליין.

פון דער דרויסנדיקער זייט טיר הערט זיך אַ קלינגענדיקער גע־קלימפער פון אייזן־פרענטן און אַ קריצעריי פון אַ זשאַווערדיק

שלאָס. תמר שטעלט זיך ביי דער וואַנט. קוקט מיט צעדולטע אויגן אויפֿן אויסגעליידיקטן צימער. אין חלל צעטראָגט זיך אַן אומהיימלעכער גערויש און אַ רוי, צעריסן געלעכטער)

אומריינער גייסט
ביז אַ רגע פֿריער
האָט גאָט געוועלטיקט אינעם הויז.
איצט — רעדט דער שדים־כח אַרויס.

צווייטער אומריינער גייסט
אַ נבלה צעניפגעזיווגט מיט אַ זינד,
און — מזל־טוב
אַ שדיש קינד.

שדים־כאָר
אַ שכרות־טרונק פֿאַר אונדז:
מענטשן־שאַנד און פֿייניקונג
מיר דערווערגן אייך מיט אונדזער סרחון־דונסט.
מירן דאָ אַלע ריינקייטן
אָפּריניקן.

אומריינער גייסט
וואַקסט אַ שדל,
רייף און צייטיק ווערט ער.
זוכט ער זיך אַ שדית —
אַ יונגינקע באַשערטע.
פֿאַרפֿלעכטן זיי זיך און האַלדזן זיך
ביז פֿאַרלירונג פֿון די חושים,
פֿרוכפּערן זיך שדימלעך
אָנצוקוקן אויף חדושים.
ויהי...
און ס׳וועלן מענטשן־קינדער
מיט צעטומלטע געוואַלדן
פֿאַרן שדים־אָנגעפּלייץ
אין כף־הקלע זיך באַהאַלטן.
וועלן מיר זיי פֿאַנגען
און אויף שפּיזן בראָטן,
און אויפֿברענגען זיי —
פֿייער־אָפּפֿער פֿאַרן שטן,
ווען די סמאַלינע אים שמעקן,
וועט ער הויך זיך צעלאַכן.

וועט ער די מאַרך־ביינדעלעך אָפּלעקן
און אַ טובל אינעם רויטן טייך
און איבער זיך אַ ברכה מאַכן.
ברוך אתה המרצח
און לויבן זיינע שדים־יינגען.

תמר די „נישט ריינע" זענען אין אונדזער הויז אַריינגעדרונגען.

אומריינער גייסט
פּאַרקערט:
מיר האָבן נאָך פאַר ששת ימי בראשית
אַרומגעהוליעט אינעם חלל.
אַפּילו פריער נאָך פון גאָט אַליין.
ווי ליכטיק איז אונדז געווען די פינצטערניש,
זענט איר געקומען
און די שליטה אונדז צעשטערט.
אַז מיר האָבן צוזאַמענשרימפּן זיך געמוזט.
און... נישטאָ פאַר דיר קיין וועג.
וועסט אינערגעץ נישט אַוועק
פון אונדזער אַרומגעשלאָסענעם רשות.

(תמר פאַרוואַרפט אַ שוואַרץ טוך אויפן קאָפּ, לויפט צו דער טיר און נעמט העפּטיק קלאַפּן. פון יענער זייט דערטראָגט זיך אייזערנער געקלימפּער. עס לויפן אַריין די פריערדיקע חוב־מאַנער און די שקלאַפן. דער עקזעקוטאָר קוקט אויף דער צעשראָקענער תמר, דער גאַרגל־קנאַפּ לויפט אים העפּטיק ארויף און אַראָפּ. ער טוט אַ האַס־טיקן באַוועג מיט אַ פינגער אין איר ריכטונג. צוויי שקלאַפן שטעלן זיך איןביידע זייטן און כאַפּן תמרן הינטער די הענט. עס הערט זיך אַ דומפּער געדויש פון יענער זייט טיר, און אַ געקלאַנג פון אייזן־פרענטן. עס פראַלן אַריין אין שוונג: ירמיהו און דער פרעמד־דער אורח. דער לעצטער וואַרפט זיך מיט אַ לאַנג זשאַווערדיק מעסער אויף די צוויי שקלאַפן פון תמרס ביידע זייטן)

עקזעקוטאָר (צו ירמיהו, מיט געפּעלשטער מוטיקייט)
פונוואַנען דערנעמסטו זיך אַהער?
געמאַכט פּליטה פון קעניגלעכן וואַך־הויף,
עוכר ישראל!

(פרעמדער אורח פאַכעט מיטן מעסער און צעקאַליעטשעט די שקלאַפן און די צוואַנג־משרתים)

ירמיהו (שפייט און פּאַטשט אין פּנים דעם עקזעקוטאָר. רעדט צום פרעמדן אורח)

נאָר נישט הרגענען, ר׳ ייד.

פרעמדער אורח (נישט איבעררייסנדיק מיטן מעסער דאָס געשלעג)

זיי זענען דאָ געקומען מקיים זיין די מצווה פון „שילוח־הקן״

(דאָס געשלעג גייט אָן. תמר קוקט זיך אַ דערשראָקענע צו)

ירמיהו (אינעם צעהיצטן געראַנגל)

געדענקט דעם „לא תרצח״

פרעמדער אורח

איך קום גראָד פון דאָרט

פון אַרום די יאָרן תרצ״ח...

די סבלנות האָט געהויערט אויפן לאַנגן מעסער

און די מדינות־קברים פול געמאַכט.

(די צוואַנג־ייִנגען וואַלגערן זיך אויפן דיל פאַרבלוטיקטע פונעם געראַנגל. פויזע)

ירמיהו (באַטראַכט די ליגנדיקע)

איך בין געשיקט

די שלעכטע מענטשן צום גוטן אומצוקערן.

און אויב וועט איינער דאָ

פון מיר געהרגעט ווערן,

וועל איך זיין נישט גאָטס —

נאָר דער שליח פון מלאך המות.

פרעמדער אורח

פאַר פייניקן אַ ייד

האָט משה דערהרגעט אַ מצרי.

דערפאַר האָט אים גאָט פאַר זיין נביא אויסגעקליבן.

ירמיהו

ער איז קיין ייד נאָך דעמלט נישט געווען

נאָר אַ יוצא ונכנס אין פרעה׳ס טריפה׳נעם פּאַלעי —

פאַר קבלת התורה.

(עס רייסן זיך אַריין עטלעכע האַלב־נאַקעטע שקלאַפן, וואַרפן זיך אויף ירמיהו און אויפן פרעמדן אורח)

ירמיהו (אָפּוואַרפנדיק פון זיך די שקלאַפן)

פאַר רציחה וועט דער אויבערשטער אין גלות אונדז פאַרטרייבן.

פרעמדער אורח (אין געראַנגל)

אויס גלות!

מען וויינט שוין נישט מער דיין „איכה״ אין די בתי־כנסת.

ירמיהו

איך פֿאַרשטיי דיך נישט ר׳ ייד.

פרעמדער אורח (ציט תמרן ביי אַ האַנט, שטויסט זי האַסטיק צו צו ירמיהו און שליסט זיי באַפעלעריש צענויף די הענט)

אַרויס מיט איר!

זיי צום צווייטן מאָל זי מציל פון שלאַנגען־גיפט.

(ירמיהו און תמר ווערן ווי צעשוומען אינדערלופט. עס רייסט זיך אַריין אַ פאַרשטאַרקונג: איינער פון די אָנגעקומענע האַלט טעלעכיו אייזערנע שלאָס־רינגען. זיי וואַרפן זיך צעיושעטע אויפן פרעמדן אורח. ער פאַכעט איבער זיי מיטן פאַרזשאַווערטן מעסער. איינער וואַרפט אויף זיינע הענט אַרויף אַ שלאָס־רינג)

אַ שקלאַף

מיר ווען דיך אַנלערנען

וויאַזוי מורד זיין אַנטקעגן מושלים.

(פרעמדער אורח גיט אַ טרייסל מיטן קערפער. דער צעריסענער איבער־מאַנטל פאַלט פון אים אַראָפּ דער געלער מגן־דוד אויף זיין ברוסט צעפלאַקערט זיך מיט אַ העליש פייער. ער בויגט צו דעם רינג־שלאָס פון די הענט צום פלאַם. דאָס אייזן צינדט זיך אָן. ער נעמט מיטן ברענענדיקן אייזן שלאָגן די באַצווינגער איבער די קעפּ און לייבער, צינדט אָן אַלע פיר זייטן פונעם הויז. אַ צעיר־שעטער פלאַם פאַרשפרייט זיך פון אַלע זייטן. דער אורח ווערט נעלם. עס הערן זיך פאַרצווייפלטע הילפס־רופן פון די פאַרוווג־דעטע. פונעם געשריי און געכאַרכל שיילט זיך אויס אַ שדים־געלעכטער און געזאַנג)

אַ שד און אַז אונדזער הויז — אַ שד־מלינה

אין פייער־פליגל איינגעשפּאַנט,

ווען מיר די גאַנצע יידן־מדינה

אוועקשיקן מיט דער בראַנד.

שדים־כאָר

ווען מיר די גאַנצע יהוד־מדינה

שיקן מיטן בראַנד.

צווייטער שד

און וואָס וועט זיין

אַז זייער געזאַלבטער וועט קומען?

שדים־כאָר

באַשירעמט זאָל מען ווערן.

עס וועלן ווערן אויסגעטריקנט
אַלע קוואַלן בלוט און טרערן.

דריטער שד

און אַז קומען וועט דער אשמדי?

שדים־כאָר

וועלן מיר הוליען פראַנק און פריי,
שעכט און צינד
און גרויל־געשרייען
און תליה־שנורן
און די טרערעלעך פאַרזייען
און מיט די גופימלעך —
די וועגן אויסברוקירן.

אַ שד

וועלן מיר צווינגען אַלטע לייט
מיט טויט־שטאָלן איבער קאָרק
צוצושפּילן אויף אַ פליים,
און טאַנצן אויפן מתים־וואָרג.

צווייטער שד

אַ קינדער לייב — אַ פרעס.
אַ קרוג מיט בלוט אַ זויף —
פאַרלייכטערן דאָס קייען. (פויזע)

אַ שד (צעטומלט, מיט געקוויטש)

נשמות גייען!
אַנטלויפט!

פ אָ ר ה אַ נ ג

צ ו ו י ש נ ש פּ י ל

אַ נשמה

אין טויטן־קאַמער איינגעפּרעסט
וועלן מיר וואַרטן אויף אַ נס,
און נאָך רחמנות בענקען,
וועט „ער" מילד די זינד אונדז שענקען.
און פון זיין צאָרן אונדז אָפּוואַשן
מיט אונדזער בלוט — פאַרגרויטע אַשן.

אַ גייסט

וועט משיח צו תחית־המתים וועקן
וועט ער זיך צום טויט דערשרעקן,

און ווי אַ פערד־יונג שעלטן גראָב,
און ס׳האַרץ צעשפּאָלטן ווי אַ טאָפּ.

גייסטער־כאָר

און ווי אַ פערד־יונג שעלטן גראָב,
און זיין האַרץ צעשפּאָלטן ווי אַ טאָפּ.

אַ גייסט

וועט גאָט דעם וויסטן בראָך באַנעמען
— מיט וועמען צום טיש צו גיין, מיט וועמען?
וועט ער אַ פאָלק פון ס׳ניי זיך קלויבן,
פון די, וואָס שעכטן, שענדן, רויבן,
ביים שרפה־ליכט פון די געוויינען.
ער וועט זיי די עשרת־הדברות לייענען.
וועט אַ לץ מיט פלינקע הענט
באַווייזן קונצן מיט אַ קינד וואָס ברענט,
וועט דאָס פּעבל חיהש וואָיען:
אור לגוים, אור לגוים!...
וועלן זיי אין זיינע לוחות שפּייען
און „זשיד־פּאַרכאַטי" אויף אים שרייען.

כאָר פון נשמות

בענטש־ליכט־פלעמלעך אַזאַ סך,
פון סיני־פלאַם ביז נאָך תרצ״ח.

אַ נשמה

פאַרגיב באַשעפער,
דער איבער ברידער־קברים וואַכט.
ס׳האָט דיין פלאַם אונדז בלינד געמאַכט.

בת־קול

ס׳האָט נאָך קיינער, מיר זיין ווילן
נישט באַפוילן.
מיין טואנג איז פון יעדן רעיון
פאַרבאָרגן און פאַרהוילן.
געפעלט אייך נישט,
איז, קאָנט איר מיט אַ שטיין־געץ מיך פאַרראַטן
און פון מיין אַלמאַכט וואַנדערן.
זוכט אייך, געפונט א טאַטן —
אַ באַשעפער זיך אַן אַנדערן.

אַ נשמה

מיר האָבן דיך טריי געדינט ביים לעבן
איז, באַהעל איצט אונדז מיט דיין רחמים־שיין.

בת־קול

וואָס קאָן איך אייך שוין איצטער, קינדער מיינע, געבן?
אַחוץ מיין נישט דערהערטן געוויין.
און מיין, מיט וועלטן אויסגעפילטער איינזאַמקייט.

אַ נשמה

אוי, איז היימלעך אונדז געווען אַזוי
מיט דיין הייליקייט,
איז דיין קיום פאַרכטיקער
געווען פאַר אונדז אַ צירונג,
אין יעדן בלעטל־שאָרך — מיר האָבן אָפּגעפּילט
דיין באַפליגלטע וויברירונג.
און דיין ליכטיקייט
אין יעדן טראָפּן טוי.
דיין שטילקייט האָבן מיר
אין יעדן באַוועג פון אַ גרעזעלע געהערט.
מיר האָבן אין דיר זיך אָנגעשפּיגלט,
אין דעם רויט פון דער שעכטנדיקער שווערד.
ווען מיר האָבן כאַרכלדיק שמע־ישראל געררופן —
האָט דיין שטראַליקייט געצערטלט,
באַהויכט אונדזערע קילנדיקע גופים.

פּ אָ ר ה אַ נ ג

זעקסטער אַקט

ע ר ש ט ב י ל ד

(אַ פייערלעכע מאַלצייט אינעם פּאַלאַץ פון אַכאַבאַראַ. רייך גע־קליידטע מענער און פרויען זיצן ביי רייך סערווירטע טישן, באַשטעלט מיט כל־מיני פּרוכטן, פליישן און בייכיקע קרוגן ווין. פונעם סופיט הענגען אַראָפּ קרישטאָל־קאַנדעלאַבּרעס, אָנגעצונדענע מיט בוימל־קנויטן. די פנימער פון די פרויען זענען געשמירט און געפאַרבט מיט איבערגעטריבנקייט. באַהאַנגענע מיט גרויסע גאָלדענע האַלדז, אויער, און פינגער־רינגען. אין די האָר — גרויסע בורשטינענע קעם און גרויסע זילבערנע פיליגראַן־פּלעטלעך, גראַווירט מיט פאַרשידענע חיות און געפליגל. די פיס און די שיך זענען באַשטעקט מיט גרויסע גאָלדענע רינגען און באַצירונגען, ביי יעדן באַוועג פון אַ פוס, קלינגט. די קלאַנגען גיסן זיך צונויף אין אַן אויסטערליש געקלימפּער. די סאַרווער טראָגן צו די ווײַנען און מאכלים, טאַנצנדיק לויט דעם כּאַאָטישן ריטעם פון די קלינגענדיקע פרויען־פיס. די מענער טרינקען פון די גראָבע קרוגן. פּאַקן אָן די מיילער מיט גראָבע פּענעצן פליישׁ. דרייען זיך נערוועז און מאַכן אַ רעש מיט די ריטשנדיקע בענקלעך)

אַ פרוי (צו איר שכנה, לינקס)
דיין באַל־סערדאַק איז וווּנדערלעך.

שכנה
באַצאָלט דערפאַר אַ וווּנדערלעכן פּרייז.
די סוחרים פון תרשיש זענען הויט־שינדער.

פרוי **אָבער ס׳איז דאָ פון וועמען...**

שכנה **וואָס?**

פרוי **כ׳מיין, אַז פאַר אַזאַ וווּנדערלעך בגד**
איז קיין שום פּרייז נישט טייער.

שכנה **שייך נישט צו טייער?**
צוויי יינגע שוואַרצע שקלאַפן
איין מיטל־יאָריקן פּותר־חלומות.
און פינף איזלען.

אַ מאַן **אַ מציאה!**
כדאי געווען מיט אַ זעקסטן אייזל.
פאַר דער שיינער סחורה...

אַ פרוי (ביי אַ צווייטן טיש, צו איר שכנטע ביי דער רעכטער האַנט)
וווּ האָסטו געקויפט דעם פּרעכטיקן נאָז־רינג, שכנה?
דו זעסט אויס דערין ווי אַ בליענדיקע פּריסטערין
פון אונדזער הייליקער עשתורת.
שכנה כ׳האָב קוים די גאַס זיך דורכגעשלאָגן מיט מיין לעקטיקע.
די גאַנצע גאַס האָט מיך באַלאַגערט
און שיר צעזעצט געוואָרן פון פאַרגאַפונג.
אַ מאַן (אין אויער פון אַ פרוי)
„נזם זהב באַף חזיר״.
פרוי (צום מאַן)
זיי ממשיך דעם צווייטן משפט;
אשה יפה וסרת טעם.
אַ מאַן (אין שכנות)
אַ שיינער פרוי איז מען מוחל
איר פאַרקריפּלטן געשמאַק.
נאָר קוק זיך צו איר צו.
צווייטער מאַן
פאָלג מיך, דורי
קוק אויף איר,
ווּעסטו איינשפּאָרן אונדזער גאַסט־געבער
אַ זייטל פלייש מיט ווין אַ קרוג...

(די אַכילה און ווין־זויפעריי גייט אָן. יונגע, האַלב־נאַקעטע סערווי־
רער, יונגען און מיידלעך, דערלאַנגען צו די טישן גרויסע הילצערנע
טאַצן פרוכטן, פלייש און געטראַנקען)

אַן עלטערע פרוי
זאָל מען שוין עפּעס זען
זאָל מען עפּעס הערן.
אַ שיכורער יינגערמאַן (מיט אַ בעכער ווין ביים מויל)
מען קאָן פון לאַנגווייל דאָ
געהרגעט ווערן.
צווייטער יינגערמאַן (צו דער עלטערער פרוי)
—ווילסט עפּעס זען?
קאָנסט דערווייל כאַפּן אַ פאַרוויל
מיט אָט דעם ברוינעם פּריסטער.

(ווייזט מיט אַ פינגער אויף אַ גרויסן געבראָטענעם קעלבערנעם קאָפּ
אויף אַ רונדער טאַץ)
ווּעסט כ׳לעבן זייער נהנה־זיין.

ער איז אַ געבראָטענער חברה־מאַן,
פּעט ווי אַ חזיר,
און קאָן האַלטן אַ סוד ווי אַ פיש.

פרוי נאָר איין חסרון;
זיין נאָענטער פריינד שטערט מיר
מיט זיין שנאַפּלדיקער ברומעריי.
(ביי דעם זעלבן טיש, אָפּגערוקט אויף אַ מרחק פון אַ צען מאַן)

אַ מיטליאָריקער מאַן
ווי זעען אויס די פּרייזן אויפן מאַרק?

שכן אַ טויט געשעפט
די לעבעדיקע סחורה.

צווייטער מאַן
ס'וואָלט כדאי געווען
צונויפצושטעלן אַ קאַראַוואַן
ביז פינף און דרייסיק יאָר
קיין צור.

דריטער מאַן (פון דער קעגנאיבערדיקער זייט)
אַמבעסטן קיין מצרים.

פערטער מאַן
מצרים?
זי האָט שוין אַמאָל געהאַט אַן עסק מיט יידישע עבדים.
און געהאַט זיך צו קראַצן.

פינפטער
נישט פון די עבדים;
דאָס האָט משה אָנגעמאַכט דעם גאַנצן פּאַרד.

ערשטער
ער איז דווקא געשטראָפט געוואָרן דערפאַר.
נישט זוכה געווען אַריינצוגיין אין לאַנד.

צווייטער מאַן
אוי, האָט ער אַ טובה אונדז געטאָן דערמיט.

ערשטער
וואָסער טובה?

צווייטער מאַן
ער וואָלט די „זעקסטע מתנה" פון מצרים
צוגעקלעפּט אויף אונדזערע קעפּ.

פערטער מאַן
פיינט געהאַט אונדזער מעמד.

פונקט ווי יעדער קבצן באָרוועסער
פון די, וואָס ווימלען אַרום אונדז.

ערשטער

אַ נישט געניטער סוחר געווען, משה.
אַזאַ טייערן פּרייז באַצאָלט;
אַ טאָרבע „דצ״ך עד״ש בעכ״ב.
און די סחורה;
נישט גע־„מין״־ט
נישט געקליבן?
בלינדע, שטימע אַלטע לייט
און משוגעים —
פּעקלווייז.
אַ ייד און דער שוטה פּרעה האָט זיך נאָך געדונגען

דריטער

מיר האָבן געדאַרפט איינפירן
נאָר אַ יום־טוב טאָג מיט אַ סדר.

פערטער מאַן

לכבוד וואָס?

דריטער

לכבוד דעם נס, וואָס משה איז נישט אַריין אין לאַנד.

ערשטער

ס׳וואָלט געווען כדאי צו לאַכן
ווען דער מסחר וואָלט נישט געווען
אַזוי צרהדיק.

זעקסטער

אַן אַנגעלויף
פון תחפנס, רבת־עמון און דמשק, און חרטום
זיי רייסן זיך אַהער, מגייר־זיין
און ווערן פרום.
אונדזער דת אסרט צו פייניקן אַ קנעכט.

זיבנטער

און נאָך זעקס יאָר גייט ער פריי.

אַן עלטערע פרוי

אַ גן־עדן פאַר די לייז־יונגען.
אין דער מדינה פון יהודה.

צווייטע פרוי

אין די שכנים־לענדער
זינגען פּריסטער לויב געזאַנגען

פאַר אונדזער ס׳גאל.
און ביי אונדז ?

דריטע פרוי

די נביאים.
זיי מאַכן מיט דער בלאָטע אונדז צוגלייך.
באַטיטלען אונדז מיט די מיאוסטע נעמען.

פערטע פרוי

דער מלך אַליין שרעקט זיך
פאַר זייערע שטראָף־רייד.
און בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ. (פויזע)

א מאַן

עפּעס ווייזט ער זיך נישט
אונדזער גאַסט־געבער, מר אַכאַבאַראַ.

שכן פאַרטיפט אין דער פרשה „תזריע״
און בטול־תורה איז אַן עבירה...

(פון וויטן הינטערגרונט עפנט זיך פאַמעלעך אַ רויטער פאַרהאַנג. אַ געדוימטע בימה — אַרומגעשטעלט מיט פרישע פאַרביקע בלומען און וואַזעס. עס דערהערן זיך דריי קלינג פון אַ גאָנג. אַ גאַר יינג, האַלב־נאַקעט מיידל שאַרט זיך שווימענדיק אַרויס פון דער טונקל־קייט. נאָך איר — אַ האַלב־נאַקעטער יינגער בחור. ער קניט פאַר איר אַנידער און טוליעט זיין קאָפּ צו איר שויס מיט געשלאָסענע אויגן)

מיידל

וואָס זוכסטו דאָרט, יינגל מיין
אין דער טיף פון מיין מיידלערישע שויס ?

א יינגל

איך וויל אין בענקעניש אַריין
צוריק, פונוואַנען כ׳בין אַרויס.

(אַ געזעמל פון האַלב־נאַקעטע שקלאַפינס, מיט קליינע פעלד־מכשירים אין די הענט, פירן אויס אין טאַנץ־באַוועגונגען די זשעסטן און פעולות פון אַקערער, זייערער, שניטער און תבואה־בינדלערינס. עס טאַנצט אַריין אַ גרופּע האַלב־נאַקעטע בחורים מיט תבואה־בינטלעך אין די הענט. פאַכן מיט זיי איבער די קעפּ און לייבער פון די איינגעבויגענע מיידלעך. די זיצנדיקע ביי די סערווירטע טישן דרייען זיך צעהיצט און אומרואיק. די פרויען באַוועגן מיט פאַרביקע פעכער איבער די פּנימער)

א מיטליאָריקע פרוי (צו איר אומרואיקן שכן)
בראָט זיך נישט אַזוי הייס ר׳ ייד

די סאַרוועך קאָנען נאָך, על פּי טעות,
דיך אַרומפּעפּערן
און דערלאַנגען דיך אויף אַ טאַץ צום טיש.
אַ ייד אויב איך בראַט זיך —
איז עס זיכער נישט ביי דיין פייער.

(די טענצערינס פאַרגייען אין אַ ליידנשאַפטלעכן ווירבלדיקן קאַראַ־האָד, פונעם סופיט ווינטיקן אַראָפּ. אויף זייערע אַקסלען דינע ווייס זיידענע איינהילן, וואָס וויקלען אין פלאַטער־וויברירונג זיך אַרום די קערפּער)

טענצעריז
שלאַנק זענען מיינע פיס און פלינק
ווי ביי אַן אינדיין — שרעקעוודיק און יונג.
כ׳דעריאָג אין טאַנץ פון בליץ דאָס ליכט;
אַ שקלאַפין און אַ קעניגין בין איך.
כאָר זי יאָגט דאָס בליץ־ליכט אָן אין פלי —
אַ שקלאַפין און אַ קעניגין איז זי.

טענצערין
כ׳פאַרמאָג געטער־קראַפט און די הכנעה פון אַ שקלאַף,
די טיפסטע פּיין און די העכסטע פרייד כ׳פאַרשאַף.
שאַרף ווי גיפט איז מיין ליבּ און זיס ווי פרילינג־ליכט.
אַ שקלאַפין און אַ קעניגין בין איך.
כאָר שאַרף ווי גיפט איז איר ליבּ און זיס ווי אַ זון־שטראַל אין דער פרי.
אַ שקלאַפין און אַ קעניגין איז זי.

טענצערין
שפּאַט־ביליק אַ פאַרקויפטע
און דעם העכסטן פרייז באַצאָלט.
האָט גאָט דער מוטער חוה׳ן
לויט מיין אָפּבילד אויסגעמאָלט.
און מיך — זיין פאַרבן־דמיון
אויסגעצירט מיט ליכט.
אַ שקלאַפין און אַ קעניגין בין איך.
כאָר חוה׳ן אויסגעהעמערט מיט זיין דמיון־דלאָט אין גלי.
אַ שקלאַפין און אַ קעניגין איז זי.
(קרייזלט זיך אַריין אינעם געווירבל פון די טענצערינס. פויזע)
אַ צווייטע טענצערין (שטעלט זיך ביים ראַנד פון דער בימה און זינגט)
ברוין בין איך, אַ געפּרעגלטע אין זונען־בראַנד.
ווי אַ בעריכע ביים זון־פאַרגאַנג אין וואַלד.

כ׳וואָלט נישט פֿאַרביטן מיין שקלאַפֿן־שטאַנד
פֿאַר דער גרעסטער הארינטע, צעקנייטשט און אַלט.

כאָר ברוין איז זי — אַ געפּרעגלטע אין זונען־בראַנד
ווי אַ בעריכע ביים זון־פֿאַרגאַנג אין וואַלד.
זי וואָלט נישט פֿאַרביטן איר יינגן שקלאַפֿן־שטאַנד
פֿאַר דער גרעסטער הארינטע, צעקנייטשט און אַלט.

(אויפּברויז ביי די טישן, פֿון פֿאַרשידנע זייטן הערן זיך אָנגעשפּיצטע, היסטערישע א ויסגעשרייען. עס פֿליען טעלער מיט פֿלייש און בעכערס)

אַ פֿרוי (ביים טיש)
מען קויפֿט און מען פֿאַרקויפֿט איך
ווי פֿערדלעך פֿון מצרים!

(רוגזדיקער טומל ביי די טישן)

טענצערין
אַ יונגע פֿערדלטע בין איך
מיט אַ שוואַרצן שויבער און מיט האַרטע טלאָען.
אַלטע פֿערד ברעכן איין דעם „דיך"
ביים פּרווו אויף אונדז אַ רייט צו טאָן.

כאָר אַלטע פֿערד ברעכן איין דעם „דיך"
ביים פּרווו אויף אונדז אַ רייט צו טאָן.

א פֿרוי (ביים טיש)
איך קאָן זי
דאָס מויל־מעסערל
אַ גר׳טע
אַנטלאָפֿן פֿון אַ שקלאַפֿן־שטאַל
פֿון מדין.

(די מענער רייבן זיך פֿון הנאה די הענט)

אַ מאַן (צו זיין שכן)
אַ הימלעכקייט.

צווייטער מאַן
לאָזן זיי זיך אַביסל איבערקאָכן
די כשרע צניעות.

יינגערמאַן
אַ מצווה אויף זיי.

וואָס דאַרף איך אַלטע ווייבער דאָ
צו דעם געזאַנג־שפּיל ?

צווייטער ייִנגערמאַן
נאָך די דרייסיק
דאַרף אַן אשה זיצן ביי דער קיך.

אַ פרוי (צו דער זינגערין)
אַחוץ די בייטש־צייכנס אויף דיין לייב,
דו גאָרנישט נישט פאַרמאָגסט
און אַ פּשיטאַ־שוין
דאָס צירונג וואָס דו טראָגסט,
דיין גוף איז אויך נישט דיין.

זינגערין
איז, לאָמיר אויף דער בימה דאָ
אַ שקלאַפן־מאַרק מסדר זיין,
מיט הענדלער, קלאַנגען און געפּויק,
און קאַנטשיק־שמיץ,
און דו — גבירה,
זיי מטריח זיך אַרויף,
און כאַפּ ווי מיינע אַ שוועסטער דאָ אַ טאַנץ.
איז, חוץ חוזק און לייטישער צוזאַמענלויף
זאָל איך זיין אַ טויטע,
צי מיט דיינע שיך־קלאַמערן
מיט נאָזבאַנד און מיטן גאַנצן בינטל עלעגאַנץ
צי ס׳וואָלט דיך ווער געקויפט,
פאַרקערט —
דער סוחר וואָלט
דיך נישט אָנצוקוקן
אַוועקגעשאָנקען אַ טאָרבע גאָלד.

אַ מיטליאָריקע פרוי (צאָרנדיק)
אויף דעם האָט ער פאַרבעטן אונדז
דער מבולבלער מטומטם.

(דער זאָל פילט זיך אָן מיט געטומל, ספּאַזמע־קוויטשערייען און גע־לעכטער געמישט מיט מעטאַלענעם געקלאַנג פון די גילדענע שיך־קלאַמערן.

אַ ייִנגער שקלאַף, אַ פירשפּרעכער מיט אַ שפּיל־מכשיר, קומט אָן און שטעלט זיך נעבן דער זינגערין. ער קלאַפּט מיט די פינגער אויפן מכשיר און דער גערויש אויפן זאָל שטילט זיך איין)

פירשפּרעכער

איז דאָס איך יאָ אָדער נישט, אַדונים, ניחא,

אין יהודה־לאַנד איז רעדן נישט פאַרווערט.

זינגערין

יידן רעדן אפילו „על ד׳ ועל משיחו״,

פריי און אומגעשטערט.

פירשפּרעכער

נאָר אַ זכות באַזונדער האָבן

יינגע בימה־פּריסטערינס,

קעניגלעכע לצים,

נביאים און משוגעים.

לכן, בעט איך די האַרינטעס און האַרן,

זאָל איך די מיידל־פּלוידעריי נישט אַרן.

און זי:

אַחוץ אַ זינגערין און אַ טענצערין,

און עטוואָס מער פון אַ ביסעלע משוגע,

איז זי אויך אַ שטיק נביאה׳טע

דעריבער נעמט זי

אָט אַזוי ווי זי שטייט און גייט —

נישט קיין משכיל׳טע.

איז פרעמד איר — געפּוצטע רייד.

פאַרגיבט איר

ווי דער יידישער גאָט איז איר מוחל,

והא־ראיה:

נאָך יעדן שטות און גראָבן וואָרט

ווערט זי שענער. (הייטערקייט אויפן מאַלצייט־זאַל)

און ווייל זיי ברענגען פרייד

און טאָן וויי,

וועלן מיר אַ ליד אייך זינגען וועגן זיי. (קליינע פּויזע. זינגט:)

זיי זענען שענער פון יענע שיינקייטן

אין פאַרמעטן באַשריבן.

האָט די געטין זיי דערפאַר

פאַר אירע שקלאַפינס אויסגעקליבן.

און זיי דינען איר געטריי.

כאָר און זיי דינען איר געטריי.

פירשפּרעכער

עס טרוימען וועגן זיי:

אייזל־טרייבער און הינט־שלעגער;

שניטער, האַלץ־העקער און פּלייצע־טרעגער —
און אײדעלע לייט
אויף זיידענע געלעגערס,
און בלינדע בעטלער
אין די קעלערן.
זייער שיינקייט דעקט צו
אַלע זייערע נשמה־פּעלערן.

כאָר זייער שיינקייט דעקט צו
אַלע זייערע נשמה־פּעלערן.

פּירשפּרעכער
פאַרשלאָסן ווי די קברים־גריבער,
און ווי גאָרטן — קוואַלן אָפן —
אינעם גרעסטן יאוש זיי לאָזן איבער
אַ זריעה־קערנדל פון האָפן.

כאָר אינעם גרעסטן יאוש זיי לאָזן איבער
אַ זריעה־קערנדל פון האָפן.

טענצערין
ווי דער טויט, מיר זענען אומגערעכט
און ווי דאָס לעבן — די גערעכטע.
און ווייל די פאַרפלאָנטערטע אין אונדזער פלעכט,
און וויי די אָפּגעשפּריצטע פון אונדזער שפּאָט־געלעכטער.

זינגערין
מיר ברענגען ביטערקייט און זיסע שרעק
אונדזער אָטעם לייטערט און באַפלעקט.
אונדזערע לייבער שלמותדיק און גאַנץ,
און די נשמות — צעריסענע, געשפּאָלטענע,
שדים פינצטערן אַרויס אין טאַנץ
פון אונדז; די געבענטשט־פאַרשאָלטענע.

(פּויזע. דער פּירשפּרעכער גייט אַרויס און אַ צווייטער קומט)

צווייטער פּירשפּרעכער
מיינע ליבע געאַכפּערטע לייט.
מיר האָבן אַ חדוש פאַר אייך צוגעגרייט,
לכבוד דעם „פּער" דעם אײדעלן שטאַנד
אַ ברוינעם אַראַנזש פון אַ שכנות'דיק לאַנד.
וואָס האָט אונדז ווען פאַרשקלאַפּט.
זי וואָלט שוין לאַנג געקומען
באַנאַנד מיטן ערב־רב,

נאַר — אַ חרטום האָט אין אַ שטעקן זי פאַרשפּאַרט
און ערשט מיט אַכצן יאָר צוריק
געמאַכט פון איר אַ שלאַנג.
און אָט — שטעלט זי זיך פאַר אייך
ווי אַ שטעקן אויסגעדאַרט.
מיט אַ בויגעוודיקן שלאַנגען־גוף.
אירס אַ צינגל־שטאָך
קיין נחת נישט פאַרשאַפט.
אגב —
אַן אוראייניקל פון בעל־זבוב.
דער מושל פון דער פליג.
איז, לאָמיר ווינטשן איר
אַ סך שמייכלען פול מיט גליק.

(אַ שלאַנקע יונגפרוי טאַנצט פון דער טונקלקייט אַרויס, שטעלט זיך
אַ שמייכלדיקע ביים בינע־ראַנד, זינגט)

איך קום פון נאָענטע נילוס־לאַנד,
ווו ס׳הערשט דער הויכער פריסטער־שטאַנד.
די דינסט פון געטער
מאַכט זיי פעטער.
כאָר די דינסט פון געטער
מאַכט זיי פעטער.

זינגערין
אַ געטין דאָרט — באַשלאָפן שטרענג פאַרווערט.
באַשלאָפן זיי די טעכטער אירע אויף דער ערד.
ווערן בעל־זבוב־עלעך, קוויטשיקע געבוירן —
עסן זיי די פרוכטן און די ווייצן פון די פויערים.
כאָר ווערן בעל־זבוב־עלעך, קוויטשיקע געבוירן —
עסן זיי די פרוכטן און די ווייצן פון די פויערים.

זינגערין
האָט איר מיך אַהערגערופן,
זען פנימער, געצן־דינער נייע.
די זעלבע צעשוווּמענע פּרצופים
פון זייערע ברידער אין מצרים.
כאָר די זעלבע צעשוווּמענע פּרצופים
פון זייערע ברידער אין מצרים.

זינגערין
צו וואָס־זשע ניצט אייך משה׳ס דת

פון ליבע, דערבאַרעמקייט און שטראָף,
אַז איר זענט פון גאָט און לייט פאַרהאַסט.
און דאָס רויבט צו ביי אייך דעם שלאָף.

כאָר אַז איר זענט פון גאָט און לייט פאַרהאַסט.
און דאָס רויבט צו ביי אייך דעם שלאָף.

(אומרואיקער געמורמל ביי די טישן)

זינגערין

וואַקסן עוולות הויך אַרויף,
און די שמאַלצן אויפן קאַרק.
האָט איר נאָך נישט ביז היינט פאַרקויפט
אייער גאָט — אויפן שקלאַפן־מאַרק?

כאָר האָט איר נאָך נישט ביז היינט פאַרקויפט
אייער גאָט — אויפן שקלאַפן־מאַרק?

(קליינע פויזע)

אַ פרוי (ביים טיש)

טאָמער איז דיר קאַרג
די אייגענע פאַרשלעפּטע קרענק;
איז, נאַדיר פאַר א צולאָג
אַ פאַרך פון מצרים.

(אויסברוך פון לאַרעמדיקן טומל, צו דער זינגערין פליען געבראָ־טענע שטיקער פלייש, קרוגן, טעלער און בעכערס. די טענצערינס שיצן זיך די פנימער און קעפּ, טאַנצן מיט אָנגעשטרענגטע פאַלשע שמייכלען. אכאבארא זעצט זיך, אַ שיכורער, ביי אַ טיש אויבנאָן)

פ אָ ר ה אַ נ ג

צ ו וי ט ב י ל ד

(דער פריערדיקער מאַלצייט־זאַל מיט די רייך סערווירטע טישן ביי אַ רויטער, פאַרהאַנגענער בימה. ביים לאַנגן מיטלסטן טיש, אויבנאָן, זיצט אכאבארא און טרינקט וויין פון אַ גרויסער קרוג. זיינע שיכורע בליקן בלאָנקען איבער די פנימער פון די עסנדיקע געסט. אכאבארא באַוועגט זיך אָן אויפהער, רעדט אָפּגעריסענע רייד און דריקט די שלייפן מיט די פינגער־קנאָכן. זיין פנים איז בלאָ און אָנגעדראָלן. לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אויפן טיש. פויזע.

ער הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט ווילד אויף די אַרומיקע געסט)

אכאבארא (מיט אַ שיכורער שטים)

אַ פאַרבלאָנקעטער שאָקאַל האָט מיט געוואַי מיין געבורט באַגריסט.

מיין ערשטן קינדער־יאָמער געהערט האָט — אַ בערגל מיסט.
מיין ערשטע טרער האָט אויף אַ ברען־גרעזל זיך פאַרצווילינגט
מיט אַ טראָפּן טוי.
בין איך אַ קינד פון אַ שאָקאַל, צו פון אַ פרוי?
מאָסקיטן האָבן אין די נעכט מיך איינגעוויגט מיט זייער סומנעם ניגון.
דורך מיין זאַמד־וויג זענען מאַמעס דורכגעגאַן און אויסגעשפּיגן
און די אויגן לעפלען פון עקל צוגעמאַכט.
וועמענס קללה־זאָמען האָבן מיך אַהערגעבראַכט?
וועל איך נקמה נעמען.
באַרייסן, שענדן און פאַרשעמען
אַלע די, וואָס זענען שוואַך.
טרעטן אויף מענטשלעכן צער און וויי.
אַרויפשיטן מיין בערגל מיסט אויף זיי. (פויזע)

ביי לייטן איז דאָס לעבן ווי אַ גוף
אויף גלידער און אויף חושים פאַר פעולות איינגעטיילט:
אויף פחד פאַר פאַרגעלטונג־שטראָף.
אויף טרויער, אויף געבעטן אויף פאַרוויל.
אויף התבודדות און באַהעפטיקונג־באַריר,
און ביי מיר?

אַלע רירונגען מענטשלעכע צענויפגעקנוילט.
אין איין גראָען זאַק צעריסן און צעפוילט:
אומפאַרשעמטקייט. דערשיטערונג,
תענוג־לוסט און שאָדן־פרייד.
נצחון־גיר און שפּאָטנדיקער שפּאַס
און — האַס,
און בענקשאַפט נאָך אַ ווייב, אַ קינד
און מענטשלעך צאַרטער חלום! נאָך אַ קורצער פויזע)
אַהו!
הויכע זולל־וסובא־געסט!
מייקנדיקע מנובלים,
רייסט דאָס האַרץ פון מיר אַרויס
און וואַרפט עס פאַר די הינט!

איינער (פון די זיצנדיקע — שטיל צו זיין שכן)
באַנעם דעם טיפן מיין;
רייס אַרויס זיין האַרץ
און וואַרף עס צוריק —
צו אים אַליין.

אכאבארא

אוּן וואַרפט זיי נאָך די שפּע פון מיין הויז.
צו זייער ביל־פאַרווײלונג.
זאָלן זיי מיט מיין ירושה זיך צעטיילן.

אַ יינגערמאַן (שטיל — צו זיין שכן)

באַלאַמוטשעט נישט רבותי;
טיילט מיט זיין ירושה זיך פונאַנדער...
וואָס ער וואַרפט אייך צו.
איידער ער וועט זיך אויסניכטערן
און חרטה־טענה׳ן.

שכן (שטיל)

אָבער ער פאַרלאַנגט
דאָס האַרץ ביי אים אַרויסגעפונען.
זיי אַ בריה
געפין ביי אים אַזאַ חפץ.

יינגערמאַן (צו זיין קרייז מיטשמועסער)

איך האָב פאַר אים אַ תרופה.

די ארומיקע (אַלע אינאיינעם)

דהיינו?

יינגערמאַן

שניידער־מלאכה.
(דערדריקטע כיכיקעריי)

צווייטער יינגערמאַן

אַן איינפאַל.

ערשטער יינגערמאַן

האָט איר נאָך נישט געהערט
דעם משל פונעם שניידערישן נזיר?

דער קרייז אַרומזיצנדיקע (אין שפּאַנונג)

אמריך אמרי אל
טו אַ טובה:
דערציייל.

(יינגערמאַן שלעפּט אַרויס פונעם טוניק אַ צעקנייטשטן פּערגאַ־מענט. גלייכט אים אויס און לייענט שטיל):

דער וואָלף — דער שניידער־מייסטער

דעם וואָלף איז געוואָרן נמאס פון מאָרד און פאַרציקונג,
איז ער אין שווערער חרטה אַוועקגעגאַנגען נאָך אַ „תיקון״

צום „פּרוש״, דעם צדיק אינעם טיגער־פעלץ, וואָס האָט אין
התבודדות פאַרבראַכט.

יענער האָט אים אַ תשובה אַרויסגעגעבן — נעמען זיך צום
שניידער־פאַך.

האָט די שמועה מיט דער שנעלקייט פון אַ הינטל־ביל זיך צווישן
דער וואַלד־באַפעלקערונג פאַרשפּרייט,

איז געקומען מיט „מזל־טוב״ן אַ חברותא אָן עין־הרע, פון נאָענט
און ווייט.

פּרנסה אים אָנצווינטשעווען איבערן מויל בכבוד גדול,

דער „יעזש״ האָט געשאָנקען אים פון זיין העמד אַ ניי־מכשיו' —
אַ נאָדל.

פאַר דעם געשאַנק האָט דער בעל־שמחה זיך אַ נייג געטאָן ביז
צום פאָדער־קנעכל

און באַלד אויפגעשפּרונגען: ס'אַראַ חוזק — אַ נאָדל אָן אַ לעכל,
אומדערהערט,

דער ערשטער טראָפּן סם, וואָס האָט מיין שמחה מיר צעשטערט.
שפּאָט און שאַנד.

אַ פאַרשעמטער פאַרגראָבט דער „נאָדל ־פאַבריקאַנט״
דאָס שנויצעלע אין גראָז.
— גרויסער האַר! \
שטראָף מיך מיט דער האַרבסטער שטראָף דערפאַר.
מיט דער העכסטער פּיין;
ווייל דאָס לעכעלע איז פּיטשעדיק און קליין,
אַז מען קאָן עס בלויז דערשמעקן מיט דער נאָז.
דער וואָלף, כאָטש דערצערנט, אויפגעקאָכט,
אויף טשעקאַוועסט כאַפּט אַ שמעק צום לאָך.

— דו ליגנער־זאַק — ער צעשרייט זיך אויפן קול,
נאָר דער דריבנער שוואַרצער־חברניק הייסט אים —
פּרוון אַ שמעק טאָן נאָך אַ מאָל...
— נאָר געלאָסן, די נאָזדרע חס־ושלום שפּאַר נישט,
און דאָס לצ׳ל פּויזעט אָפּ ווי קיינמאָל גאָרנישט.

דער „מייסטער״ שלינגט אַראָפּ דעם וויץ, די סלינע ברענט׳
ער שפּאַנט איין די מייסטערין און דאָס יינגוואַרג און קנעלט
מיט זיי —
דעם סוד פון שניידעריי.
און אַז אַ וואַרשטאַט איז דאָ מיט מייסטער און געזעלן
מאַכט מען מיט די נאָדלען און מען פאָכעט מיט די הענט...

און מען וואַרט אויף „קליענטלע“.

געשיט אַ „טראַף“ אַ שעפּעלע דערמאָנט זיך — ס׳איז עס קאַלט;
עס טוט אַ לעק דעם וואָל־שערערס כאַליעוועס, לאָזט אַראָפּ די
ברעמען,
און כהרף־עין אינעם טיפעניש פון וואַלד
צום הייליקן שניידערל לאָזן זיך אַ מאָס־נעמען.

דער מייסטער טוט אַ שיקל אין אַ זייט,
און מיט דער אייל אַ מעסט אין דער ברייט און אין דער לענג:
— ווערסט, בחורל, די פינגער לעקן פון לבוש; איך האָב פיינט
טאַנדייט,
נאָר, וואָס דיין מאַמע איז נישט מיטגעקומען פיל איך זיך
געקרענקט,
מ׳שמועסט, זי איז אַ נישט־פאַרגינערין און קאָן פאַרשוואַרצן מיר
דאָס פּנים
פאַר די וואַלד־פּליאַטקאַרעס, אַז כ׳האָב איר קינדס קליפּטעלע
פאַרפאַרקירצט אָדער פאַרשמעלט — געמאַכט אַ תל.
מער פעלט מיר נישט — אַריינצופאַלן אין די ציינער פון די שונאים,
וואָס וואָלטן מיר, אַזוי אויך, אַרויסגעריסן דעם לעצטן ביסן פון
דער קעל.

באַטראַכט דאָס שעפּסעלע די נעבעכדיקייט אייגענע און אין דעם
שניידערס זינעלעך מקנא.
לויפט עס „בחרפּתיני“ וואָס שנעלער צו דער מוטער צאַרטער.
— זאָל נאָר דער אַלטער זיך נישט אַרויסדרייען און חרטה
טענהען.
שלעפּט עס די מאַמע אַוועק ביים וואָלענעם גרוילעך ווייסן
פאַרטעך.
— גוט מאָרגן, געלע! אַזוי דער וואָלף אויף איר מיט האַרבן
„מענה־לשון“,
— ווי לאָזט מען דאָס אַ קינד אַליין, „אויפן ווידל“ אינעם וואַלד?
ווו ס׳ווילדעווען די רוצחים: די וועווריקעס און נאָדל־שווינדלער.
אַ גראָשן איז דאָ דאָס לעבן ווערט פון אַ שעפּסעלע קוים פיר
חדשים אַלט.

און איצטער — צו דער עצם־זאַך:
צו דער שניט־סחורה פעלט עפּעס דאָרט אַ „טפח“ זיבעטהאַלבן
נישט קיין סך.
געפּרוווט דרייען, קאַלקולירן אַהין, אַהער,
און איך בין אַ יגיע־כפּימניק — נישט קיין מאַגאַזינער.

ובכן — וואָסערע ברירה האָט נעבעך זי געהאַט, די יפיפיה?
אַז קיין מלאכה־געלט פאַרלאַנגט ער נישט, איז עס דאָך אַ כשרע
מציאה,
פאַרט אַ קינד, איז, האָט זי בייגעשטייערט אַ „רעשטעלע" פון —
וואָלן „דערעלע"
און... דאָ הייבט זיך אָן דעם וואָלפס שניידער־קאַריערעלע.

(אַ שטיל כיכיקען פון די אַרומיקע)

(אַכאַבאַראַ לייגט אַרויף זיינע ציטערנדיקע פויסטן אויפן טיש און לענט אָן אויף זיי דעם קאָפּ. פויזע. הויבט האַסטיק צוריק אויף דעם קאָפּ, כאַפּט אַ שווערן קופּערנעם גלאָק פונעם טיש און קלינגט רעשנדיק. ער וואַרפט דעם גלאָק אָפּ פון זיך, שטעלט זיך אויף און פאַטשט מיט די הענט מיט באַנומענעם געשריי)

פאַרוויילונג!!!
מיידן!
קומט פון אייער שדים־נעסט אַרויס!
מיט אייער צניעות אויסגעלאָסענעם.
טאַנצט!
צינדט אָן די ערד אונטער אייערע פיס!
און גאָטס מילד געשאַנק אין אייך אַנטבלויזט!
מאַכט פון מיין מאַלצייט־זאַל
אַ משוגעים־הויז!

(די טענצערינס טויכן אַרויס פון דער טונקלקייט, איינגע־הילט אין דינע זיידענע גאַזע, לאָזן זיך אין ווירבלדיקןליידנשאַפט; לעכן טאַנץ, דאָ און דאָרט פון צווישן די טענצערינס פאָלן מיידלעך פון דערשעפּטקייט, איין מיידל כאַפּט אויף אין טאַנץ איר געפאַלענע חברטע)

טענצערין (צו דער געפאַלענער)
שטיי נישט אָפּ אין טאַנץ.
דער האַר וועט דיר דאָס נישט פאַרגעבן.

געפאַלענע
נאָך אַ טאָג אויסמאַטערנדיקער אַרבעט
צו זיין פאַרוויל אַהערגעטריבן.

(די אויפגעהויבענע טאַנצט, ברעכט זיך וואַקלדיק אַרויס פון אַלגע־מיינעם ריטם; אַ שקלאַף קומט אָן פון טיפן הינטערגרונט, ציט זי

ברוטאַל אַרויס. די מוזיק־כּלים רוישן מיט ווילדע קלאַנגען. אַכאַבאַראַ רייבט זיך די הענט, לאַכט שיכּור און רוי. פּויזע)

סצענע־אומבייט

(אַ גרויס געצעלט מיט רייך געהאַפטענע דיוואַנעס און פּאַרהאַנג. אין אַווינקל פון געצעלט, אויף אַ גאַר נידריק בענקעלע זיצט פּועה און האַלט מיטביידע הענט דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אין מיט פון געצעלט — אַ פיין געשניצטער טיש מיט שטולן אין גאָלדענע באַפּוצונגען. אויף אַ שטיל אויבנאָן זיצט אַכאַבאַראַ. אַן אַנגעשטרענגט שווייגן.

אַכאַבאַראַ הייבט זיך שווער אויף פון דעם שטול. די שיטער־באַהאָרטע ליפּן ציטערן. דאָס פּנים ברענט מיט אַ בלאָען אָפּגלאַנץ, שטרענגט זיך אָן צו זיין רואיק, דרייט זיך עטלעכע מאָל אַהין און צוריק איבערן געצעלט און שטעלט זיך אָפּ אויף אַ נאָענטן מרחק פון דער פאַרצאַגטער פּועה)

אכאבארא (מיט פאַלשער ליבלעכקייט)

האָט וועדער פון מיינע הויז־מענטשן דיך באַליידיקט? (שווייגן)

איך בין איינער פון די רייכסטע יידן פון יהודה.

וועסט ביי מיר זיך באָדן אין איילן פון אפרסמון

און אין גאָלד. (שווייגן)

איך וועל באותו רגע דיין מאַן די פרייהייט שענקען.

(פּועה טוט אַ ציטער, פאַרזינקט אין שווייגן)

איך וועל דיך אַריינפירן אינעם פּאַלאַץ פונעם מלך.

מזרח־שררות וועלן קושן דעם שטויב פון דיינע טריט. (שווייגן)

איך וועל אָפּבויען דיין הויז,

מיט וויינגערטנער אַרום און מיט וואַסער־קוואַלן. (אַ שווייגן)

(אַכאַבאַראַ דערנענטערט זיך צו איר, ציט אויס די האַנט אַ גלעט צו טאָן איר קאָפּ, זי שפּרונגט אויף ווי אַן אָפּגעבריטע און דער־וויטערט זיך אין אַ צווייט ווינקל. פּויזע)

פּועה **איך בין אַן אָפּשטאַמיקע פון אהרן־הכּהן**

פאַר אַן עבירה קעגן מיין מאַן

בין איך פאַרמשפּט צום פאַרברענען.

אכאבארא (וואַרפט זיך אויף איר מיט באַנומענער צישעריי)

מיין שקלאַפין ביסטו!

על־פּי חוק!

(דריקט זיין פּנים צו איר ברוסט. ברעכט איר אונטער די הענט און בייסט זיך איין אין איר האַלדז. זי ראַנגלט זיך העפטיק און

(שפרינגט אַפּ. ער יאָגט זי נאָך, דערגרייכט זי און שטרענגט זיך אָן
זי אַרומצונעמען)

פועה (אין גערענגל)
גאָט וועט שטראָפן!
לאָז מיך אָפּ!

אכאבארא (אין גערענגל, מיט חוזק)
און איך בין שוין — אָפּגעשטראָפט.

(פועה שפרינגט אָפּ, כאַפּט דאָס נידעריקע בענקעלע און שליידערט
אים אין פּנים אַריין, ער כאַפּט דאָס פּנים אָן מיט ביידע הענט, וואַקלט
זיך צום טיש, זעצט זיך שווער און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ)

פועה (מיט שרעק)
גאָט מיינער,
כ׳האָב דערהרגעט אַ מענטש.

(אַכאַבאַראַ צעהעשעט זיך. די העשעריי גייט איבער אין אַ דערשטיקט
געוויין. לענגערע פּויזע)

פועה לאָז אונדז פריי,
מיר וועלן פאַר דיר אַרבעטן פון פינצטערניש ביז פינצטערניש
און שפייזן זיך מיט געבעטלטער „שכחה־פאה״
און קאַרגע מעסטלעך וואַסער,

אַבי דיר צו סילוקן דעם חוב. (פּויזע)
איך וועל פאַר דיר מתפלל־זיין אין בית־מקדש
„ער״ זאָל דיר מוחל־זיין
די זינד פון פייניקן אַן אשת איש און אַ מאַמע.

(אַכאַבאַראַ וואַרפט אַ פאַרצווייפלטער מיט די הענט, ווי ער וואָלט
זיך פון עמיצן געשיצט)

פועה
מיינע רייד באַאומרואיקן דיך;
אַ סימן, אַז נאָך נישט אַלץ אין דיר איז אויסגעלאָשן.

(פּויזע. זי נעמט דאָס בענקעלע. זעצט זיך אינעם פריערדיקן ווינקל.
נעמט דאָס פּנים אין די הענט און פליסטערט):

מיט וואָס, האָב איך אַנטקעגן דיר געזינדיקט, גאָט.
בלויז דערמיט,
וואָס דו האָסט מיין גוף און פּנים אויסגעשניצט
מיט דיין שטראַלעוודיקער דלאַט!?
מיט דיין הייליק פאַרב־דמיון׳דיקער האַנט,

כדי מיין שיינקייט צו פֿאַרוואַנדלען
אין אַ פֿאַרמיטלערין פֿון שאַנד?
איז — מאַך מיך העסלעך,
אַז בעטלער־קינדער פֿון די הינטער־געסלעך
זאָלן ווייכן מיך מיט צעפּלאָשעטע געשרייען.
זאָל מיין מאַן — פֿון עקל
מיר אין פּנים שפּייען.
שוואַרצע פּאָקן זאָלן מיין הויט פֿאַרברענען,
זאָל אין גאַס מיין טאָכטער נישט דערקענען
דאָס וויסטע פּרצוף פֿון איר מאַמען.
אָבי — זיי מיך נישט מטמא.

(פֿאַר איר בליק גייט אויף די וויזיע פֿון איר פֿריערדיקער היים אינעם היימלעכן קרייז פֿון מאַן און טאָכטער. פּועה שטייט אין דער מיט פֿון איר חדר. זבדי קומט אַריין, זי קעמט זיך די שוואַרצע לאָקן און מאַכט זיך נישט זעענדיק אים. זי לויפֿט צו צום קאַמין, כאַפּט די קרוג וואַסער און שפּריצט אָפּ זיין פּנים. ער ציטערט אויף אַ שמייכלענדיקער, פֿון זיין האַלדז און געזיכט טריפֿן לויכטנדיק אַראָפּ די טראָפּנס, ווי קליינינקע פֿלעמלדיקע ליכטלעך)

זבדי (זינגט)

באַשערטע, פֿאַרהייליקט ווייב דו מיין,
באַשאָנקען האָט דיך גאָט מיט טויזנט מעסטלעך חן.
דיין בליאונג וועט אין מיר קיינמאָל נישט פֿאַרוויאנען.
און אַלע יונגע לייט און פֿרויען
זענען דיך און מיך מקנא.
דיין פֿרייד אין מיר
אַ קוואַל איז פֿון יסורים.
רייך בין איך מיט דיר און — אָרעם
און גרינג און שווער איז מיר
די לאַסט פֿון דיין צוּיבער־רייץ צו טראָגן.
איך בין פֿון דיר געבענטשט
און פֿון דיין לייטזעליקייט געשלאָגן.
ביסט מיין ליכט און בלענדונג־פֿינצטערניש
איך לייז זיך אויף אין דיר
ביז פֿאַרלירונג פֿון מיין זין
פֿון דיין געבייטשטער ליכטיקייט
אוי, ווו טוט מען זיך אַהין? (פּויזע)
אויב בין איך, באַשעפֿער,

אַנטקעגן דיר אַ זינד באַגאַנגען.
ווייל איך האָב — פון איר ברוינעם לייב געפאַנגען —
פון ליבשאַפט נישט גזועטיקט
אַ תפילה אין בית־מדרש דיר פאַרשפעטיקט,
אַ פרק תהילים דיר פאַרפעלט —,
נעם יינגערהייט מיך פון דער וועלט,
און פאַרוואַנדל די נשמה מיינע אין זילבער־דאַמף
אריינגעזעפּלט אין דיין שיין.
אינעם טיפן בלאָ פון דיין דערבאַרמונג
וועל איך ווערן
אַ הויך, — אַ וואַרעמער
אַרום די טרערן
פון מיין פרויס געוויין.

פועה דיין נשמה וואָלט קיין הויך ווערן נישט געקענט.
ווייל דער צער וואָלט די טרערן מיינע אינעם בליק פאַרברענט.
און „ער" תשובה בלויז פאַרלאַנגט,
און נישט — דעם אינטערגאַנג.

צי, ווייל איך האָב דיך ליב,
שטראָפסטו מיט דיין קללה מיך דערפאַר?
דיין לעצטער אָטעם אויסגעלאָשן וואָלט מיין לעבן
און דעם עלנד אָנגעצונדן
אינעם האַרץ פון דער בת־יחידה אונדזערער; תמר.

(תמר טויכט אַרויס פון דער טונקעלער פאַרנעפּלטקייט)
(פועה אין שרעק)

ביסט שוין געוואָרן „חלום" מיר
טאָכטער מיינע?

תמר האָסט גערופן מיך ביים נאָמען
בין איך אַהער געקומען.

פועה פון ווייט?
תמר פון מרחקים אַהערגענענט,
די ליבשאַפט האָט
די ווייטן צווישן אונדז פאַרברענט.
זבדי דו רעדסט, טאָכטער,
מיט דעם פייערלעכן נוסח פון נבואה.
תמר ירמיהוס בליק
לאָזט אין ערגעץ מיך נישט רוען.

מיין האַרץ — ער ציט נאָך זיך אומעטום
אין דער מדבר־פעלזיקייט,
אינעם כוואַליעדיקן שטראָם
פון המונים מענטשן.
ווי אַ חיה׳לע איך בין צוגעבונדן
און קאָן פון אים אין ערגעץ נישט אַוועק.
און ער —
ער דראָט און שעלט און טרייסט און שרעקט
און די טרערן לויכטן אויף זיין באָרד.
זיין צער איז אַלט
און זיין געשטאַלט איז יונג.
ער וויל בענטשן,
נאָר דער אויבערשטער צינדט אָן די קללות
אויף זיין צונג.

פועה
און דו אַנטלויפסט נישט פון דיין מאַמען?
ווי די גאַסן־קינדער מיט געשרייען?
ווו קומסטו אין מיין שקלאַפן־קאַמער
מיט אַ געשענדעטער זיך צו פרייען?

תמר
(לייגט אירע פינגער אויף פועה׳ס ליפּן)
פוואַנען דערנעמען זיך צו דיר
אַזעלכע שוידערלעכע רייד, פונוואַנען?
נעם, מאַמע מיר דעם האַלדז אַרום
און זיי פאַר מיר מתפלל,
מיט אויגן צוגעשלאָסענע
און מיט ליפּן־פליסטער פרום —
ווי שמואל־הנביא׳ס מוטער חנה. (לענגערע פויזע)

אכאבארא
(שפּרינגט אויף פונעם טיש און שרייט אַ באַנומענער):
ווער ביסטו אַזוינס ביי מיר?
זונה דו גראָב־הויטיקע?
דיין מאַן איז מיר שולדיק אַ שלל מיט גאָלד.
און דיין אויסגעלאַסן טעכטערל האָט אָנגעהעצט עפּעס דאָרט
אַ יינג וואָס שעלט, אַ פרעמדן אַפּגעריסענעם שלעפּער.
און געהרגעט מיר מיין מוכ׳ס מיינע סאַמע משכילישסטע משרתים
און די געטרייסטע שקלאַפן; מיטן פייער אַוועקגעלאָזט
מייק הויז און — „שלום על ישראל“. (פויזע)

אכאבארא
צוואַנציק שקלאַפינס פון דיין ס׳גאל
וועלן דעם היזיק נישט פאַרגעלטן.

(פועה הייבט אויף דעם קאָפּ, וויל עפּעס זאָגן, אַכאַבאַראַ טוט זיך אַ ריס פון אָרט און שרייט אַ באַנומענער):

ש ווייג!
שטעל זיך גלייך
ווען דייך האַר רעדט צו דיר!

(פועה שטעלט זיך אויף און פאַלט אַנידער)

אכאבארא

ווערסט מיך אָפּשרעקן
מיט עונש,
מיט פאַרלוירענער עולם-הבא
כאַ כאַ כאַ! (פּויזע)
איך בין אַ מלוה און אַ שקלאַפן-הענדלער
איך האָב שוין געהאַט אַזאַ מין מטיף און מוכיח,
האָב איך אים אַוועקגעשיקט
צוצוהעלפן די מלאכי השרת
צו ציפן שטערן-פאַרפל
פאַר אונדזער נאַכט-הימל.
יחסנ׳טע,

דייך טאָכטער וועט אויך נאָך טאַנצן
אונטער מיינע בייטשן.
אַ וועלט איז דיר נישט הפקר.

(פועה פאַלט).

(אַכבאַראַ לויפט האַסטיק אַרויס. שלאָגט זיך אָן אין זיין ווירטשאַפט-לערין לוסיל. זי גייט צו צו דער ליגנדיקער פאַרחלשטער פועה, הייבט זי אויף, פירט זי צו צום טיש און זעצט זי אַוועק. זעצט זיך קעגנ-איבער איר, צערטלט אירע שוואַרצע לאָקן, שמייכלט מיט פאַלשן מיטלייד)

לוסיל **אין דייך שוואַכקייט ביסטו נאָך שענער,**
ווי אין דייך גאוה. (פּויזע)
מען דאַרף שלום מאַכן מיטן גורל,
זיי נישט ביי זיך געפאַלן. (שווייגן)
ער וועט דיך גליקלעך מאַכן.
ער איז אַ בעל-השפעה.
פון מלכס הויף קומט מען
אין זיינע תענוג-צימערלעך זיך פאַרווילן. (שווייגן)

איך עצה דיר
פאַרבויג אַביסעלע פון דיין שטייפקייט
דאָס וועט דיר אַ סך פאַרגרינגערן; (אַ שווייגן)

לוסיל (מיט שטייגנדיקער אויפגערייצטקייט)

וואָס איז?
בענקסט נאָך דיין פויערים־יינג,
נאָך דעם גיבור, וואָס האָט דיך
צו שקלאַפנשאַפט דערפירט? (גאַליק)
אַ מציאה,
צוויי און דרייסיק יאָר,
די פרויען־הענדלער פון קרעטן־לאַנד און תרשיש
באָטן אַן מיידלעך מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן,
אין איין עלטער מיט דיין טאָכטער.
בזיל־הזול.
(פּועה, האַקט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ)

לוסיל אַ יחוס;
אַ כהנס אַ טאָכטער,
אַ טאָכטער פון אַן אויסדערוויילטן שבט
פון אַן אויסדערוויילט פאָלק
פון אַן אויסדערוויילטן גאָט,
כאַ כאַ כאַ!
אונדזערע יינגלעך פון כשדים־לאַנד און בבל
וועלן אייך דערלאַנגען צום פאַרזוכן
דער טעם פון אויסדערוויילטקייט.

(לוסיל פאַררייסט גיפּטיק ביי דער פאַרחלשטער די גאַמבע אַרויף, שרייט העפּטיק:)

שמוציקע ידישקע!
מיר וועלן אין דיין אייגן לאַנד
אויף שטויב צערייבן אייך
מיט אייערע כהנים און נביאים.

(אַכאַבאַראַ שפּרינגט אַריין, הויבט אויף די האַנט איבער לוסילס קאָפּ, לאָזט זי צוריק אַראָפּ. לוסיל שטעקט אַריין אין אַכאַבאַראַס האַנט אַ קליין צונויפגעקניטשט פּערגאַמינדל, אַכאַבאַראַ כאַפּט דאָס אַן מיטביידע הענט. לוסיל גייט אַרויס. אַכאַבאַראַ זעצט זיך צום טיש. פּועה זיצט אויפן נידעריקן בענקעלע מיט אַן אַראָפּגע־

לאָזטן קאָפּ. אַ יינגע שקלאַפין טראָגט צו צום טיש אַ הילצערנע טאַץ מיט פּירות, אַ קרוג ווײַן און צוויי זילבערנע בעכערלעך)

אכאַבאַרא (גיסט אָן צוויי בעכערלעך ווײַן און כאַפּט אַ פאַרגנבהטן בליק אויף פּועהן און פרעגט זי)

אפשר נויטיקסטו זיך אין אַ יינגן שקלאַף —
ער זאָל דיר העלפן?

(פּועה פאַלט אַ פאַרחלשטע אַראָפּ אויפן דיל. אַכאַבאַרא עפנט מיט ציטערנדיקע פינגער דאָס קליינע צונויפּעקנייטשטע פערגאַמינדל און שיט אַרײַן אינעם בעכערל ווײַן אַ ווייסן שטויב, לויפט צו צו פּועה. הויבט אויף איר קאָפּ און דערלאַנגט איר דאָס בעכערל ווײַן צו די ליפּן. זי כאַפּט דאָס בעכערל און טרינקט אויס ביזן לעצטן טראָפּן. פּויזע)

נאָך עטלעכע רגעס הויבט זיך פּועה אין אָנשטרענג אויף פונעם דיל. קוקט פאַרחידושט אויף אַכאַבאַרא. דאָס פּנים קרומט זיך אויס אין אַ טעמפּער שמייכלדיקער גרימאַסע. בויגט זיך אומצופאַלן. לוסיל לויפט אַרײַן, כאַפּט זי אונטער און פירט זי אַרויס. פּועה קוקט דורך לוסילס אַקסל אויף אַכאַבאַרא.

פון הינטער דער וואַנט הערט זיך הויכע שיכורע פלוידעריי און געקלימפּער פון כלי־נגינה און גזאַנג. גרעסערע פּויזע)

סצענע־אומבײַט

(דער פריערדיקער באַל־זאַל, מיט די פילדערנדיקע געסט ביי די רייך־סערווירטע טישן, די בימה איז פאַרהאַנגען מיט אַ דין־געהאַפטענעם פאַרהאַנג. אויבן אָן ביים מיטלסטן טיש זיצט אַכאַבאַרא אָן אויפגעהייטערטער. ביי זײַן לינקער האַנט זיצט פּועה אָן אויסגעפּוצטע, די ליפּן אָנגעפאַרבט און די אויגן אינטערגעפירט מיט שוואַרצן טוש. פון די האָר, פון די הענט און פון האַלדז שימערט אַראָפּ דאָס צירונג מיט אומרואיק זיך בייסנדיקע פאַרבן פון רעגן־בויגן. זי שמייכלט מבולבל און אַרויסרופעריש. אַלע בליקן פון די זיצנדיקע זענען געווענדעט צו איר. די פריען ווינקען זיך איבער מיט צווײַדייטיקע שמייכלען. אַכאַבאַרא שטעלט זיך אויף און טוט אַ האַסטיקן באַוועג מיט דער האַנט. דער געריש שטילט זיך עטוואָס אײַן)

אכאבארא (האַפּערדיק, מיט אַ פּאַטש מיט די הענט)
עי!!!
שקלאַפן־מיידן!

שקלאַפּן־יונגען!
שאַרצט די בימה אויף!
(די בימה־פאָרהאַנג שאַרצט זיך אויף)
זינגט און טאַנצט!
דעקט אָפּ אייער וווּנדער־פּראַכט!
ביז משוגעת רוישט און פריילעך מאַכט,
אַז מיינע ליבע געסט
זאָלן הנאה האָבן פון זייער מכנים אורח!

סאַרווער, קוך־משרתים, זיסקייט־בעקער —
דערלאַנגט אַהער פון אַלעם גוטן!

אַ זינגערין (ביים ראַנד פון דער בינע)
עס וועט זיין תענוג־פרייד,
תענוג־פרייד —
אַ ליבע־שפּיל אָן רייד.
כאָר פון די טענצערינס
תענוג־פרייד —
אַ ליבע־שפּיל אָן רייד.
זינגערין
שטיל אָן רויש זי שלייכט אַריין,
אַנטבלויזט און שיין,
דערטרונקט זיך אין תאווה־לוסט און וויין.
כאָר שטיל אָן רויש זי שלייכט אַריין —
אַ טרונק פון תאווה־לוסט און וויין.
טענצערין
ציט מען זי פון וויין־געזויף —
פון וויין־געזויף —
גלייך אויף דער בימה אַרויף.
כאָר ציט מען זי פון וויין־געזויף —
גלייך אויף דער בימה אַרויף.
זינגערין
טאַנצט זי שיכור,
שווער און גרינג,
שווער און גרינג,
מיט אַ שיינעם שקלאַפן־יונג.
כאָר טאַנצט זי שיכור,
שווער און גרינג,

שווער און גרינג,
מיט אַ שיינעם שקלאַפן־יונג.

זינגערין

זאָגט ער איר אַ מוהר צו —
אַ מוהר צו —
אַ גאָלדן בעכערל
מיט רו.

כאָר זאָגט ער איר אַ מוהר צו —
אַ גאָלדן בעכערל
מיט רו.

זינגערין

שליסט זי שין די אויגן צו
די אויגן צו
און זאָגט אַ דאַנק.

כאָר שליסט זי שין די אויגן צו
און זאָגט אַ דאַנק.

אכאבארא (פּאַטשט מיט די הענט)
עסן און געטראַנק!

די זיצנדיקע, ביים טיש (אין כאָר)
פאַרבייסן און געטראַנק!

(עס פּראַלן אַריין האַלב־נאַקעטע סאַרווער און סאַרווערינס מיט גרויסע הילצערנע טאַצן אָנגעפּילט מיט געבראָטענע פלייש, פאַרשידענע פּירות און ווײַנען און צעשטעלן דאָס איבער די טישן. עס גייט אָן אַ העפטיקע אַכילה, באַגלייט מיט געקלאַנג פון לעפל, מעסער און גאָפּל; מיט געפילדער און שיכורן געלעכטער. אינעם צעפּלאָנטערטן גערדענג צווישן די אײַלנדיקע סאַרווער, בלייבט פּלוצלונג שטיין פאַרן טיש פון אַכאַבאַראַ און פוטה, מיט אַ בעכער ווײַן אַ האַלב־נאַקעטער אין אַ שקלאַפן־גאַרטל — זבדי. די האַנט מיטן בעכער נעמט ציטערן. נעמט דעם בעכער ווײַן צום פּנים און אַ טרער פאַלט אַרײַן אינעם בעכער. פוטה רייבט זיך די אויגן, קוקט אים אָן ווילד און פרעמד. פון דער בימה שפּרינגט אַ האַלב־נאַקעטע אַראָפּ שיר־אל. שפּרינגט צו צו זבדי'ן כאַפּט דעם בעכער ווײַן און שפּריצט האַסטיק אָפּ אַכבאַראַס פּנים)

ירמיהו (טויכט פּלוצים אַרויס פון דער טונקלקייט. עס דערטראָגט זיך איבערן זאַל זײַן גלייכמעסיקע, קלאָרע שטים)
פון אַלע פיר פליגלען פון מײַן לאַנד
צו מיר דערגייען.

פֿון פּרויִען געשענדעטע און פֿון יתומים די פּיין און ווײ־געשרייען.
די געלעסטערטע טהרה פֿון מאַמעס און פֿון כלות.
כ׳וועל מיין לאַנד איינהילן אין שריפֿה־פֿלאַם ווי אין אַ טלית.
דער בעכער פֿון אומרעכט, פֿון רויב און פֿון יללה
איז, פֿון אייערע בייכער, נאָך איבערגעגאָסענער און פֿולער,
צעטרעטן וועלן די שפֿע פֿון מיין פֿרוכפּערדיקער ערד,
די טלאָען געפּאַנצערטע פֿון שונא׳ס שוים־שפּייענדיקע פֿערד.
די טויִען געבענטשטע מיט מיין מזל־ברכה צעשימערט מיט
דער פֿאַרב פֿון רעגנבויִגן,
וועלן הכנסת־אורחימ׳דיק באַשפּיגלען דעם שענדערס שפּיז און
פֿיילנבויגן.
דעם יאָמער פֿון די געפּייניקטע איך בין שוין מיד צו הערן.
בקרוב וועט מיין בית־מקדש חרוב ווערן!

פּ אָ ר ה אַ נ ג

זיבעטער אַקט

ערשט בילד

(אַרום ירושלים, הויכע בערג־אָפּהאַנגען און טאָלן, באַדעקט מיט נעפּלדיקן ליכט און דינע האַלב־שאָטנס. פונוויטנס זען זיך קוים באַלויכטענע קאָנטיקע און טורעם־אַרטיקע קאָנטורן פון הייזער, שייערן און שטאָלן. און צווישן זיי — דער שטיינערנער פּאָדער־לוח איבערן איינגאַנג פאַרן בית־מקדש, מיט די אויסגעקריצטע עשרת הדברות. המונים יידן טראָגן צעבערס ליים און אַקסל־קעסטלעך מיט ציגל און גלייך געהאַקטע שטיינער. אַנדערע יידן גייען צוריק מיט אויסגעליידיקטע כלים. אין אַ זייט שטייען צוויי אַלטע כהנים ביי אַ שוואַרצן רויען טיש. פאַרבייגייער וואַרפן אַריין אין די ליימענע שיסלען מטבעות פון פאַרשידענער גרייס און צורה, און אויך שטיקער אייזנברוך און קליינע שטאַבעס גאָלד און זילבער. שיר־אל, מיט אַ האַלב פאַרדעקט געזיכט אין אַן אָפּגענוצט שוואַרץ קלייד, ציט פון די קלייד־פאַלדן אַרויס די קליינע גילדענע שווערד — געשאַנקען פון שראצר דעם בבלי — לייגט זי פּאַמעלעך אַרויף אויפן טיש און גייט אַוועק מיט שנעלע טריט. די זיך אָפּשטעלנדיקע תורמים קוקן זי אָן מיט חידוש. יינגעלייט און מיטל־יאָריקע יידן מיט פּיילנבויגנס, בראָנזענע שילדן און שפּיזן איילן פאַרביי. פון מערב־זייט לאָזט די זון זיך אַראָפּ אין אַ רויטן רינג. זבדי, אין איינגעהויקערטן גאַנג, מיט אַ פּלייצע־קעסטל שטיין־פּליטן, שלאָגט זיך אָן אין דעם גראָ־בערדלדיקן ירמיהו. זיי קוקן זיך אָן אַ לענ־גערע ווייל. ירמיהו וויל העלפן אַראָפּציען די לעדער־באַנדן, זבדי לאָזט נישט).

זבדי מלחמה:
דער צורר לויערט.
(פּויזע. זבדי, אַן אויסגעבויגענער, שפּאַנט מיט די שטיינער, ירמיהו נעבן אים)
ערב דעם פאַלן פון ירושלים
האָבן די האַרן די פרייהייט אונדז געשאָנקען.
(קורצע פּויזע. זבדי שפּאַרט אָן זיין קעסטל אויף אַ פּאַס)

זבדי
האָסט אַמאָל געזען, ווי נאָכן איבערפּידלען דעם גאָרגל, לאָזט דער שוחט פריי דעם עוף?
(קוקט זיך דערשיטערט איין אין ירמיהון)
צי רעד איך מיט ירמיהו?

ירמיהו
דאָס בין איך.

זבדי ביסט דאָך איין יאָר עלטער פון מיין תמר.
און...
אַן אַלטער ייד ביסטו. (פויזע)
גורט זיך אַן מיטן קעסטל און שטעלט דעם ערשטן טריט)
כהאָב אַ סך זאַכן דיך צו פרעגן, נאָר...
די כשדימס טריפהנע געבליטן ברענען,
מען דאַרף מיט אונדזער פייער אָפּקילן זיי אַביסל (גייט אַוועק)

ירמיהו (קוקט אים נאָך מיט אַ ווייטיקדיקן בליק)
זאָל איין פאַרגעסעניש ווערן פאַרשווענקט און פאַרצערט
די נאַכט וואָס האָט זיך צום געבורט־ווי לעצטן
פון מיין מאַמען צוגעהערט.
און די בשורה אָנגעזאָגט פון מיין געבוירן.
זאָל די נאַכט פון גאָטס צייט־המשך גיין פאַרלוירן.
איך פאַרשעלט
דעם מאַן וואָס האָט
מיין טאַטן אָנגעזאָגט מיין קומען אויף דער וועלט.
זאָל זיין גורל זיין
פון אַ טומלדיק פאַרשטומטער שטאָט
באַלאַגערט פון חיילות, פון פרעמד־לשונדיקן שפּאָט.
הלמאי האָט דיין בליק איבער מיין וויגעלע געוואַכט
צי בלויז דערפאַר,
כדי דו זאָלסט פון מיין אויג אַרויס
די שוואַרצע בראָך פון דיין פאָלק דערזען?
דו בענקסט אַז די צוררים זאָלן זינגען דיר
אַ וויסטן לעסטער־שבח.
פאַרוואָס איז מיין קבר נישט געווען
מיין מאַמעס טראַכט?
דו מאַכסט איצט אַ יזכור־פאַרמעט פון מיין הויט,
פון מיין נישט דערשריגענעם געשריי. —
אַ געל תפילה־סידורל
פאַר דור־דורותדיקן וויי.
אַ זכרון־לוח
צוקאָפּנס דעם קבר פונעם לאַנד.

זבדי (קומט צוריק מיט דעם ליידיקן פלייצע־קעסטל און שטעלט זיך אָפּ)
דו און אַ פרעמדער ייד האָבן תמרן אַרויסגעראַטעוועט פונעם ברע־
נענדיקן הויז, אפשר ווייסטו וווּ זי געפינט זיך איצט?

(אַ המון פון פאַרשמירטע יידן מיט ליים און אָנגעלאָדענע פלייצעס מיט ציגל, שטיינער און אייזן־פּרענטן לויפן דורך די שמועסנדיקע. שיידט זיי פונאַנדער.

דער האָריזאָנט דעקט זיך צו מיט טונקל־בלאָען לבנה־ליכט. עס שטופּן זיך אין געדרענג, שאָטנהאַפטע מענער, פרויען און קינדער, באַגאָסענע מיט קלעפּיקן רויט, ווי מיט ליים. די אויבער־בגדים זענען צעקנעפּלט. פון די ברוסטן לייכטן געלע מגן־דודס. ירמיהו פּרווט זיך דערנענטערן צו איינעם. ער צעשווימט אינעם לבנה־ליכט. ער דערנענטערט זיך צו אַ צווייטן און אַ דריטן — אויך זיי פאַרווייען שוועבנדיק. ירמיהו, אַ פאַרווירטער, שטעלט זיך אין אַ זייט, קוקט און הערט זיך צו)

אַ יינגערמאַן (איינגעשמירט אין קלעפּיקן רויט)

שטייען מיר שוין ווידער אין געשלעג פאַרן זכות

(בלייבט שטיין מיט אַן אָפן מויל)

צווייטער יינגערמאַן

פאַר וועלכן ?

ערשטער

פאַרן זכות צו שטאַרבן מיט תהילים־מזמורים.

דריטער

מיט קדושה־טויטן פון גבורים

יונגע פרוי

מנצח זיין דאָס רחמנות פון דער וועלט

דורך אונדזערע פּחדים, אומדערשראָקענע ;

דורך אונדזערע נצחונדיקע מפּלות.

אַ מיידל

דוכט זיך מיר :

איך בין דאָך נאָר וואָס געפאַלן

אין אַ ווייטן, ווייטן גלות.

אָט טראָג איך נאָך אין האַנט

דאָס וואַרעמע געווער. (זי ווייזט אין דער האַנט אַ קליינעם רעוואָלווער)

עלטערער ייד

ווי קומען מיר דאָ אַהער ?

זקן **דעם שיבת־ציון אין שריפות אויסגעוואָרעמט —**

האָט זיך דער אויבערשטער דערבאַרעמט.

אַ יינגערמאַן

גאָט ?

די אומדערבאַרעמדיקייט האָט זיך דערבאַרעמט.

אַ ייִד (קוקט זיך איין אין די פֿאַרבייגייענדיקע, פֿאַרהאַוועטע — אין ליים איינגעשמירטע ייִדן)

עפּעס פּנימער,

יאָ באַקאַנטע און — נישט באַקאַנטע.

צווייטער ייִד

פֿון תנ״ך אחינו בני ישׂראל.

ערב דעם ערשטן חורבן.

דריטער ייִד

מיר קומען פֿון אַ שפּעטן וויִיטן יאָמער־טאָל.

אַ יינגערמאַן (מיט אַ געלער לאַטע)

זײַ אַ בריה

און די מגילותן פֿון די חורבנס

לויט אַ שטרענגן סדר פֿונאַנדערבלעטערן.

אַ מיידל (מיט אַ געלן מגן־דוד אויף די פּלייצעס)

איין חורבן איז אַ הקדמה

צו אַ חורבן צו אַ שפּעטערן.

(דער געזעמל מיט די געלע לאַטעס צעשווימט אין דער שאָטנדיקער פֿאַרנעפּלטקייט. ירמיהו גייט אַוועק. דער שטח ווערט ליידיק און איינגעשטילט. פּועה אין אַ צעפּליקט קלייד קומט אָן, קוקט זיך אַרום מיט אַ ווילדן בליק. דאָס אונטערשטע האַלבע פּנים איז פֿאַר־דעקט. זי קניט אַנידער, ציט פֿון די פּאָלדן פֿונעם קלייד אַרויס אַ קליינטשיק שמאַטקעלע, עפֿנט עס פֿונאַנדער, שיט אויף דער דלאָ־ניע פֿון דער לינקער האַנט אַרויס אַ קופּקעלע ווייסן פּולווער־שטויב און דערלאַנגט עס צום מויל)

אַ פֿאַרהוילענע שטים

איך וועל שטראָפֿן

פֿאַר צורייבן זיך אַליין דאָס לעבן!

פּועה (ציטערט אויף. העפּטיק)

איז, זאָלסטו די זינד מיר נישט פֿאַרגעבן.

מיין גאָט!

שוועב אַוועק פֿון מיר!

זאָל דיין ליכט זיך נישט מטמא זיין

מיט מיין לייבס געשענדעטן באַריר.

זאָל די ערד זיך מיאוסן

מיין גוף, אומווירדיקן, אין זיך צו טראָגן!

און נישט איינטוליען מיך אין איר געלעגער,

פֿאַרשטים, מיין מויל, אין דער אותו רגע,

אַז כ'זאָל נישט קאָנען דיר קיין ודוי־זאָגן.

(שלינגט איין דאָס ווייסע גרודקעלע שטויב, ברעכט קאָנוווּלסיוו זיך צונויף און בלייבט ליגן מיטן פּנים אַרויף. זי הייבט אויף עטלעכע רגעס אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום. פון דער טונקלקייט טויכן אויף זבדי און תמר, זיי שטרעקן צו איר די הענט. דער קאָפּ אירער פאַלט צוריק, בלייבט ליגן אומבאַוועגלעך. זעקס יונגע פרויען אין געשטרייפטע כאַלאַטן פון אַ טויטן־לאַגער אין פוילן, שטעלן זיך אַרום איר, איינע טוט אויס דעם כאַלאַט מיט אַ געלער לאַטע און פאַרדעקט די געשטאָרבענע)

אַ פרוי (פון דער גרופּע בייגט זיך אַראָפּ און שרייט אַריין אין אויער פון דער פאַרשטאָרבענער)

מיר האָבן שווייגעניש אַהערגעבראַכט דיר
פון דער ווייט,
כדי מיט ווערטער נישט מחלל זיין
דיין הייליקייט!

אינטערמעצאָ

(פּייזאַזש פון אַ קליין שטעטעלע אין פוילן. שפּעט אין אָוונט. די לבנה באַלייכט די נידעריקע הייזלעך מיט טיף אַראָפּגערוקטע דעכער, לייכט באַזילבערט. קעצלעך פויזען אַרום די געשלאָסענע טירן פון די שטיבן און געוועלבלעך, מיאַוקען פאַריתומט און פאַרלאָזן. אָנגעלויף פון פויערים און פויערטעס, באַהאָנגענע מיט פולע זעק, קוישן און שמוציקע בייכיקע פּעק. זיי צעשיטן זיך טומלענדיק איבער הייזלעך און געוועלבלעך. אין דער לופטן נעמען פינקלען לאָמען, אייזנס און העק, עס הערט זיך אַ קלינגענדיק ברעכן פון פרענטן און שלעסער. טירן פליען אַרויס פון די וויטרינעס. דאָ און דאָרט זעען זיך מגושמדיקע און באַשמירטע מיט ליים און קאַלך פּאַליאַקן, וואָס פאַרהייבן פלעשער איבער די אויסגעשפּיצטע מיילער. עס הערט זיך אַ טויב בולגאַטשען „בול־בול". לינקס פון דער בינע: די פראָנט־וואַנט פון שיל מיט פיר גרויסע, פינצטערע, געוועלבטע פענצטער. פונעם שיל־דאַך, צוגעבונדן מיט אַ דינעם דראָט, הענגט קרום אַראָפּ אַ לענגלעך ברייטע בלעך מיט צוויי האַלב־רונדן — די „לוחות" מיט די „עשרת הדברות". דער ווינט נעמט רעש באַוועגן מיט דער בלעך, וואָס שלאָגט זיך אָן אין דעם געזימס און אין די שויבן. דער בלעך־ און שויבן־געקלאַנג פאַרמישט זיך מיטן געקלימפּער פון די פאַלנדיקע פרענטן און די ברוך־קנאַקן פון די טאַנצנדיקע טירן פון די הייזלעך).

אין שיל אינעווייניק

(אַן אַלטער שמש אין אַ צעריסענעם אַרומגעגאַרטלטן כאַלאַטל און אַ געלע לאַטע אויף דער ברוסט, לייגט אום די שטענדערס, צינדט אָן ליכטלעך און טריפט זיי צו צו די ראַנד־ברעטלעך. עס קומען שטיל אַריין יידן פון פאַרשידענעם עלטער, בערדיקע און גלאַט־פּנימדיקע, אַלט־פרענקיש און מאָדערן געקליידט — מיט קליינע יינגלעך און מיידלעך ביי די הענט. די קינדער פּלאָנטערן זיך צווישן די דערוואַקסענע, האַלטן זיך אָן ביי די פּאָלעס און שפּילן זיך אין איילעניש אין „גראַד און אום". דער עולם זעצט זיך אויף די נידעריקע שטענדערס. זיי גראָבן איין די בליקן אין די געלע חומשים און סידורים. פון ערגעץ דערגייט דאָס שטילע, וויינענדיקע לייענען)

איכה ישבה בדד העיר רבתי עם,
היתה כאלמנה,
רבתי בגוים, שרתי במדינות,
היתה למס.
בכו תבכה בלילה
ודמעתה על לחיה,
אין לה מנחם מכל אוהביה,
כל רעיה בגדו בה,היו לה לאויבים.
„זכרה ירושלים ימי עניה ומרודיה,
כל מחמדיה אשר היו מימי קדם,
בנפל עמה בידי צר, ואין עזר לה,
ראוה צרים, שחקו על משבתה.
„קומי רוני בליל,
לראש אשמרה,
שפכי כמים לבך נכח פני ד'
שעו עליו כפיך על נפש עלליך,
העטופים ברעם בראש כל חוצות.

(אין דער טיר פון שיל בלייבט שטיין ירמיהו הנביא. זיין בליק בלאָנדזשעט איבער די מתפללים. ער צעוויקלט זיין טלית, פאַר־שטעלט זיך די אויגן, מורמלט שטיל אַ ברכה און וויקלט זיך איין אין טלית. מיט פאַמעלעכע טריט נידערט ער אַראָפּ פון די דריי טרעפּ, קרייזלט זיך דורך צווישן די שטענדערס, כאַפּט דאָ און דאָרט אַ בליק אין די צעבלעטערטע סדורים, טוט אַ האַסטיקן שפּרייז־צו צו אַ שטענדער און הייבט אונטער ביי דער באָרד

איינעם פון די זיצנדיקע. דאָס פאַרוויינטע פנים פונעם פרעמדן אורח קוקט אויף ירמיהון. פויזע)

ירמיהו (איינקוקנדיק זיך אַ לענגערע וויל אינעם יידס געזיכט)

דו דערקענסט מיך?

(אַ האַסטיק פּאַטשן איבער די חומשים און סידורים)

שטימען

שאַאַאַ!!!

בעל-תפלה

גדע בחרי־אף כל קרן ישראל
השיב אחור ימינו מפני אויב,
ויבער ביעקב כאש להבה,
אכלה סביב.

(די יינגלעך טייטלען אויף ירמיהו מיט די פינגער שווייגנדיק. פון די ברייטע ראַמען פון דער ווייבער־שיל קוקן אַראָפּ די פּני־מער פון וויינענדיקע פרויען פון פאַרשידענעם עלטער. ירמיהו קומט צו צום באַלקאָן־ראַנד פונעם „עזרת־נשים". פון דער הייך פאַלן אַראָפּ עטלעכע טרערן, וואָס צינדן זיך אָן אינעם פאַלן און פאַרבלייבן פינקלדיקע אויף ירמיהוס טלית. ער פאַררייסט דעם קאָפּ אַרויף. פונעם באַלקאָן־ראַס קוקט צו אים אַראָפּ דאָס פאַר־וויינטע פנים פון שיר־אל)

שיר־אל

ירמיהו!

(רעשיקער געפּאַטש איבער די סידורים)

שטימען

שאַאַאַ!!!

צווייטע פרוי

ער זעט אויס ווי ער וואָלט אַרויס פון מיין טייטש־חומש
צווישן די יידן וואָס גייען אַרויס פון מצרים.

(אַ רעשיקע געפּאַטשעריי איבער סידורים)

שטימען

שאַאַאַ!!!

(איבער די שויבן נעמען געדיכט זיך קרייזלען רויט־באַוועגלעכע פלאַמען. די שאָטנס פון די מתפללים נעמען האַסטיק טאַנצן איבער די ווענט פון שיל. צעיושעטע געקוויטשעריי פון דרויסן):

יודען העראַוס!
יודען העראַוס!

שנעל! שנעל!
דאָנער־וועטער!

(די ווענט פון שיל ברעכן זיך און פאַלן אום מיט קנאַקנדיקן קראַך, עס לויפן אַן באַוואָפנטע מונדירטע דייטשן מיט אויס־געשטרעקטע באַגנעטן. די יידן, מענער און פרויען, לויפן אין צעטומלעניש. דייטשן יאָגן זיי):

דייטשן
לאָוס! לאָוס!
פאָרווערטס! פאָרווערטס!
שנעל! שנעל!

(עס לויפט פאַרביי אַ געטריבענער ייד, דרייט אויס דאָס פּנים. ירמיהו דערזעט עוזיאל רופא. אַ געזעמל קינדער ווערן געטריבן פון דייטשע באַגנעטן, זיי דרייען אויס די פּנימלעך. ירמיהו דער־קענט די חברימלעך, וואָס האָבן אים גערופן צום קריאת־שמע־לייענען. אַ דייטש שטופּט אונטער מיט אַ פּיקע אַן אַלטן ייד מיט אויפגעהויבענע הענט. ער דרייט אַ רגע אויס דאָס פּנים. ירמיהו זעט דאָס פּנים פון זיין מלמד משולם. אַ דייטשער סאָלדאַט טרייבט מיט אַ פּיקע אַ מיטליאַריקן ייד. ער דרייט אין געלויף אויס דאָס פּנים, און ירמיהו זעט — זיין פאָטער חלקיהו. ירמיהו ציט אויס די הענט און אַ דייטש טרייבט פאַרביי אים — תמרן. אין אַ רגע אַרום לויפט פאַרביי מיט אויפגעהויבענע הענט — זיין מאַמע. ער לאָזט זיך לויפן נאָך איר, עס פאַרשטעלט אים אַ לויפנדיקער שטראָם פון געטריבענע און געשלאָגענע מחנות יידן מיט אויפגעהויבענע הענט. ירמיהו פאַלט אינעם געלויף איבער אַ גרויסן שטיין. פויזע)

ירמיהו (שטיל, מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ)
ממרום שלח אש בעצמותי,
וירדנה.
פרש רשת לרגלי,
השיבני אחור
נתנני שוממה.

(פאַלט אויפן שטיין אַן איינגעבייגלטער און נעמט אַריין דאָס פּנים אין די הענט).

(פויזע. דער הימל צעפלאַקערט זיך מיט כוואַליעדיק, באַוועגלעכן רויט. אַ געזעמל מיידלעך אין געשטרייפטע כאַלאַטן פון אַ קאָנצענ־טראַציע־לאַגער לויפט דורך מיט אויפגעהויבענע הענט. נאָך זיי לויפט נאָך תמר)

תמר (אין צעשראָקענעם געשריי:)

דאָס בית־מקדש ברענט!

אַ מיידל (אין אַ געשטריפּטן כאַלאַט שרייט תמרן אין פּנים אַריין)

די יידישע גלותן ברענען!

(תמר דערשרעקט זיך, קוקט אָן ווילד די מיידלעך, בייגט דעם קאָפּ און דערזעט די פאַרשטאַרבענע מוטער. זי קניט אַנידער, דעקט אָפּ דער טויטערס פּנים און פאַלט צו צו איר מיט פאַרדושעטער געהעשעריי. צוויי מיידלעך נעמען אָן תמרן פאַר די הענט. פיר מיידלעך הייבן אויף פועהן און פאַרשווומען אינעם רויטן, אומרויקן ליכט. דער שטח בלייבט עטלעכע רגעס ליידיק. פויזע).

אַ קליין יינגעלע מיט שוואַרצע פּאהלעך, אָנגעטאָן אין די שטייגער־מלבושימלעך פון אַ קליין שטעטל אין פוילן. ער האַלט אין דער לינקער האַנט אַ פאַרלאָשן געפאַלדיקט פאַפיר־לאַמטערנדל, שטעלט זיך אין אַ זייטן־ווינקל. ער קוקט זיך אַרום, זעצט זיך אויף דער ערד, נעמט פון הינטער דעם שוואַרצן כאַלאַטל אַרויס אַ חומשל און צעמישט די בלעטלעך. (פויזע)

אין עטלעכע רגעס אַרום קומט אַריין נאָך אַ יינגעלע, ענלעך צום ערשטן, אויך מיט אַן אויסגעלאָשן פאַפירן־לאַמטערנדל, זעצט זיך נעבן ערשטן יינגל און נעמט אַרויס אַ חומשל פון הינטערן כאַלאַטל)

ערשט יינגל

סאיז פינצטער צו לערנען. (פויזע)

ווען מיר קאָנען אַזוי אָנצינדן אַ לאַמטערנדל,

וואָלטן מיר געלערנט אַ פּרשה חומש מיט רש״י.

(צווייט יינגעלע ווייזט אויפן אָנגעצונדענעם הימל)

ביים פייער פונעם ברענענדיקן בית־מקדש

מעג מען אָנצינדן אַ ליכט צו לערנען תורה?

צווייט יינגל

ס׳איז אפשר אַ חילול השם!

ערשט יינגל

אדרבא:

דאָס ליכט פון בית־מקדש ברענט אויס,

דאַרפן קינדער פון דאָס ניי אויפצינדן דעם נר תורה.

ערשט יינגל

כ׳האָב נאָך נישט געהאַט באַוויזן

צו לערנען דעם „כבתא זקוק לו״.

(ער דראַפּעט זיך אַרויף אויף דער דערנעבנדיקער צעשפּאָלטענער מויער, הייבט הויך אויף זיין לאַמטערנדל און טינקט עס איין אין

דער פּיערדיקער הימלרויטקייט. דאָס ליכטל אינעווייניק צינדט זיך אָן. ער שפּרינגט אַראָפּ און זעצט זיך אויפֿן פֿריערדיקן אָרט)

צווייט יינגל

לאָז מיך אָנצינדן ביי דיין ליכטל.

(בייגט זיך צו זיין לאַמטערנדל און צינדט אָן דאָס ליכטל)

ערשט יינגל

ביסט אַ מבין ווי איין ייד קאָן דעם צווייטן ליכטיק מאַכן?

ביידע לאַמטערנדלעך צעלייכטן זיך מיט העלער ליכטיקייט. לייגט אַרויף די האַנט אויף אַ בלעטל פֿון זיין חומש)

דוכט זיך,

ביי דעם פּסוק אונדז איבערגעריסן.

צווייט יינגל (קוקט אַריין אינעם חומשל פֿון ערשטן יינגל)

געדענקסט אויף זיכער?

ערשט יינגל

זיכער?

ניין, איך בין נישט זיכער. (פּויזע)

דאָס איז אָבער אַ פּרשה וואָס איז אונדז נוגע

ס׳רעדט זיך דאָ וועגן דער עקדה.

צווייט יינגל (לערנט פֿונעם חומשל)

וישלח אברהם את ידו

ויקח את המאכלת לשחוט את בנו;

האָט אברהם אויסגעשטרעקט זיין האַנט

צו שעכטן זיין זון.

ערשט יינגל (פּאַרטיפֿט אינעם חומשל)

ויקרא אליו מלאך ד׳

האָט דער מלאך פֿון גאָט צו אים גערופֿן:

אַל תשלח ידך...

ניטע;

שטרעק נישט אויס דיין האַנט צום יינגל

און טו אים גאָרנישט. (פּאַרטיפֿן זיך אין די חומשלעך)

עפּעס איז מיר דאָ קשה.

צווייט יינגל

זע נאַר, זע נאַר.

קליינע יינגלעך פֿאַרשטייען גאָרנישט,

דאַרפֿן זיי קיין קשיות נישט פֿרעגן.

ערשט יינגל

אונדזערע נשמות זענען עלטער

פון די גופימלעך,

ווו זיי ווײנען.

צווייט ייִנגל

אויב אַזוי;

מעג דיר שוין קשה־זײַן אַ פּסוק פון דער תּורה,

דהיינו?

ערשט ייִנגל

גאָט איז קודם כּל

אַן „אל מלא רחמים״.

צווייט ייִנגל

אַ שאלה,

דער „יזכור״ הייבט זיך אָן מיט די דריי ווערטער.

ערשט ייִנגל

און דאָס געוויין פון קלענסטן ווערעמל דערהערט ער.

האָט ער נייטיק באַדאַרפט

דעם צער פון אַן אַלטן טאַטן?

און נאָך דעם ערשטן ייִד דערצו?

צווייט ייִנגל

מיך אַרט אַן אַנדערע זאַך;

ערשט ייִנגל

דהיינו?

צווייט ייִנגל

ברענגען יצחקן אויף דער עקדה

האָט דער אייבערשטער אַליין באַפוילן,

און די שחיטה אָפּצושרייען

האָט ער געשיקט אַ מלאך;

דער שכל איז מחייב פאַרקערט.

ערשט ייִנגל

מיין סברה איז,

אַז, ווען אַ מלאך ברענגט אברהמען די גזירה,

וואָלט ער מיט בזיונות אים אַוועקגעטריבן.

— היתכן? — וואָלט ער אים געפרעגט:

מלאכים קומען מיר אָנזאָגן די בשורה

„והנה בן לשרה אשתך״

איצט פאַרלאַנגסטו, אַז כ׳זאָל אים אַ קרבן־ברענגען?

(אַ העכער ייִנגל קומט אַריין אינעם זעלבן לבוש, כאַפּט אַ קוק אינעם חומש פון ערשטן ייִנגל, טוט רעש אַ מיש מיט די בלעטער)

פריש־געקומענער

יצחק איז געווען: א י י נ ס.
טאָ צו וואָס האָט אים גענוצט
איין קרבנדל אַ קליינס?
האָט ער אים געלאָזט דערוואַקסן ווערן.
גערולדיק צוגעוואַרט
ביז די שיינע כלה רבקה וועט אים אַרומהאַלדזן
הייס און צאַרט,
און חתנוה־האָבן
און ווי זאַמד און שטערן
זאָלן די קינדערלעך זיך מערן.
און מקבל זיין די תורה
און מצוות און מעשים־טובים טאָן.
און — צו דער עקידה —
זעקס מיליאָן.

(ביידע יינגלעך כאַפּן זיך אויף צערייצטע. פאַרשטאָפּן זיך מיט די פינגערלעך די אויערן,

ערשט יינגל (איפּעריק)

פושע ישראל!

צווייט יינגל

אַ חילול השם!
דער אייבערשטער וועט שטראָפן.

פריש געקומענער (מיט ביטערניש)

מיט וואָסערע שטראָף?
ג י ה נ ו ם?

צעלאַכט זיך הויך און צעשאָטן, דאָס געלעכטער גיסט זיך איבער אין אַ דין שפּיציק געוויין. פאַרשווינדט. דאָס געוויין הענגט נעפּלדיק איבער דער בינע אַ לענגערע ווייל. עס שטראָמט אַריין אַ מחנה קינדער אין דעם אייגענעם שטייגער־לבוש מיט אָנגעצונדענע פּאַפּירענע, צעפּאַלדיקטע לאַמטערנדלעך און פאָכען מיט זיי אין דער לופט)

א יינגל מיט אַ ניגון פון חדר)

און אַז נבוזרדן וועט פאַרטרײַבן
די יידן אין גלות אַריין,
וועט די מאַמע רחל אַרויס פון איר קבר
און וויינען און בעטן צו גאָט.

צווייט ייִנגל (אין פּאַרטראַכטקייט)

וווּ זענען מיר איצט בעצם?

דריט ייִנגל

מיר זענען, דוכט זיך,

פון חורבן אַוועק

שוין אויף טויזנטער יאָרן.

פערט ייִנגל

אין חקר:

גיי און דערגיי,

צי דאָס בית־מקדש ברענט — פאַר אונדז;

אָדער להיפך.

פינפט ייִנגל

יסורים אויף קיילעכדיק.

זעקסט ייִנגל

גלגל החוזר.

זיבעטער (מיט אַ חדר־ניגון, פון זיין חומשל אַרויס)

מימינו אש דת למו;

זאָגט אויף דעם דער רש״י...

אַכטער (רייסט אים איבער)

אין צייט פון חורבן בית־מקדש

איז נאָך נישטאָ קיין רש״י.

ניינטער

פילדער נישט;

„אין מוקדם ומאוחר בתורה״

און — אויף דער הייליקער תורה פרעגט מען נישט קיין קשיה.

זיבעטער (נאָך אַ קורצער פויזע)

כלומר:

זאָגט דער רש״י:

די תורה האָט ער געשריבן מיט...

מיט שוואַרץ פייער אויף ווייס פייער...

אַכטער

ווייס פייער,

שוואַרץ פייער,

הימל און ערד און — פייער.

ניינטער

און אפשר זענען מיר דאָס

די „אותיות פורחות״?

(פרעמדער אורח קומט אַן, קוקט זיך זיך איין אין די פנימער פון

די יינגלעך, ציט פון בוזעם־קעשענע אַרויס אַ פאַרגעלט העפטל, צעבלעטערט עס און קוקט אַריין מיט פאַרזשמורעטע אויגן)

פרעמדער אורח

ס'איז מיר פינצטער צו לייענען.

(די יינגלעך רינגלען אים אַרום, בייגן די לאַמטערנדלעך צו צום ספרל. פרעמדער אורח לייענט שטיל)

פלעמלעך פון לאַמטערנדלעך פון ווייסן זייד־פאַפיר
פלאַטערן אין שטעטל אום פאַרלוירן און פאַרווירט.
לאַמטער־האַרמאָניקלעך צעפאַלדיקטע אינעם נאַכט־ווינט קלאַגן,
נאָך די חדר־יינגלעך מיט זייער ווייסן ליכט באַצוואָגן.
איין ליכט־האַרמאָניקל, מיט ווייכן ליכט אַרומגעוואַשן,
זוכט דאָס קליינע תלמידל פון חומש און פון רש״י.
טוט אַ יינגל זיין פנימל אין לאַמטערן־פלעמל אַ פאַרנורע;
ואני;
און איך...

אַלע יינגלעך (אין כאָר)

כאַטש איך בין דיך מטריח מיט מיין קבורה... (קליינע הפסקה)

אורח טוט איין ליכטל ראַש אַ פלעמל אויף
זיין יינגלס שטים דערקאָנט.

אַלע יינגלעך (מיט אַ ניגון פון חדר)

אָבער מיט דיין מוטער רחל
האָב איך אַזוי נישט געטאָן,

פרעמדער אורח (מיט פאַראיבל)

קוים הייבט איר אָן מיט אייערע קינדערישע שטיק
ווערט מיר פינצטער אינעם ספרל... (קליינע הפסקה)
ווייסע ליכט־האַרמאָניקלעך בלינצלען אין דער נאַכט.
און זוכן זייערע חדר־יינגלעך — אין טרעבלינקע אומגעבראַכט.
טרעפן זיי מיך אַ געקאַרטשעטן אין אַ פינצטער ווינקל שטיין.
באַפאַלן זיי מיך צעפלאַשעטע מיט זייער שטיליטשקן געוויין.
אַנטלויף אין אַ דערשראָקענער באַליכטיקט מיט זייער שרעק,
פאַרקרייזלען זיי זיך אַרום מיר און לאָזן נישט אַוועק.
פאַררינגלען זיי מיך פינצטערניש מיט זייער שטילער פיין,
הער איך זייער יתומים־יאָמער אין מיין אייגן בלוט אַליין.
און אָנשטאָט פלעמלעך — ווייסע חדר־יינגלעכס טרערן.
פלאַטערן אין געסעלע — אַ פאַרלאָשענער לאַמטערן. (קליינע פויזע)

אַ יינגל (שפרינגט אַרויף אויף אַ צווייטנס אַקסל, שרייט דעם אורח אין אויער אַריין)

— ר' ייד!

איר זענט „בשר ודם"

אָדער „עליו־השלום"? (פּויזע)

צעהושט לאַ־עלינו.

צווייט יינגל

ער הערט נישט.

דריט יינגל (צום יינגל אויפן אַקסל)

שריי העכער!

פערט יינגל

ס׳אַ הוה־מינה אַז מ׳קאָן פון אים עפּעס געוואָר ווערן.

יינגל אויפן אַקסל (שרייט דעם אורח אין אויער אַריין)

ר׳ ייד! (אַ שווייגן. צו די יינגלעך אַרום)

שריי היינט, שריי מאָרגן (אַ רגע הפסקה. יינגל אויפן אַקסל)

איר הערט מיך, — צי ניין?!

אַ יינגל פונעם געזעמל

דאָס דוכט זיך דיר,

אַז דו שרייסט.

צווייט יינגל (טרויעריק)

מיר האָבן נישט קיין געשריי.

אַ יינגל (רירט אָן זיין האַלדז מיט די פינגער)

די גאָרגלען זענען איבערגעשניטן.

יינגל אויפן אַקסל (אין אויער אַריין פונעם אורח, מיט אַ כאָרכלדיקער שטים)

ר׳ ייד!

פאַרוואָס ענטפערט איר נישט?

אורח (טוט האַסטיק אַ כאַפּ אַרויס דאָס לאַמטערנדל פון יינגלס האַנט, באַלייכט די פנימער פון די קינדער. קוקט אַ לענגערע ווייל זיך איין אין זיי. לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, גלייכט זיך פלוצלינג אויס, פאַכעט מיטן לאַמטערנדל און שרייט אַ באַנומענער)

אַרויס פון דאַנען!

גייט אין אייער רו אַריין!

(צעפלאָשעטער געלויף)

אַ יינגל (אַוועקלויפנדיק)

אַ ווו טרייבסטו אונדז, אַ ווו?

צווייט יינגל (אַפּלויפנדיק)

קום,

ווייז אונדז ווו דאָס אָרט געפינט זיך?

דריט יינגל (אַוועקלויפנדיק)

„אין אייער רו"

כי־כי־כי.

(די קינדער צעשווימען אין דער נעפּל־טונקלעניש, דער פרעמדער אורח קוקט זיך אַרום אַ פאַרווירטער.

קינדער־קולות (אינעם חלל)

ואני, און איך...
כאָטש איך בין דיך מטריח מיט מיין קבורה;
אָבער מיט דיין מוטער רחל
האָב איך אַזוי נישט געטאָן.

פאָרהאַנג

(אַ שטח מיט שוואַרץ־פאַרקוילטע שטיקער ווענט, עטלעכע שאַרף אויסגעבויגענע, רויכערנדיקעביימער, אומפאָרמיקע שוואַרצע לעכער אין די ווענט. איבערן הימל הענגט אַ געדיכט־וואָלקנדיקע רויטקייט. אין דער מיט פונעם שטח אַ פאַרהעכערונג צונויפגעפעסטיקט פון שוואַרץ־פאַרקוילטע קלעצער, באַלקנס און ברעטער. אין דער מיט — אַ טיש געדעקט מיט אַ רויט טישטעך, מיט שימערירנדיקע זילבערנע פראַנזן און טראָלדן. אויפן טיש — אַ בראָנדזענער ביוסט פון נבוכדנצר. עטלעכע מאַסיווע טאַבורעטן אַרום טיש. די העכערונג איז אַרומגענומען מיט אַ נידעריק־רונדער באַריערע פון מאַסיווע שטיינער, מיט אַ שמאָלער עפענונג פאַר אַ דורכגאַנג. פון דערווייטנס הערן זיך רויע שיכורע אומפאַרשטענדלעכע רייד, קולות און צעשאָטענער געלעכטער. מאַסיווע פינצטערע געשטאַלטן שוועבן פאַרביי, דער בראָנדז אויף זיי רויטלט זיך מיט שאַרפער פאַרב פון בלוט. פון אַ זייטיק ווינקל טויכן אַרויס, ווי פון אַ נעפּל, צאַרט־ליכטיקע ליניעס פון יונגע מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט, יינגעלייט און מיידלעך מיט קרוגן אויף די אַקסלען, פון וואַנען עס גייט אַרויס אַ פאַרע. אויפן אַנגעצונדענעם האָריזאָנט, פון אַ ווייטלעכן באַרג זעט מען באַפּאַנצערטע כשדים, ווי זיי שפּאַנען־אָן זייערע פיילנבויגנס און שיסן צו יידישע קעמפער, וועלכע ענטפערן מיט פיילן. פון ערגעץ ווו נאָענט פונעם שטח הערן זיך וויינענדיקע יידישע תפילות)

יבושו כל עבדי פסל
המתהללים באלילים,
אמרתי להוללים אל תהלו
ולרשעים אל תרימו קרן.
אזמרה לאלקי יעקב

וכל קרני רשעים אגדע.
הדעת בעמים עזך
גאלת בזרוע עמך —
בני יעקב סלה.

(עס לויפן דורך יינגעלייט, מענער, פרויען און קינדער מיט אויפ־גערויבענע הענט. הינטער זיי — באוואפנטע בבלישע סאלדאטן מיט אויסגעשטרעקטע פינקלדיקע שפיזן, טרייבן אונטער די געפאנגענע מיט שיכורער קוויטשעריי. (לענגערע פויזע)

פון הינטער א פארקוילטער וואנט וואקלט זיך ארויס א שווער באוואפנטער כשדי. קוקט זיך ארום, מאכט מיט דער שפיז א האלב־קרייז ארום זיך. ווישט אפ מיט א צויט פון זיינע קורצע הייזלעך דאס בלוט פון זיין שפיז און זינגט מיט א פלאנטערנדיקער צונג)

איך בין נבוזרדנס הינטיש געטרייער קנעכט און העלד;
איך רויב און מארד און טו וואס מיר געפעלט.
די באזיגטע מיידן מוזן פאלגן וואס איך הייס,
איך בין אומבאזיגט און דרייסט,
לייג אוועק אויף טרוקן און אויף נאס —
צום רום פון מיין געץ דעם שטארקן פון פרס.

צוויטער סאלדאט (קומט אפער פון א פארקוילטער אייגעקרומטער וואנט און זינגט)

מיין אפגאט איז דער גרויסער קיניג נבוכדנצר
און די העברעער זענען מלחמה־העצער.
מיר פארטיליקן און זייער טעמפל מיר פארברענען,
ווייל זיי ווילן אונדזערע געצן, הייליקע, נישט קענען.

(וואקלט זיך צו צו דער שטיין־באריערע, שטויסט זיך אן אינעם ערשטן סאלדאט)

ערשטער סאלדאט (אין כעס)

צו אלדע רוחות:
קריכסט ארויף אויף מענטשן.

צוויטער סאלדאט (קוקט אן דעם ערשטן)

גרגל?

ערשטער

נהור? (גיבן זיך די הענט)

גרגל

עך, ברודער נהור,
מען קריכט אין זומפ
ביז איבער דער קאסקע.

נהור איך האָס די פרעמד־גלויביקע העברעער.
גרגל האָסט פריער גערעדט וועגן...
נהור וועגן וואָס?
גרגל וועגן מענטשן,
אַז איך קריך אויף מענטשן,
איך פרעג:
וואָסער שייכות האָט דיין בראָנז־בלעכערישקייט
מיט „מענטש״?
נהור ווי אַזוי רעדסטו צו מיר?
גרגל זאָל נישט גרימען דיין איידעלער צאָרן,
ביי אונדזער הויפּטמאַן זענען מיר — רציחה־קנעכט,
ביי די העברעער זענען מיר פרעמדשפּראַכיקע מנובלים.
טאָ ווען בלייבט אונדז איבער צייט צו זיין מענטשן?
נהור מען דאַרף טראַכטן בלויז וועגן העכערן ראַנג;
דורך העלדישע שעכטערייען קאָן איך זיך דערדינען
צו דער דרגה פון אַ פעלד־כלי־טרעגער פון נבוזרדנס פערד.
גרגל באַ, אפילו פון נבוזרדנען אַליין.
נהור דו חוזקסט פונעם געטלעכן הויפּטמאַן פון זיגערישן בבל.
גרגל פאַרגראָב דיין מאָרדע דיר אין זאַמד, קאָלעגע נהור.
אַ קריגער אין אַ באַצוואונגען לאַנד
מעג רעדן וואָס ער וויל.
אויף דעם האָט מען מיך אָנגעשיכורט
אַז מיין צונג זאָל טאַנצן. (פּויזע)
וואָסערע אויסטערלישע אומה,
די יהודעער;
זיי זענען נישטיק ווייניק.
זיי ליגן דיר פאַר די פיס געשאָכטענע
און — זיגן...
(אַ כשדישער סאָלדאַט קומט אָן)
כשדי צוליב עפּעס אַ נישט זעעוודיקן גאָט.
זיי זענען מפקיר לייב און לעבן
און פאַלן מיט געזאַנג.
נהור ווילדע לייט.
גרגל חרוב, אונדזער צענטוריע־הויפּט האָט דערלאַנגט אַ קליין
פּרעכטיק געצעלע צו די ליפּן פון אַ יידיש מיידעלע,
צוגעזאָגט איר אַ גילדענעם שקל, אויב זי וועט עס אַ קוש טאָן.
האָט זי געזאָגט, אַז דאָס געצל זאָל איר אַליין זאָגן,
זי זאָל איר אַ קוש טאָן.

נהור יידישע חוצפה.

גרגל האָט חרון זי געפרעגט, צי איר גאָט האָט שוין אַמאָל גערעדט מיט איר.

— ניין, האָט זי געענטפערט,
האָב איך טאַקע אים נאָך קיין איין מאָל נישט געקושט,
און דאָס — אַ פּיצעלע, אפשר פיר יאָר אַלט. (פּויזע)
זי האָט, פאַרשטייט זיך, ס׳איריקע באַקומען —
אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אין אַ קאַנט פון אַ שטיין.
(גרגל צעוויינט זיך)

נהור מיט אַזאַ ד... האַרץ וועסטו קיין מאָל נישט אַרויפגיין העכער.

גרגל (צעווילדעוועט)
צו וואָס האָבן זיי מיך דאָ אַהערגעבראַכט ?

נהור דאָס איז שוין נישט ווייט פון מרידה.

גרגל אויב וויל ווער נישט קושן מיין גאָט
דאַרף איך אים אומברענגען ?
און — אַ קליין קינד דערצו ?

(אַלע דריי סאָלדאַטן גייען אַרויס. עס הערט זיך צעליאַרעמטער טראָמפּייטן־שאַל, עס מאַרשירן אַריין מיט געמאָסטענע, הויך־קלינגענדיקע טריט צען כשדישע שיין־מונדירטע סאָלדאַטן אין פינקלדיקע פאַנצערס, העלמען און לאַנגע שפּיזן. זיי מושטערן זיך אין אַ שפּאַליער, הייבן אויף די שפּיזן. שראַצר, אין אַ גאָלדענעם העלם מיט ברייטע פליגל, אין אַ פּורפּורענעם טוניק, שפּרייזט דורך מיט שטייפער פייערלעכקייט, שטייגט אַרויף אויפן פּאָדיום און זעצט זיך צום טיש. די סאָלדאַטן רוקן זיך אָפּ אויף אַ ווייטלעכן מרחק. צוויי יינגעלייט אין געוויינלעכן לבוש, שראַצרס יועצים, שטייגן אַרויף. שראַצר באַגריסט זיי מיט אַ פריינטלעכן האַנט־באַוועג. זעצן זיך פוןביידע זייטן טיש.

צוויי סאָלדאַטן פירן אַריין אַ מיטליאָריקן נעגער מיט גע־בונדענע הענט. פירן אים צו צום פּאָדיום. בלייבן שטיין)

יינגערמאַן (ביים טיש)
באַפרייען אים די הענט.

(איין סאָלדאַט בינדט אויף די הענט ביים נעגער, דער צווייטער דערלאַנגט אַ צונויפגעראָלטן קליינעם פּאַרמעט. צווייטער ייגערמאַן נעמט עס פון אים. די סאָלדאַטן רוקן זיך אָפּ הינטערווייטלעכץ אויף אַ קליינעם מרחק. יינגערמאַן צעוויקלט דעם פּאַרמעט, לויפט מיטן בליק איבערן כתב. לייענט פּאַמעלעך :)

„טרייער הויף־משרת ביים יידישן קיניג צדקיהו.

שראצר

דאָס איז עס אין גאַנצן?

יינגערמאַן

אַ פריינט פונעם יידישן נביא ירמיהו.

שראצר (צום נעגער)

דאָס האָסטו אַרויסגעגנבעט דעם נביא פון דער הויף־וואַכטע פונעם קיניג?

(נעגער בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ אַלס צייכן פון הסכמה)

צווייטער יינגערמאַן (צו שראַצערן)

דער הייליקער יידישער מאַן איז נישט קיין שונא פון בבל.

שראצר

איך ווייס וועגן דעם.

ער האָט די גאַנצן צייט גערופן צו הכנעה כלפּי אונדז.

(קליינע פויזע. ערשטער יינגערמאַן פּאַטשט מיט די הענט, די צווי סאָלדאַטן דערנעטערן זיך)

שראצר (צו די סאָלדאַטן)

האָט ער זיך געוועהרט מיט וואָפן קעגן אייך?

ערשטער סאָלדאַט

נישט געווערט זיך.

(שראַצר ציט אַרויס פון די פאַלדן פון זיין טוניק אַ קליינעם פּערגאַמין, צעוויקלט און לייענט עטלעכע מאָל איבער דעם כתב, בייגט זיך אַריבער דעם טיש און דערלאַנגט עס דעם נעגער)

ערשטער יונגערמאַן (צום נעגער)

דו ביסט פריי!

(שראַצר מאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, ער זאָל אַוועקגיין)

נעגער (מיט העפטיקייט)

איך וויל נישט זיין פריי!

טוט מיט מיר דאָס וואָס איר טוט מיט אַלע יידן!

איך וויל געפייניקט ווערן פונקט ווי זיי.

זייער גאָט איז מיין גאָט,

זייער גורל איז אויך מיינער.

(סאָלדאַטן שטופּן אים אַרויס. אַ קליינער אָפּטייל סאָלדאַטן מאַרשירט דורך. שראַצר און די צוויי יינגעלייט הייבן זיך אויף פון די בענקלעך און באַגלייטן מיט די בליקן די אָפּמאַרשירנדיקע. צען סאָלדאַטן פירן אַריין אַ גרופּע יידישע יינגעלייט און מיידלעך מיט מידע פּנימער צעריסענער הלבשה און צעשויבערטע האָר)

ערשטער סאָלדאַט (שטעלט זיך אויף אַכטונג)
מורדים קעגן הייליקן גאָט פון בבל.

שראצר
פּרטים: אין וואָס באַשטייט זייער פאַרברעכן?

צווייטער סאָלדאַט (שטעלנדיק זיך שטייף)
די מיידן האָבן געגאָסן אין אונדזערע פּנימער קאָכעדיקן אייל.
און די יונגען זענען אונדזער רעגימענט באַפאַלן מיט פרענטן,
מעסערס און העק.

ערשטער יונגערמאַן
אויף וועלכן אָרט און ביי וואָסערן מצב?

סאָלדאַט
ביים אונטערצונדן זייער בית־מקדש.

(דער יינגערמאַן פליסטערט עפּעס שראצרן אין אויער. שראצר גייט אַראָפּ פונעם פּאָדיום, קוקט זיך איין אין די געפאַנגענע און דער־לאַנגט איינעם אַ קלינגענדיקן פּאַטש. איינער פון שראצרס יינגעלייט נעמט אַפּער פון אונטערן טיש אַ בינט האַנט־קייטן. ביידע יינגעלייט גייען צו צו די געפאַנגענע און שליסן אַרונטער זייערע הענט)

שראצר
(צאָרנדיק)
נישטיקע ווערעם!
איר פאַרמעסט זיך קעגן מעכטיקן מלכות בבל?
מורדים פאַרשאָלטענע!
אונדזער געטלעכער קעניג וועט אייך צערייבן אויף שטויב!

(פויזע. שראצר פּאַטשט מיט די הענט. סאָלדאַטן לויפן צו און שטעלן זיך אויס פאַרשטייפט אין צוויי שורות)

שראצר
צונויפשליסן זיי אין קייטן.

(די סאָלדאַטן כאַפּן די קייטן פון דעם יינגנמאַן, שליסן מיט רעשיקן געקלימפּער צונויף די הענט פון די געפאַנגענע, שטעלן זיך צוריק פאַרשטייפטע)

שראצר
פירט זיי אָפּ צום עקזעקוציע־הויף
אין דער קאַמער פון די צום טויט־פאַרמשפּטע!

ערשטער סאָלדאַט (צו די געפאַנגענע)
אַכטונג!

(די סאָלדאַטן נעמען אויסשטעלן אין צוויי גלייכע שורות די געפאַנ־גענע)

א סאָלדאַט (אָנצילנדיק די שפּיז אויף די ערשטע צוויי געפאַנגענע)
היידאַ! (די געפאַנגענע שטעלן די ערשטע טריט)
שראַצר (מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג מיט דער האַנט)
האַלט!
שראַצר (די געפאַנגענע און די סאָלדאַטן שטעלן זיך אָפּ)
קיניגלעכע וואַך־סאָלדאַטן, אַכטונג!
(סאָלדאַטן שטעלן זיך אויס אין אַ שטייפער פּויזע)
שראַצר
אָפּמאַרשירן אויף אַכט הונדערט טריט
פון יענער זייט אַרומצוימונג.
איך דאַרף עפּעס נאָך פון זיי אַרויסקוועטשן,
איידער איך שיק זיי אָפּ אין זייער רחמימדיקן פאָטערס קעניגרייך...
(ער דערלאַנגט דעם ערשטן סאָלדאַט אַ קליינעם צונויפגעוויקלטן פּערגאַמין. סאָלדאַטן מאַרשירן אָפּ מיט קלאַפּנדיקע טריט. שראַצר קוקט זיך אַרום, דער שטח איז פריי און שטיל. פון גאַר ווייט דער־טראָגן זיך רויע, דראָענדיקע קולות)
שראַצר (צום ערשטן געהילף)
קוק אַרום די סביבה און סיגנאַליזיר.
(געהילף פאַרשווינדט אין דער טונקלקייט. צווייטער געהילף שליסט אויף די קייטן און באַפרייט די הענט פון די געפאַנגענע. שראַצר ציט פון די פאַלדן פון זיין טוניק אַרויס אַ בינטל פּערגאַמין־בלעט־לעך, צעטיילט עס צווישן די געפאַנגענע. ער ווייזט זיי מיט אַ פינגער אין דער ריכטונג צו צפון־מערב. די געפאַנגענע קוקן זיך איבער דערשטוינטע)
שראַצר
גייט שטיל און איינציקווייז אַרויס, מיט די כתיבהלעך זענט איר אַריין אינעם רעגיסטער פון די פעלד־אַרבעטער, וואָס מיר לאָזן איבער אינעם לאַנד.
ווייזט אייך נישט אין גרופּן,
און דו...
(צום געפּאַטשטן, יונגן געפאַנגענעם)
קאָנסט מיר צוריקקערן דעם חוב (דערלאַנגט אים די באַק)
(פּויזע. עס הערט זיך אַ צעצויגענער פייף. כאַפּט אָן דעם געפאַנגענעם קראַמפּהאַפט ביי דער האַנט. רעדט האַסטיק, באַפּעלעריש)
האַלט!
מעגלעך אַז דו וועסט נאָך אַראָפּשלינגען אַ בינטל פּעטש.
דער וועג איז פאַראומריינקט...
(מיט אַ האַסטיקער האַנט־באַוועגונג צו דעם געפּאַטשטן)

טראַכט וועגן דעם, אַז צווישן אייערע באַצווינגער געפינט זיך איינער
וואָס האָט פּיינט נקמה.
(יינגעלייט איילן אַרויס)
(ער כאַפּט אָן איינעם און רעדט מיט היץ)
געדענקט, אַז ביים מינדסטן מכשול מאַכט איר מיך פאַר אַ קדוש,
און איר שטעלט מיך אַריין אין דער רשימה פון אייערע הייליקע
אין אייער אייביקן ספר.

(די געפאַנגענע פאַרשווינדן. צווייטער געהילף פאַרשווינדט אין איינעם מיט די באַפרייטע. שראצר גייט אַ פאַרטראַכטער עטלעכע מאָל איבער דער בינע. אינעם ווייטלעכן רויטן האָריזאָנט זעט מען מענער און פרויען מיט קינדער אויף די הענט געטריבענע פון בבלישע סאָלדאַטן מיט אויסגעשטרעקטע שפּיזן. שראצר גייט אַרויף אויפן פּאָדיום. מאַכט מיט די פינגער צוויי רינגען, שטעלט זיי צו צו די אויגן, קוקט אין דער ווייט. יידן לויפן דורך די בינע, נאָך זיי די בבלישע פאַרפאָלגער. די בינע ליידיקט זיך אָפּ.
פון דער נאָענט הערט זיך אַ מעטאַלענער געקלימפּער, אַ בבלישער סאָלדאַט מיט אַ פאַרבלוטיקטן פאַנצער און שפּיז לויפט דורך)

שראצר (שטרענג באַפעלעריש)
שטיין בלייבן! (סאָלדאַט שטעלט זיך אין אַ פאַרשטייפטער פּויזע)
פון וועלכן הייל־מרחץ? (גייט אַראָפּ פון פּאָדיום)

סאָלדאַט
איך מעלד אונטערטעניק:
געענוי אויסגעפירט דעם באַפעל פון זיין הייליקייט נבוזרדן.

שראצר **וועלכן באַפעל?**

סאָלדאַט
איך מעלד אונטערטעניק:
מיט אַ האַלבער שעה צוריק,
אין פאַלאַץ פון יידישן קיניג
אויסגעשאָכטן אַלע קיניגלעכע זין און איניקלעך
ביזן סאַמע יינגסטן זויג־קינד.
(שראצר שטעלט זיך נאָענט פונעם סאָלדאַט. יענער שטעלט זיך אויסגעשטייפּט און גלייך, שראצר קוקט אים אָן שאַרף און דורכדרינגלעך. פּויזע)

שראצר
און פאַרן שעכטן האָסטו אָפּגעריכט אַ געבעט פאַרן שטיינערנעם
אָפּבילד פונעם געטלעכן נבוכדנצר?
(סאָלדאַט נעמט פלאָנטערן מיט דער צונג, פאַרהאַקט זיך)

שראצר

האָסט געשאָכטן, הייסט דאָס, נישט פאַרן רום פון אונדזער געטלעכן קיניג, נאָר בלויז כדי צו באַפרידיקן דיין דורשט נאָך בלוט?

(סאָלדאַט, אַ געשפּאַנטער, שוייגט)

אַט אַזוי פירסטו אויס קיניגלעכע קריגס־באַפעלן

צום רום פון אונדזער קיניגרייך?

(שראצר ציט אַראָפּ זיין גילדענעם, באַפליגלטן העלם, באַטראַכט אים עטלעכע רגעס און שטעלט אים צו צום סאָלדאַטס מויל)

שראצר

אַ כ ט ו נ ג!

וואַרף אַוועק די שפּיז!

(סאָלדאַט שטייפט זיך אויס, נעמט אַן מיט ביידע הענט זיין שפּיז)

(סאָלדאַט צעגערט זיך, שראצר רייסט פון זיינע הענט די שפּיז, וואַרפט זי אָפּ אין אַ זייט, דערלאַנגט ווידער זיין העלם צום סאָלדאַטס מויל)

דער גילדענער העלם איז אַ הייליקער געשענק פון אונדזער געטלעכן קיניג, אַ צייכן פון געטריישאַפט, פון אויספילן באַפעלן מיט דער גאַנצער נשמה.

גיב אַ קוש.

(סאָלדאַט קושט דעם העלם. שראצר, מיט געהאַמעוועטער ביטערקייט און אייפער)

אַט אַזוי קושסטו דעם געטלעכן סימבאָל?

(סאָלדאַט קושט שטאַרקער. שראצר, מיט צעיושעטקייט)

נישט אַזוי!

אַט אַזוי!

(שלאָגט מיטן העלם העפטיק איבערן סאָלדאַטס מויל און איבערן פּנים און רעוועט מיט פאַרקריצטע ציין)

אַט אַזוי.

(שלאָגט אים אָן אויפהער. דער סאָלדאַט פאַלט אום אַ באַגאָסענער מיט בלוט. שראַצר קאָפּעט אים מיטן סאַנדאַל אין בויך. ער טוט צוריק אָן דעם פאַרבלוטיקטן העלם, גייט אַרויף אויפן פּאָדיום, נעמט פּאַטשן מיט די הענט. נעמט פון טיש אַ מעשענעם גלאָק און קלינגט אַ לענגערע וויַל. צוויי דורכלויפנדיקע סאָלדאַטן שטעלן זיך פּלוצלינג אין שטייפער פּויזע)

שראצר
טראָגט פונדאַן אַרויס דעם לעסטערער פון בבלס הייליקייטן,
צום נאָענטן דאָרף.
טרייבט צוזאַמען פון דער סביבה אַלע הינט
זיי זאָלן זיך לאָבן מיט זיין בלוט.

(די סאָלדאַטן טראָגן אַרויס דעם גוססדיקן סאָלדאַט. פויזע. דורך דער בינע נעמען פון דאָס ניי דורכלויפן מענער, פרויען און קינדער — געטריבענע פון בבלישע סאָלדאַטן. ס'הערט זיך אַ געפּישטשעריי, זידלעריי און אומפאַרשטענדלעכע רייד. שראצר קוקט זיך צו מיט אַ פאַרשטיינערט געזיכט).

פ אָ ר ה אַ נ ג

עפּילאָג

(אין האַלב־חרובן ירושלים. ווייט אַרום, ווו נאָר דאָס אויג דער־גרייכט, צעקרומטע, פאַרפוילטע רויכערנדיקע הייזער. דער ווינט הייבט אויף וואַלקנדיקע סאַזשע־שטויב, וואָס דרייט זיך אינעם קרייז־געווירבל און הילט איין דעם האָריזאָנט מיט אַ שאָטן פון באַ־צווונגענקייט און יאוש. אַנגעלויף פון אַ צעיושעטן המון, יונגע און מיטליאָריקע, מיט צעבויגענע שטעקנס און אייזן־שטאַבעס. זיי לאָזן זיך איבער די האַלב־חרובע הייזער — מיט אויסערלעכע שפּורן פון אַמאָליקער שפע און פאַרמעגלעכקייט. זיי ברעכן אויף די טירן, די פאַרהאַמערטע פענצטער און קריכן אַריין מיט געפילדער און ווערן פאַרשלונגען אין די אינעווייניקסטע קוואַדראַטיקע און אומ־פאַרמיקע לאַבירינטן)

אַ טיר־ברעכער (צו אַ צווייטן פון אַ הויז דערנעבן)

דער הייליקער גאָט נבוכדנצר האָט אונדז געבברענגט גליק.

געשריי פון אַ המון

אייביק לעבן זאָל דער גאָט פון בבל!

אַ טויט: דעם פאַרהאַסטן יהוד!

הוררראַ!!

געשריי

מיר זענען די בעלי־בתים איצט

בבלס געטרייע בעלי־ברית און ברידער פון איין גלויבן

די אדומים.

(עטלעכע יונגען ברעכן אויף מיט אייזנס עטלעכע טירן און פאַר־שווינדן אין די שאָטנדיקע אינעווייניקן. פרעמדער אורח מיט נאָך צווי אָפּגעריסענע יינגעלייט מיט געלע מגן־דודס אויף די פּלייצעס וואַרפן אַריין אין די עפענונגען אָנגעצונדענע קלומפּן־שמאַטעס, פון אינעווייניק זעצן אַרויס צעפּאַטלטע פלאַמען)

קולות (פון אינעווייניק)

הייליקער נבוכ...

באַשירעם!

הילף!

אַן אדומי (מיט אַן אייזערנעם שטאַנג, צו אַ צווייטן

וואָס יידן זענען,

זיי פאַרברענען זייער אייגן פאָטערלאַנד.

(עס לויפט דורך אַ מחנה יידן, מענער, פרויען און קינדער געטריבן

אַ שווערד האָסטו דאָך.

(שראַצר נעמט איר האַנט אין זײַנער. זי ציט די האַנט צוריק. קלײנע פּויזע)

שראַצר (זיך וועדנגנדיק)

איך ווײס נישט ווי אַזוי מיט דיר צו רעדן?

שיר־אל (ווײַזט מיט אַ פינגער אויף די אויסגעשטרעקטע סאָלדאַטישע שפּיזן אונטער די פלײצעס פון די געטריבענע יידן)

האָסט צופיל צונגען, דערפאַר זענען די רייד צו שווער.

(שראַצר ציט זי מיט זיך אין אַ זייט, ווו עס ווערן געטריבן יידישע געפאַנגענע. די פאַרבײַגעטריבענע פרויען קוקן אָן שיר־אלן מיט בליקן פול מיט האַס און פאַראַכטונג, די טרײַבנדיקע סאָלדאַטן ווינקען זיך צווײדײַטיק איבער. דער שטח אַרום זיי ווערט ליידיק. די געטריבענע זעען זיך פון אַ ווײַטלעכן מרחק)

שראַצר

איך האָב אַ גרופּע פון דײַנע גלויבנס־ברידער באַזאָרגט

אויף אַ זיכער אָרט.

די סאַמע פאַרביסנסטע שונאים פון בבל.

איך וויל דיר העלפן.

(קלײנע פּויזע)

שיר־אל (מיט צולהכעיסדיקער ביטערקייט)

סתם אַזוי?

פון פירשטלעכער אײדלקייט העלפן אַ יידישקע?

(שראַצר וויל עפּעס זאָגן; שיר־אל רײַסט אים איבער)

ברענג אַהער די קיניגלעכע בילדהויער און מײַסטער פון געמעלן.

זיי וועלן פאַר דער אײביקער אײביקייט אויסקנעטן פון ליים

און אויסהאַקן אין שטיין מיט רויטער הייסער פאַרב.

אַ בבלישער סאָלדאַטן־הויפּט אין זײַן פולן פּראַכט קושט ביים פלאַם

פון ברענענדיקן בית־מקדש זײַן געליבט יידיש מיידל, אָנגעטאָן

אין צעריסענע שמאַטעס, און אין פײַן־געטריבענע יידישע פרויען

מיט קינדער אויף די הענט. (פּויזע)

אין כשדישע פליכיקע חכמים, געניט מיט דער פעדער וועלן

אין קלינגענדיקע גראַמען אָנשרײַבן גרויסע פאַרמעטן, צום אײביקן

רום, צו דיר, דײַן פאָלק און דײַן אָפּגאָט.

(שראַצר וויל עפּעס זאָגן, שיר־אל שלאָגט אים איבער)

אַ שעכט אַ יידישקע מיט איר קינד אויף דער האַנט.

און אַ הייסע ליבע.

אַ פאַרבלוטיקטע באָרד פון אַ יידישן כוהן־גדול
און אַ גליִענדיקן קוש פון אַ מיידל
פונעם צעטראָטענעם פאָלק.

(שיר־אל פאַרקוקט זיך אויף די בלוט־פלעקן פון זיין העלם. ער ציט אַראָפּ דעם העלם פון קאָפּ. באַטראַכט מיט דערשיטערונג די בלוט־פלעקן, געבליבענע פונעם סאָלדאַט, וואָס האָט אויסגעשאָכטן דאָס הויזגעזינד פון יידישן מלך צדקיהו. ער וויל עפּעס זאָגן. שיר־אל אַנטלויפט. שראַצר ציט אויס די הענט, באַוויזט נישט זי איינצו־האַלטן. ער בלייבט שטיין אַ פאַרלוירענער מיט די אויסגעשטרעקטע הענט אין דער לופטן. פּלוצלינג נעמט ער פון זיך רייסן די הלבשה, כאַפּט דאָס שווערדל און שטעכט זיך אין האַרץ אַריין. צוויי סאָל־דאַטן גייען דורך. קוקן אויף דער אַנטלויפנדיקער שיר־אל און צילן אָן די פייַלנבויגנס.

איין סאָלדאַט (דראָענדיק)
שטייט בלייבן!

(פונעם וויַיטלעכן באַרג־אַרויף זעט זיך די לויפנדיקע שיר־אל. צווייטער סאָלדאַט שפּאַנט זיין בויגן און צילט אין איר פּלייצע, זי פאַרלאַנגזאַמט איר לויף און פאַלט אוס. לענגערע פּויזע.
ירמיהו קומט אָן אין אַ בגד פון זאַק־לייוונט, ער טראָגט אויף די הענט די פאַרבלוטיקטע שיר־אל. ער בלייבט שטיין אַ לענגערע וויַיל, קוקט מיט צער אין איר געזיכט, וואָס לעשט זיך אויס)

שיר־אל (מיט אָפּגעהאַקטע קלאַנגען)
איך וואָלט אַזוי קראַנק זיין געוואָלט,
און אים רופן פון היץ מיט פאַרנעפּלטע אויגן.
מיין צעפיבערטער דמיון וואָלט זיין אָפּבילד געמאָלט
ווי ער שטייט איבער מיר אַריבערגעבויגן.
ער שוויַיגט און, ווי תמיד, מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטן בליק,
פאַרקוקט ערגעץ ווו אין דער וויַיט,
ער זעט, ווי גאָט זיין מלאך מיר שיקט
און — פון געפּייניקטן גוף די נשמה צעשיידט.

ס ו ף